STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01847

DER ONHEYB

Nahman Rapp

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן ראפף

דער אנהייב

ד

תנכישע דערציילונגען

פארלאג ״המנורה״ תל־אביב
תשל״ב — 1972

NACHMAN RAPP

DER ONHEIB

THE BEGINING — BIBLE-STORIES

©
Copyright by W. Rapp
כל הזכויות שמורות למחבר

פארלאג "המנורה" תל־אביב
רח' זנגביל 24

נדפס בישראל תשל"ב
Printed in Israel, 1972

דפוס "חבצלת" הרצליה
סידור: משה חמיאל



ציייכנונג צו דער הילע — דוד טושינסקי, פאריז.
קופערשטיכן — חיים דינר.
ציייכענונג פון מחבר: רפאל מאנדעלצווייג

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון קרן הנשיא מר זלמן שזר
און יידישן שרייבער־פאריין אין ישראל

אנוש

אז הוחל לקרוא בשם ה׳ (בראשית)

א

ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, איז שוין געווען שפּעטער פאַרנאַכט פון זעקסטן טאָג. דער מענטש איז, הייסט עס, געווען דער לעצטער פון גאָטלעכן באַשאַף. קלוגע לייט זאָגן, אַז דאָס האָט גאָט געטאָן מיט כוונה: ווען דער מענטש וועט ווערן אָנגעפילט מיט גאווה, זאָל אים דאָס קלענסטע ווערעמל קאָנען זאָגן: איך בין באַשאַפן געוואָרן פריער פאַר דיר. אַזוי צי אַזוי, נאָר דאָס איז געווען דער רצון פון גאָט און ווער וועט אויפשטיין און זאָגן דעם באַשעפער וואָס ער האָט צו טאָן?

אַ קלוג און ליכטיק שמייכל האָט גערוט אויפן פּנים פון כביכול, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די מלאכים: לאָמיר מאַכן אַ מענטש אין אונדזער פאָרעם. קיין איינער פון די מלאכים האָט נישט תופס געווען, וואָס עס גייט דאָ געטאָן ווערן. זיי האָבן נאָר געקוקט אויף גאָטס שמייכל און אַליין אויך מיט דעם זעלבן שמייכל געשמייכלט. ווייל עס איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די מלאכים אין הימל, דאָס זענען די שטראַלן פון כביכול אַליין. זיי לייכטן מיט דעם ליכט פון

גאָט און ווערן קיין מאָל נישט פאַרלאָשן, ווייל קיין מאָל וועט נישט פאַרלאָשן דאָס געטלעכע ליכט.

און דער באַשעפער פון דער וועלט האָט באַשאַפן אַ יצירה, וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש ווי דאָס, וואָס עס לעבט און שטראַלט אין די הימלען. די יצירה פון מענטש איז נאָך געווען איינגעהילט אין סוד און מען האָט נאָך נישט געקאַנט וויסן, וואָס עס וועט פון דעם אַרויסקומען. ערשט ווען צווישן די געטלעכע פינגער האָט גענומען צאַפּלען דער ליים, פון וואָס דער מענטש איז געמאַכט געוואָרן, האָט שוין דער באַשעפער געוווּסט, אַז דאָ וועט געשאַפן ווערן אַ בריה, וואָס וועט איבערשטייגן מיט איר באַטייט אַלע ברואים פון דער וועלט. אַ סך חסד און רחמים דאַרף דער דאָזיקער בריה געגעבן ווערן, כדי זי זאָל זיך קאָנען אויפהאַלטן; אַ סך שיינקייט, כדי נישט פאַרטרונקען ווערן אין יאוש און אַ סך ביטערניש און פּיינען, כדי זי זאָל אירע שיינקייטן קאָנען אָפּשאַצן און נישט מקנא זיין אין ליכט פון די מלאכים. עס איז אַזוי גוט ווי באַשאַפן אַ צווייטע וועלט, אַ נישט הימלישע, און אַנדערע, אין וועלכער די ניי־באַשאַפענע בריה, דער מענטש, זאָל קאָנען לעבן זיין אויסטערליש לעבן.

עס איז באַשאַפן געוואָרן דער מענטש. ביים ערשטן אַריינאָטעם פון גאָט, האָט ער געעפנט זיינע אויגן און גלייך מיט זיי געבליקט אין פנים פון באַשעפער. ער איז געווען שיין, דער מענטש, אין זיין ערשטקייט. די תמימות פון זיין בליק איז דעם באַשעפער ווילגעפעלן געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן, אים צו האָבן נישט ווייט פון די געטלעכע הימלען. האָט ער אָפּגעגעבן פאַר אים דעם גן־עדן, יענעם וווּנדערלעכן גאָרטן, וואָס איז געשטאַנען אויפגעבליט ערגעץ אין אַ זייט און איז נישט געווען באַזעצט פון די מלאכים. אויך די פרוי, וואָס גאָט האָט פאַר אים באַשאַפן, האָט ער אים מיטגעגעבן אין גן־עדן. ווייל סיי דער מענטש, סיי די פרוי זיינע, זענען פון זעלבן ליים געקנאָטן געוואָרן. ביידע האָבן געאָטעמט מיט וואַרעמער תמי־מות אין בליק און, די שאַרפקייט פון הימלישן ליכט, אין וועלכן די מלאכים האָבן געלויכטן, האָט זיי געבלענדט די אויגן. און דער גן־

עדן האָט זיי געקילט מיט זיינע שאָטנס און זיי באַלעבט מיט זיינע לעבעדיקע פרישע ריחות.

און אַלץ וואָס איז געווען אין גן־עדן, איז געווען באַשאַנקען מיט די לעבעדיקע אייגנשאַפטן פון אויפגעבליטער נאַטור אין איר געדייען. די פרוכטן זענען געווען לעבעדיקע און גוט צום עסן. די וואַסערן זענען רויק געפלאָסן צווישן שטיינערנע בערגלעך און קלעטער־פלאַנצן. די לעבעדיקע ברואים, די חיות און עופות, וואָס האָבן זיך אין גאָרטן געפונען, האָבן זיך געלאָזט הערן מיט זייערע קולות און געזאַנג, ווי זיי וואָלטן שוין דאָ געווען פון קדמונים. ביי נאַכט האָט זיך די ערד באַדעקט מיט פרישן טוי און אין דער פרי האָט דער טוי געפינקלט מיט זיין פרישקייט קעגן דער זון. איז דער מענטש מיט זיין פרוי אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן, אַ געהיימער װוּנדער איז אויפגעגאַנגען פאַר זייערע אויגן און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר. און אַזוי זענען אַוועק טעג און נעכט, און נישט קיין זאָרגן און נישט קיין פאַרלאַנגען האָבן זיך דערוועקט אין זייערע מענטשלעכע הערצער. די מלאכים זענען אין דעם גאָרטן נישט אַריינגעקומען. זיי זענען געווען געפאַנגען פון דעם ליכט אין הימל, און די שטראַלן, וואָס זיי האָבן פון זיך אויסגעשטראַלט, האָבן זיי פאַרבונדן מיטן אומגעהויערן ליכט פון דעם באַשעפער. זיי האָבן צוזאַמען מיטן באַשעפער געשמייכלט ביים באַשאַף פון מענטש, אָבער דערנאָך האָבן זיי אין אים מער נישט געדענקט. עס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען, וואָס טוט דאָרט, אין זייטיקן גאָרטן, אין אויסטערלישן גן־עדן, די אויסטערלישע בריה, דער מענטש.

און דער מענטש איז אַרומגעגאַנגען אין גן־עדן אָן זאָרגן און פאַרלאַנגען. ווי די פויגל און קריך־ווערים, שלאַנגען און שטוב־חיות איז ער אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן, געלעקט מיטן צונג פון וואַסער־קוואַל ווען דער דורשט האָט טרוקן געמאַכט זיין גומען און געריסן מיט די ציינער פון וויינשל־בוים ווען דער בויך האָט אים געגרימט פון הונגער. עס פלעגט טרעפן און אין זיין פאַמעלעכן, ציללאָזן אַרומשפּאַצירן אין גאָרטן, האָט ער אָנגעטראָפן אויף דער פרוי, די באַשאַ־

פענע פאַר אים. יענע איז אים אָנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ רויט מויל פון ווײַנשל־זאַפט, אָדער אַ נאַסע פון טונקען דעם קאָפּ אין וואַסער. האָט ער געקוקט אויף איר ווי אויף אַלע באַשעפענישן פון גאָרטן, זיך אָפּגעקערט פון איר און אַוועק. אויך זי האָט דאָס זעלבע געטאָן. און אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן און זיי האָבן געלעבט זייער שטיל, טעמפּ לעבן. דער מלאך, וואָס איז געווען דער ממונה איבערן גן־עדן האָט זיי נישט אונטערשיידט פון אַלע ברואים אין גאָרטן, פון די פיר־פיסיקע וואָס ברומען מיט אַ הוילן געברום, ביז די קריכנדיקע אויף דער ערד און באַנומענע מיט אַ אייביקער שווייגעניש. און דער וווּנדער ביים באַשאַף פון מענטש, וואָס די מלאכים האָבן זיך גע־וווּנדערט איז ביסלעכווייז פאַרלאָשן געוואָרן.

אין דעם טאָג, ווען די פרוי האָט צופעליק געגעסן פון עץ הדעת און האָט געגעבן איר מאַן צו פאַרזוכן פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, איז אויפן הימל פאָרגעקומען אַ גרויסע אויפרודערונג. דער מלאך־ממונה איבערן גן־עדן איז צעטומלט געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט געזען און איז אַליין אויך געשטרויכלט געוואָרן. און געשען איז דאָס אַזוי: ווען די פרוי האָט געגעסן פון דעם פאַרבאָטענעם עפּל, האָט זי דערפילט, ווי עפּעס אַ נייע, ביז איצט נישט געפילטע וואַרעמקייט גייט דורך דורך איר לייב. באַלד איז די וואַרעמקייט אָפּגעפאַלן און אַ ציטער האָט אַרומגענומען אירע נאַקעטע גלידער. זי האָט צוגע־לייגט אירע הענט צו אירע בריסט, דערנאָך צום בויך און געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו פאַרדעקן אירע גלידער. אַ שרעק איז איר באַפאַלן און זי האָט זיך געלאָזט לויפן. אין וועג האָט זי געטראָפן דעם מאַן, און נישט קאָנענדיק אים געבן צו פאַרשטיין וועגן איר פּלוצלונגדיקער שרעק, האָט זי אים געשטופּט דעם געביסענעם עפּל אין מויל אַריין. ביים ערשטן ביס איז אויך דעם מאַן באַפאַלן די ענלעכע שרעק. אין פּחד האָט ער געוואָרפן די רעשט פון עפּל אויף דער ערד און ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן צווישן דעם געבלעטער אין גאָרטן, ווי צעשראָקענע פויגל. אין גרויס פאַרווונדערונג האָט דער מלאך־ממונה זיך צוגעקוקט צו דעם פאָרגעקומענעם, און נישט

געקאָנט תופס זיין, וואָס איז פּלוצלונג געשען מיט אָט די צווײ אויס־טערלישע ברואים. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום אָרט ווו עס זענען פריער געווען דער מאַן מיט דער פרוי און האָט זיי מער דאָרט נישט געטראָפן. אויף דער ערד איז געלעגן דער איבערבלייב פון עפּל, וועלכן זיי האָבן געגעסן און וועלכן דער מאַן האָט אין שרעק געוואָרפן אויף דער ערד. — זאָל דאָס זיין די סיבה פון זייער שרעק? — האָט דער מלאך געקלערט. ער האָט אויפגעהויבן דעם געביסענעם עפּל פון דער ערד און עס באַטראַכט. אַ פּרוכט פון אַ בוים אין גאָרטן, צי קאָן דאָס ענדערן די באַשטימטקייט און רצון פון גאָט? זיי האָבן עס גענומען צו די ליפּן, געביסן מיט די ציין, נו איז וואָס? קאָן עס האָבן אַ ממשות ביז אַריינפאַלן אין פּחד? ער האָט גענומען דעם גע־ביסענעם עפּל, דער מלאך, עס געלייגט אין מויל אַריין און רויק גע־קייט צווישן די ציין.

ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. אַ ווייטיק איז אים פאַרגאַנגען אין האַרצן און אַ אומעט איז אים באַפאַלן. ווו זענען זיי, אָט די צווײ ברואים, דער מאַן און דאָס ווייב? ער וואָלט געוואָלט גיין מיט זיי צוזאַמען איבערן גאָרטן, זיך איינקוקן אין זייער געזיכט און גיין מיט זיי אין זייער טראָט. אַ גרויסע בענקשאַפט איז אים באַפאַלן נאָך זיי. דער גאָרטן איז גרויס און פּוסט, צעבליטע ביימער און צעעפנטע בלומען, קריכנדיקע ווערים און פירפיסיקע חיות, אָבער זיי, די צווײ, וואָס די פּלוצלונגדיקע שרעק האָט זיי אַ יאָג געטאָן פון אָרט, זיי אָנגעצונדן מיט אייגענעם רצון און שאַרפן פאַרלאַנג — זיי זענען נישטאָ!

אַ צעטומלטער איז דער מלאך געשטאַנען און געפילט ווי אין זיין האַרץ גייט אויף אַ פאַרלאַנג צו לויפן און זוכן יענע צווײ, וואָס זענען פון אים אַנטרונען אין שרעק. אָן זיי איז דער גן־עדן פּוסט, דער הימל קאַלט און הויל, דאָס ליכט — אַ שטראַלנדיקער גליווער אָן חיות. די מלאכים אין זייער שירה — אַנגעשטעלטע כלים צום זינגען און שפּילן, אָן אייגענעם רצון און געפיל. ווי שיין זענען זיי געווען, אָט די צווײ, ווען די פּלוצלונגדיקע שרעק האָט זייער האַרץ

אויפגעבראַכן, זייערע בליקן אַנגעצונדן און מיט דעם זיי פאַרענדערט פון אַלע באַשעפענישן אין גאָרטן! ער מוז גיין צו זיי, זיי געפינען און ווערן מיט זיי צוזאַמען, אויפגעלויכטן מיט דער נייער אַנטפּלעק־קונג.

אומזיסט האָבן אים די מלאכים געדופן זיך צו שטעלן אין כאָר זינגען די שירה. ער איז געשטאַנען אין גן־עדן, אַ געפּאַנגענער פון דער גוואַלדיקער בענקשאַפט נאָך די צוויי מענטשן, און דער כאָר מיט די מלאכים, זיינע חברים, האָבן אים אויסגעזען נאַריש און פוסט. די מלאכים האָבן שוין לאַנג אָפּגעזונגען די דריי מאָל קדוש, און ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אויפגעלויכטענער פון דער נייער אַנט־פּלעקונג און צעווייטיקטער פון בענקשאַפטן. ביז די ידיעה וועגן עסן דעם פאַרבאָטענעם פרוכט איז דערגאַנגען פאַרן שטול, און ער אַליין, דער באַשעפער פון דער וועלט, האָט באַפוילן צו פאַרטרייבן די צוויי מענטשן פון גן־עדן און, פאַרשאָלטענע אויף צום שטאַרבן, זיי באַ־פוילן צו וואַנדערן אויף דער ערד.

איצט האָט זיי דער מלאך געזען. זיי זענען געשטאַנען פאַר־שולדיקטע און צעשראָקענע. גאָטס שטים האָט געדונערט אויף זיי מיט צאָרן און זיי האָבן זיך געקאָרטשעט פאַר שרעק. דערנאָך איז געפאַלן אויף זיי די געטלעכע קללה וועגן טויט. זייער שרעק איז אויפגעגאַנגען אין זייערע אויגן אין אַ גרויס פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינע דעם אַנדערן. דעם מלאך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט שׂנאה אין זייערע בליקן. אָט אָט און זיי וועלן זיך וואַרפן איינער אויפן אַנדערן און זיך פאַרצוקן. באַלד אָבער האָט אַ ליכטיקער שמייכל זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע געזיכטער און זייערע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ גרויס גליק. אין זיינע ברייטע הענט האָט דער מאַן אַרומגענומען דעם קאָפּ פון דער פרוי און עס דערנענטערט צו זיין ברוסט. און גליקלעכע, האָבן זיי זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון גן־עדן. און איידער דער בייזער מלאך מיטן שאַרפן שווערד האָט פאַר זיי דעם טויער פאַרמאַכט, האָבן זיי נאָך אַ מאָל אומגעקערט זייערע געזיכטער צום גן־עדן, און אַ פריידיקער געלעכטער האָט אַ

שפּאַר געטאָן פון זייערע מיילער. דער טויט האָט זיי נישט אָפּגע־שראָקן. זיי האָבן, ווייזט אויס, געפונען עפּעס שטאַרקערס און עפּעס גליקלעכערס, וואָס געוועלטיקט אַפילו איבער דער שרעק פון טויט.

איז ער געשטאַנען, דער מלאך, און זיך צוגעקוקט צום זעונג פון זיינע אויגן און צוויי טרערן־טראָפּנס זענען אים פון די אויגן גערונען און אויפגעזידט אויף זיין ברוסט. אין זיינע אויערן קלינגט זייער פריידיקער געלעכטער און פאַר זיינע אויגן שטייט זייער צער און שרעק. וואָס פאַרא צוויי ווונדערלעכע ברואים! מיט זייער שרעק און פריידיקייט האָבן זיי איבערגעוויגן דעם קאַלטן ליכטיקן גליווער פון אַלע הימלען.

און פלוצלונג האָט זיך דער מלאך דערשראָקן: ווי קומען צו מיר אָט די מחשבות, צו מיר, דעם מלאך, ווען מע׳נס אָרט עס איז אין דער קאַפּעליע פון כסא הכבוד, וואָס דאַרף לעבן אייביק און לויבן די גרויסקייט פון גאָט? לאָמיר אַנטרינען פון דעם אָרט ווו די צוויי זענען געשטאַנען און זיך אומקערן צו מיין אָרט אין די הימלען! אָבער ער האָט דערפילט, ווי זיין גוף ווערט שווערער און שווערער, ווי זיין טראָט ווערט צוגעשמידט צום אָרט און זיינע פליגל הויבן זיך נישט צום פלי. איז ער געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און זיך צעוויינט.

שטרענג און געזעצמעסיק גייען די צייטן אין דער אייביקער וועלט פון די הימלען. קיין מאָל הערט נישט אויף די שירה פון די מלאכים און קיין איינער פון זיי פעלט נישט אין הימלישן באַשטאַנד. שוין לאַנג, זייער לאַנג, איז געשען די געשיכטע מיט די צוויי, וועלכע דער כביכול אַליין האָט פאַרטריבן פון גן־עדן. די מלאכים געדענקען שוין נישט וועגן זיי. זייער לויב צו דער בריאה און צו דעם בורא פילט אויס זייערע טעג און נעכט. בלויז איין מלאך קאָן נישט פאַר־געסן יענע צוויי און זיין בענקשאַפט נאָך זיי באַנייט זיך פון טאָג צו טאָג. ער גייט אַרום צווישן די מלאכים ווי אַ פרעמדער, לויכט נישט מיט זייער בליק אין די בריליאַנטענע אויגן און שימערט נישט מיט זיינע אַרבאַטענע פליגל ווי זיי. עס טרעפט און אין מיטן דער שירה

באַפאַלט אים דער אומעט, הערט ער אויף צו זינגען און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ. דעמלט באַקומט זיך אַ פּגימה אין כאָר פון מלאכישן געזאַנג. מען ווייסט נישט פון וואַנען די פגימה קומט און אַ ציטער־נישט גייט דורך דורכן כאָר און דערגייט ביז צום כסא הכבוד. פון דעם אויפגעשטראַלטן קאַלטן ליכט פון די הימלען ציט אים צום ליכט און שאָטן פון גן־עדן, דאָרט ווו יענע צוויי זענען געווען, זיך אַליין דערקענט און פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן. אָבער דער טויער פון גן־עדן איז באַוואַכט. אַ שטרענגער בייזער מלאך, מיט אַ צוויי־שאַר־פנדיקע שווערד אין האַנט היט דעם טויער אויף נישט אַריין און אַרויס. דאָרט, אונטערן באַוואַכטן טויער, ליגן די ערשטע טריט פון זיינע בענקשאַפטן און אַהין קאָן ער נישט דערגרייכן. איז ער אַרומגעגאַנגען אין קאַלטן הימלליכט און געבריט זיין האַרץ מיט הייסע שווערע טרערן.

און איין מאָל איז מיט אים דער ווונדער געשען. בלאַנדזשענדיק אַרום דעם ווונדערלעכן גאָרטן האָט ער געזען די פיר טייכן־שטראָמען, וועלכע גייען אַרויס פון גן־עדן און פליסן אָפּ מיט זילבערנעם געפלוס אַנצוטרינקען די דורשטיקע ערד. האָט ער זיך אין די וואַסערן פאַרקוקט און אַ הייסער פאַרלאַנג איז אין אים אויפגעקומען. ער וועט טונקען זיין הייס לייב אין אָט דעם קילן געפלוס. זיין לייב וועט אין קאַלטן שטראָם פאַלן, און אין דעם יסוד המים זיין פייערדיקן גוף אויפלייזן. ער וועט מער נישט אַרומגיין אין קאַלטן ליכט, מיט אַ האַרץ פול מיט נישט־געשטילטע בענקשאַפטן. ער וועט פאַרלעשן זיין הייסן גוף פון אַ מלאך אין די קילע שטראָמען וואָס דערגייען צו זיי, צו די פאַרטריבענע, וואָס זיין האַרץ גייט אויס אין בענקשאַפט צו זיי.

און אַ אָנגעצונדענער פון אַ הייסן פאַרלאַנג איז ער געשפּרונגען אין דעם טייך גיחון. דער פלאַם־פייער פון זיין גוף האָט דעם טייך אויפגעזאָטן און דער טייכשטראָם האָט גענומען יאָגן מיט קאָכעדיקע כוואַליעס. דער שטראָם האָט פאַרלאָשן פון זיין גוף דעם מלאכימשן בראַנד און זיין גוף האָט זיך אויסגעלאָשן פון הימלישן, דורכזיכטיקן

ליכט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך אין טייכשטראָם געווירבלט און געפילט די שניידנדיקע קעלט פון שטראָמיקן טייך. און דער שטראָם האָט געברויזט און געברויזט, אויפגעזאָטן מיט קאָכיקן פייער און געשפּריצט מיט זודיקן געשפּריץ. ביז עס איז געשען, און דער טייך איז שטיל געוואָרן, זידן אויפגעהערט און זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקער, רויקער שטראָמיקייט. דעמלט האָט דער מלאך דער־פילט אַ האַרטן, שטעכיקן שטויס אין זיינע ריפּן און אַ שטיקעניש אין דער קעל. ער האָט זיינע אויגן געעפנט און איז תיכף פאַרטרונ־קען געוואָרן פון אַ געדיכטער פינצטערניש. ער איז געלעגן נעבן אַ פעלדז אויפן ברעג פון טייך, אין מיטן אַ נאַכטיקער פינצטערניש. דער ווינט האָט געיאָגט די כוואַליעס פון טייך אין אַ שאַרפן זשומענ־דיקן גערויש. דער מלאך איז געלעגן אויפן ברעג פון טייך און גע־ציטערט פון קעלט.

ב

...טרוקן און הויל איז די ערד. דאַרע, אָפּגעטריקנטע וואָרצ־לען פאַרדעקן זי און איר הויט איז פאַרהאַרטעוועט אין שווערן גע־שטיין. פון דער טרוקענער היץ איז זי געשפּאָלטן און אויסגעדאַרט. געבערג פון שטיין איז אויף איר אָנגעהויפט, דורכגעשניטענע מיט ברייטע שפּאַלטן און טיפע, קרומע אָפּגרונטן. דאָרט, אין די ערדישע שפּאַלטן, קריכן אַרום שלאַנגען און עקדישן מיט דורשטיקע אויגן. ערגעצווו רוישט אַ וואַסער־שטראָם. ביי די ראַנדן פונעם געלעגער פונעם וואַסער־שטראָם שפּראָצן ווילדע, קרומע געוויקסן, נידעריקע און פאַרפּלאָנטערטע. אַן איינזאַמע חיה פון פעלד קומט צום וואַסער צו צעברעכן איר בראַנדיקן דאָרשט. עס קומט אויך דער מענטש שעפּן מיט זיינע ברייטע פלאַכע דלאָניעס דאָס וואַסער פאַר זיין גע־טראַנק און צו לויערן אויף דער חיה; זי צו פאַנגען; עסן איר פלייש און נעמען צום באַנוץ איר פעל. זילבערדיק שנירלט זיך דער שטראָם און ווערט פאַרשלונגען אין דער ערד.

ווי עס שטעלט זיך דער טאָג ווערט דער שטייניקער טרוקענער

מדבר נאָך מער פאַרשטיינט מיט אַ הייסער שטילקייט. די שלאַנגען און עקדישן ליגן פאַרטייעט אין די טאָל־שפּאַלטן. דער מענטש, אַזוי פאַרהויערט ווי די חיה און דער שרץ, ליגט איז זיין באַרג — און ברומט זיין גרימיקן געברום פון הונגער. דער וויסטער מדבר לויערט מיט זיין זון־געבראַנד. האָט מורא דער מענטש אַרויסצוגיין פון אונטער דעם הייל־שאָטן. ווערט טרוקן און שטייף די צונג פון לעכצונג נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

ערשט ווען די זון נידערט אַראָפּ הינטער דעם געבערג פון שטיין, גייט אַרויס דער מענטש פון זיין הייל. ער בליצט מיט זיינע הונגעריקע אויגן אין דער אָנקומענדיקער חשכות, שפּיצט אָן זיין געהער אין דעם אוממענדלעכן אַרום און שמעקט אויס מיט די נאָזלעכער, צו דערפילן אַ געשמאַרך פון אַ לעבעדיק וועזן, — צו באַפאַלן און שטילן מיט זיין פלייש דעם גרימענדיקן הונגער. עס איז די ערשטע צייטן פון בראשית, ווען מענטש און חיה, ווייניק אין זייער צאָל און אומבאַהאָלפן, זענען געשטאַנען פאַרבליפטע אַנטקעגן דער ווילדער קראַפט פון דער פאַרשטיינערטער, דורכגעברענטער, וויסטער וועלט.

...אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן שטאַרקע ווינטן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג און זיך אָפּגעשלאָגן אין דער ערד מיט אַ דינעם געוואָי. דער וואַסער־פלוס האָט זיך געווירבלט און איינגעהאַלטן זיין שטראָמיקייט. דאָ און דאָרט זענען אָפּגעפאַלן פון די בערג־שפּיצן פעלזן־שטיקער און געפאַלן אויף דער ערד מיט טעמפּן קלאַפּ. דער געוואָי פונעם ווינט האָט אָנגעפילט דעם טרוקענעם, אָפּגעשטאַרבענעם מדבר מיט אַ קול פון אימה און געהויל. עס האָט אויסגעזען, ווי די ערד וואָלט מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט אויפגעברויזט לעבן, וואָס אָט טוט עס זיך אַ טראָג אָן, מיט שאַרפן נאָגל און בלאַנקן צאָן־געקריץ, שלינגט איין דעם שטייניקן אומגעהויער און פאַרוואַנדלט צוריק דעם באַשאַף מיט זיינע ווילדערנישן אין אַ תוהו ובוהו. די חיות זענען פון די שפּאַלטן אַרויסגעקראָכן, די עטלעכע מענטשן זענען פון די היילן אָפּגעגאַנגען, און אַלע האָבן זיך אין ווילדגעלויף געלאָזט, צו יענעם אָרט פון זייערע פאַטאַלע טרעפענישן — צום

זילבער שפּיגל פון שמאָלן טייך. זיי זענען אָנגעקומען אַהינצו און פּאָר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נישט געוויינטלעכע מראה: אַ גרויס באַשעפעניש, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק צו אַ מענטש, ליגט אויפן ברעג פון טייך אין זיין פולער נאַקעטקייט און ברומט מיט אַ טיפן, שניידיקן געברום. קעגן אים שטייט אַ לעמפּערט פון אַ מורא־דיקער גרויס און מיט שוים אויף דער מאָרדע וואַרפט ער זיך אויפן ליגנדיקן. ביי יעדעס מאָל, ווען די חיה מאַכט איר שפּרונג צו פאַר־צוקן איר קרבן, ווערט זי אָפּגעשטויסן מיט אַ פוס דורך דעם ליגנ־דיקן אויפן ברעג. די חיה ווערט אָפּגעוואָרפן אויף אַ היפשן מהלך, קאָרטשעט זיך אין יסורים, שטייט ווידער אויף און מאַכט ווידער איר פאַרצווייפלטן אָנפאַל. ווידער ווערט זי אָפּגעשטויסן און פאַרגייט ווידער אין איר חיהשן געהויל פון ווייטיק און צאָרן. דערנאָך שטייט אויף דער ליגנדיקער פון דער פייכטער ערד, קוקט זיך אַרום, האַלטנ־דיק זיין האַנט אויף דעם לינקן דיך. פון דאָרט זעט זיך אַ קליינע, בלוטיקע ווונד. איצט זעט מען שוין אויף זיכער: דאָס איז אַ צוויי־פיסיקער, פון אַ הויכן וווקס און ברייטער צעוואַקסנקייט אין די גלי־דער. די אָנגעלאָפענע מענטשן בלייבן שטיין פאַרציטערט פון זיין כוח. זיי קוקן צו אים ווי צו אַ וווּנדער פון ווייטע וועלטן, וואָס קאָן מיט זיין אָטעם־צוג זיי אַלעמען פאַרדאַרבן אין איין אויגנבליק. דער ריזי־קער לעמפּערט קומט דערוויל ווידער צו זיך און מאַכט נאָך אַ מאָל זיין פאַרצווייפלטן שפּרונג צום נאַקעטן מענטש. ער שפּרינגט צו זיין האַלדז, קלאַמערט אים אַרום מיט זיינע מעכטיקע לאַפּעס און שניידט איין אין זיין קאָרק זיינע שאַרפע נעגל. אָבער דער מענטש איז שטאַר־קער פון אים. ער נעמט אַרום מיט זיינע ברייטע דלאָניעס דעם דיקן האַלדז פון דער חיה, דריקט עס צונויף און, די חיה פאַלט אָפּ פון זיין גוף מיט אַ מוראדיקן געהויל און כאָרכל פון גסיסה. זי איז דער־נאָך ליגן געבליבן ביי דעם מענטשנס פיס מיט צעשפּרייטע פיס און פאַרוואָרפענעם קאָפּ, ווי אַ שווערער טונקעלער שטיין.

אַ ווילדער אויסגעשריי פון אַנטציקונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון די מיילער ביי די מענטשן. פון דעם הויכן אויסגעשריי זענען די

חיות זיך צעלאָפּן אין שרעק און די מענטשן זענען געבליבן שטיין מיטן פרעמדן ריז פּנים אל פּנים. זיי האָבן געבליצט מיט זייערע הונגעריקע אויגן צום גוף פון דער טויטער חיה אויף דער ערד און מורא געהאַט זיך צו איר צו דערנעענטערן. דער פרעמדער האָט געקוקט אויף זיי און זיין געזיכט האָט זיך געקרימט אין אַ שמייכל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ערגעצוווּ האָט ער זיי שוין געזען, אָט די שטייענדיקע נעבן אים, מיט די ווילד־צעלאָזענע האָר און שמאָלע גאַרטלען אויף זייערע לענדן. נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווו האָט ער זיי באַגעגנט. ער קוקט זיך איין אין זייערע בליקן און זעט דאָרט אַ פייער פון אָנגעצונדענעם הונגער. הייבט ער אויף דעם גוף פון דער טויטער חיה פון דער ערד, ווי מען הייבט אויף אַ שערבל, און דערלאַנגט עס דעם ערשטן, דעם אין דער נאָענטשטייענדיקן.

אין יענער נאַכט איז געפּראַוועט געוואָרן ביים ברעג פון טייך אַ ווילדע, הייסע סעודה. די הונגעריקע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם אומגעהויער גרויסן גוף פון דער חיה, געריסן פון איר שטיקערווייז, מיט די שאַרפע ציין געגעסן פון איר פלייש און מיט אויסגעשטרעקטע צונגען געלעקט איר בלוט. איצט האָבן זיי אין פרעמדן פאַרגעסן. ער איז געשטאַנען און געקוקט ווי זיי וואַרפן זיך אויפן פלייש, רייסן אַרויס איינער ביים אַנדערן שטיקער פון די באַהאַרטע הענט און לייגן זיך עס אין מויל מיט ווילדן געברום. און ער איז געשטאַנען איבער זיי און געקוקט, געקוקט און נישט פאַרשטאַנען.

דערנאָך זענען אַלע שטיל געוואָרן. זיי זענען געלעגן אויף דער ערד און שווער געסאָפּעט, זאַטע פון דעם פעטן, שפּעדיקן עסן. און אַזוי ליגנדיק, האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו אים, מיט אויגן פול מיט הינטישער דאַנקבאַרקייט פאַרן געגעבענעם שפּייז. אַ לענגערע ווייל האָט עס געדויערט ווי ער איז געשטאַנען איבער זיי און געשמייכלט. פון זייערע אויגן איז פאַרשוווּנדן דער שאַרפער הונגער־גלאַנץ און זייער בליק איז געוואָרן ווייך און מילד. באַלד האָט זיך איינער פון

זיי אויפגעהויבן פון דער ערד, אויפגעהויבן די צעריסענע פעל פון דער חיה און מיט גרויס דאַנקבאַרקייט אין בליק עס צוגעטראָגן צום געקומענעם. דער פרעמדער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים. ווייל ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר געשטאַנען און געשמייכלט. האָט אים יענער די פעל אַרום זיינע לענדן אַרומגעוויקלט און זיין מענלעכע נאַקעטקייט מיט דעם פאַרשטעלט. ערשט איצט האָט דער פרעמדער געזען, אַז די אַלע זענען מיט גאַרטלען אַרום די לענדן אַרומגענומען און, אין זייער דאַנקבאַרקייט האָבן זיי אים די חיה־פעל געשענקט פאַר אַ בגד. האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט אין דער הויך און האָט זיי געדאַנקט. דער מענטש, וואָס האָט אים די פעל דערלאַנגט איז געווען אַ פרוי. פון צווישן אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר, געפאַלענע אויף איר אַקסל און האַרצן, האָט זיך אַרויסגעזען איר ברוסט, אַ אָפגעברענטע פון דער זון, ווי געשייערטער קופער. באַלד איז זי ווידער אונטערגעשפרונגען צו אים און מיט אַ פינגער געוויזן אויף דער קליינער, בלוט־טריפנדיקער ווונד אין זיין זייט. דערנאָך האָט זי זיך אַנגעבויגן און מיט איר צונג פלינק גענומען באַלעקן די אָפענע ווונד. דעם געקומענעם איז פון דעם לייכטער געוואָרן און דער בלוטפלוס האָט זיך אָפגעשטעלט. דערנאָך האָבן זיך אַלע פון אָרט גענומען רירן, עפעס געשריגן צו דעם פרעמדן און גענומען לויפן גיך צו דעם אָרט פון וואַנען זיי זענען געקומען.

דעמלט האָט דער פרעמדער זיך געזעצט אויף אַ שטיין און גענומען זיך איינקוקן אין דער ווייט. פון וואַנען קומט ער אַהער? — האָט ער זיך געפרעגט. געדענקט האָט ער, אַז דער קאַלטער וואַסערשטראָם האָט זיין לייב געגליווערט און ווי מיט מעסערס זיין לייב געשניטן. אָבער ווער איז ער? ווי קומט ער אַהער? דאָס האָט ער נישט געוווסט.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל. דאָרט האָבן שעמערירט קליינע, גרינע שטערן. עס איז אים גוט געווען צו קוקן אין די דאַזיקע קליינע ליכטער. אַרום איז שווערע פינצטערניש. פון דעם חושך טוט וויי דער בליק און אַ נאָגעניש פאַרגייט אין האַרצן. ווי

גוט וואָלט געווען, ווען ער קאָן צו זיך אַראָפּנידערן כאָטש איינעם אַזאַ קליינעם שטערן־שיין און עס צערטלען צווישן די פינגער. אָבער דער הימל־געוועלב איז הויך, נישט מיטן האַנט צו דערלאַנגען. ער האָט זיך דערמאָנט אין די מענטשן, וועלכע זענען דאָ נאָר וואָס גע־ווען. זיי מוז זיין זייער טרויעריק, אין אָט דעם געדיכטן חושך. און אַ צער איז אים באַפאַלן פאַר זייער מענטשלעכער פּיין.

די פּעל האָט געוואַרעמט זיינע לענדן און אין האַרצן האָט ער געדאַנקט יענער, וואָס האָט אים די פּעל געשענקט. דער פוסטער ווילדער אַרום, אַ פאַרטרונקענער אין דער נאַכט, יאָגט אָן אויף אים אַ אומעט. די מענטשלעכע שטימען, זייער געשריי און געלעכטער האָט אים אויף אַ וויל געמאַכט פאַרגעסן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. איז ער אויפגעשטאַנען פון שטיין און זיך געלאָזט גיין אין די טריט פון יענע, וועלכע זענען אַוועק פון אים. נאָר די שטיי־ניקע פעלדער זענען געווען ברייט און גרויס. די הויכע בערג זענען געווען פאַרטרונקען אין דער נאַכטיקער פינצטערניש און אויפגעקו־מען ווי אַ שוואַרצע וואַנט נישט דורכצושפּאַנען. ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין די קני פון דעם לאַנגן אַרומשפּאַנען איבערן שטיי־ניקן פעלד. האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן קילן שטיין פון פעלד, צוגעשלאָסן די מידע וויעס און פאַרזונקען געוואָרן אין אַ האַרטן שלאָף.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען אַ פלאַקערדיקע זון האָט שוין געהאַט באַגאָסן שטיין און פליין. ער האָט געעפנט די אויגן און — אַ שאַרף ליכט האָט אים אַ בלענד געטאָן. אַ געוואַלדיקע פרייד האָט ער דערפילט ביים צוריק אָפּגעפינען דאָס ליכט, נאָך וועלכע ער האָט געבענקט און געמיינט אַז ער האָט זי פאַרלאָרן אויף אייביק. פון גרויס פרייד האָט ער גענומען לויפן פאָרויס און פון זיין מויל האָבן זיך געריסן קולות פון פרייד און גליק. ער איז געלאָפן אָן אַ ציל און אָן אַ אָפּשטעל, ווי ער וואָלט מיט זיין לויפן געוואָלט געניסן דאָס גאַנצע ליכט, אין וועלכן דער גרויסער מדבר איז געווען פאַר־

פלייצט. און אַזוי לויפנדיק אָן אָפּשטעל, איז ער אָנגעקומען צום ערשטן מענטשלעכן געצעלט.

צופוסנס פון אַ באַרג, ביי זיין סאַמע ראַנד, האָט זיך געשוואַרצט אַ טונקעלע עפענונג אין באַרגיקן געשטיין, ווי אַ גרויס, פינצטער, אָנצייגיק מויל. איצט איז דער באַרגשפּיץ געווען באַגאָסן מיט העלן זונליכט, און דער שאָטן אַרום דער באַרגהייל איז פון דעם אַרומיקן הויכן ליכט געווען נאָך שווערער און טונקעלער. דער פרעמדער איז געגאַנגען אַנטקעגן דעם אין זון־באַגאָסענעם באַרג און געמיינט אָפּ־צורוען ביי זיין צופוסנס אין קילן שאָטן פון דער הייל.

אָבער צוקומענדיק נאָענט צו דער הייל איז ער שטיין געבליבן. פון אינעווייניקסטן טונקל זענען אין איילעניש אַרויסגעשפּרונגען צוויי מענטשלעכע געשטאַלטן.ביידע באַהאָריקט מיט לאַנגע געדיכטע האָר, געפאַלענע פון זייערע קעפּ ביז איבער די לענדן. זייערע פינגער פון די הענט פאַרענדיקטע מיט שמאָלע שאַרפע נעגל און צווישן זייערע טונקל־רויטע ליפּן האָט זיך געבלאַנקט די ווייסקייט פון זייע־רע שאַרפע ציין. ביי איינעם פון זיי זענען די פיס געווען באַוואָקסן מיט געדיכטע רויטע האָר, און הויך די האָר־פּאַסמעס, געפאַלענע פון קאָפּ אויפן גוף, האָבן זיך געפלאָכטן מיטן האָר־געוווקס וואָס אויף זיין ברוסט און אויפגעלאָפענעם רונדן בויך. ביים צווייטן איז דער גוף געווען גלאַט און ברוין ווי אָנגעברענטע קופּער און פון אונטער זיין האַלדז אַראָפּ, אויף זיין ברוסטקאַסטן, האָבן זיך געטור־רעמט צוויי פולע ברוסטן מיט שאַרף־אויפגעשפּיצטע, טונקעלע נאָפּ־לען. דער פרעמדער האָט זיי באַטראַכט און געוווסט, אַז דיביידע, דאָס זענען אַ מאַן און אַ פרוי.

די ביידע זענען אַרויס פון דער הייל און, שטייענדיק איינער קעגן צווייטן, זיך שאַרף אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו באַפאַלן איינער דעם צווייטן. דער מאַן האָט געהאַלטן אין זיין האַנט אַ שטיק פלייש, אויף וועלכן דאָס פאַרטריקנטע בלוט האָט זיך פאַר־צויגן מיט אַ ברוין־בלויער הויט. ער האָט עס גענומען צו זיין מויל און געוואָלט עס נעמען צווישן זיינע ציין. באַלד אָבער האָט ער עס

געכאַפּט אויף צוריק, ווייל די פרוי האָט זיך צו אים געוואָרפן מיט אַ הויכן געהויל, ווי אַ אויסגעהונגערטער וואָלף, און מיט די באַ־נאָגלטע פינגער זיך געוואָרפן אויף אים, צו דעראָבערן פון אים די געגאַרטע שפּייז. אַ העפטיקער געראַנגל איז פאָרגעקומען צווישן די צוויי. אַ אָנגעצונדענער פון כעס האָט דער מאַן זיך געוואָרפן אויף דער פרוי, איר געשלאָגן מיט זיינע הענט און פיס, און זי האָט אַלץ זיך געקלאַמערט אַרום אים, מיט אויגן פאַרשטאַכענע אין פלייש־שטיק און פון איר האַלדז האָט זיך געריסן דער יאָמער פון הונגער. דער קאַמף צווישן די צוויי איז געוואָרן שטאַרקער און פאַרביסענער. זיי האָבן זיך געקנוילט אויף דער ערד און אויפגעשטאַנען איינער קעגן אַנדערן ווי ווילדע סטיכיעס, צום פאַרשלינגען איינער דעם צווייטן. לסוף האָט דער מאַן גענומען די אויבערהאַנט אין דעם פאַרביסענעם געראַנגל און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין איר דיך, זי דערווייטערט פון זיך. זי איז געפאַלן מיטן פנים צו דער ערד און זיך פאַרגאַנגען אין אַ הויכן, הוילן געיאָמער. דער מאַן איז געשטאַנען ווייט פון איר און געשלונגען גיך די פלייש־ביסן אין זיין מויל, ווי ער וואָלט זיך געפאַרכט, מען זאָל אין דער לעצטער מינוט נישט צונעמען פון אים זיין שפּייז, דאָס געווונענע אין פאַרביסענער שלאַכט.

דער פרעמדער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום געראַנגל פון די צוויי מענטשן מיט גרויס נייגיר. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז די צווייטע, די פרוי, איז שוואַכער פאַר דעם מאַן. ווען זי באַקומט אַ קלאַפּ פון דעם מאַן, פאַלט זי אַפּ פון אים אויף אַ געוויסן מרחק, אין דער צייט, ווען ער, דער מאַן, בלייבט שטיין אויף זיינע פיס נאָך יעדן קלאַפּ וואָס ער באַקומט פון דער פרוי. ער האָט דערפילט אַ באַגער זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון דער פרוי, העלפן איר אין איר פאַרצווייפלטן קאַמף ביים אָפּנעמען דעם ביסן פון דעם מאַן וואָס איז שטאַרקער פון איר. נאָר אָט זעט ער, ווי די שלאַכט איז שוין געענדיקט. דער מאַן האָט שוין פאַרצערט צווישן זיינע בלאַנ־קע ציין די גאַנצע שפּייז, און זי, די באַזיגטע, ליגט אויפן שטייניקן פעלד אַ הונגעריקע און פון איר האַלדז רייסט זיך אַ הונגעריקער

יאָמער. פּאַמעלעך האָט ער זיך צו איר דערנענטערט, געבליבן שטיין איבער איר און געזאָגט צו איר מיט אַ מילדער שטים, פול מיט רחמנות:

שטיי אויף פון דיין ליגן, פרוי, ווייל די זון וועט פאַרברענען דיין קאָפּ!

זי האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט און אים אָנגעקוקט מיט אויגן אָנגעצונדענע פון שרעק. זיין הויכע געשטאַלט האָט געאָטעמט מיט אויסערגעוויינלעכער גבורה. אָט וועט ער זיך וואַרפן אויף איר און וועט איר פאַרצוקן. מיט אַ שאַרפן אויסגעשריי האָט זי זיך געלאָזט לויפן פאַרויס, אַנטלויפנדיק אין פּחד פאַרן פרעמדן. און ער, דער פרעמדער, איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען. „זי איז הונגעריק״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל איר העלפן צעברעכן דעם פּיין פון איר הונגער.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. אָבער זי איז שוין געווען ווייט. ווילד איז זי געלאָפן, מאַכנדיק דעם ברייטן אומקרייז אַרום באַרג און פאַרשוווּנדן ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש אונטער אַ קרומען פעלז. ער איז געלאָפן אין אירע שפּורן, זי געזוכט און נישט געפונען. און נאָר איר פלוצלונגדיקער הויכער אויסגעשריי האָט אים געפירט צום אָרט ווו זי האָט זיך געפונען. ער איז אָנגעלאָפן צום אָרט און זי געטראָפן אין אַ הייסן פאַרצווייפלטן געראַנגל, אויף לעבן און טויט, מיט אַ האַריקער, הונגעריקער פעלד־חיה, אַ צונויפגעדריקטע און געקאַרטשעטע אַרום איר גוף. ביידע, מענטש און חיה, האָבן פאַרשניטן זייערע נעגל אין זייער טויט־שונא, און פון ביידנס מיילער האָבן זיך געריסן פאַרשטיקטע, קורץ־אָטעמדיקע קולות און ווייסער שוים אויף זייערע ציינגער. דאָס מאָל האָט דער פרעמדער נישט געזוימט, ער איז צוגעלאָפן צו די צווי צונויפגעקנוילטע גופים, צונויפגעדריקט מיט זיינע מעכטיקע דלאָניעס דעם האַלדז פון דער חיה און באַפרייט פון איר געקלאַמער דעם צעוווּנדיקטן גוף פון דער פרוי. די חיה איז געבליבן ליגן ביי זייערע פיס, מיט אַ אָפן מויל און

אַרויסגעשטעקטע רויטע צונג. די פרוי, אַ באַפּרייטע פון פחד פאַר דער רויב־חיה, איז אַריינגעפאַלן אין אַ נייער שרעק פאַר דעם פרעמדן. האָט אין שרעק ווידער זיך געלאָזט לויפן פון אים. אָבער דאָס מאָל האָט ער זי פאַרהאַלטן:

— לויף נישט פון מיר, איך וויל נישט טאָן צו דיר קיין שלעכטס!

אָבער זי האָט זיך געריסן פון זיין האַנט מיט אַ הויכן געשריי און ווילדער שרעק אין די אויגן. האָט ער זי פעסט געהאַלטן אין זיין האַנט און באַפוילן:

— צעפּערטל דעם גוף פון דער חיה און זעטיק זיך מיט איר פלייש.

ער האָט זי גענידערט אויף דער ערד און אין צאַפּלדיקער שרעק האָט זי זיך צוגעקוקט, ווי ער צעפּליקט דעם גוף פון דער חיה, דער ריח פון פרישן פלייש און דער געפלוס פון בלוט האָט אָנגעצונדן איר הונגער אויף ס׳ניי און האָט געמאַכט פאַרגעסן אין איר די שרעק. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פלייש און עס גענומען פאַרצוקן שטיק נאָך שטיק און געלעקט מיטן צונג דעם ברוינעם טונקעלן בלוט, וואָס איז גערונען פון אירע ליפּן. דערנאָך איז זי געבליבן זיצן אַ רויקע און אַ זאַטע. איצט האָט זי געוווסט, אַז זי טאָר פון דעם פרעמדן נישט אַוועקגיין, ווייל נעבן אים האָט זי געגעסן זיין שפּייז און ער האָט עס נישט פאַרמיטן פון איר. האָט זי געקוקט ווי דער פרעמדער לייגט אין זיין מויל שטיקער פון צעפּערטלטן פלייש און קוקט אויף איר רויק און אָן כעס. איז זי פון דעם אויך רויקער געוואָרן און דעם פרעמדן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר מויל קרימט זיך אין אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט און חסד. דערנאָך האָט ער געזען, ווי די פרוי קאַרטשעט זיך צונויף, בלייבט זיצן מיט די קני אונטערגעשפּאַרט אונטער דער קין, און איר צונג, הייס און פלינק, נעמט באַלעקן די ווונדן און ראַנץ, וואָס זי האָט באַקומען בעת איר קאַמף מיט דער חיה.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער, פונאַנדערגענומען די גע־

דיכטע האָר פון איר קאָפּ, וועלכע האָבן פאַרדעקט איר גאַנצן, זיצנ־דיקן גוף און באַטראַכט איר געזיכט. אירע אויגן זענען שוין נישט געווען אָנגעצונדן מיט ווילדקייט און שגעון, און נאָר אַ שטומער צער האָט אַרויסגעקוקט פון זיי. אירע ברוסטן האָבן געטריפט מיט בלוט פון די טיפע נעגל־קריצן וואָס די חיה האָט געמאַכט אין זיי. זי האָט איצט באַלעקט די ווונדן ווי אַ פאַרווונדעטע חיה און פון מאָל צו מאָל געהויבן אויף אים איר בליק, אין וועלכן עס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זען דאַנקבאַרקייט. און ער איז געזעסן נעבן איר, גע־פירט מיט זיינע פינגער איבער איר געזיכט, איבער אירע ברוינע, קופּערנע אַקסלען און דאָס פאַרטריקנטע בלוט פון אירע צעווונדיקטע ברוסטן האָט אים אָנגעפילט מיט אַ שטומען, נישט פאַרשטענדלעכן וויי.

פלוצלונג האָט זי זיך אויפגעשטעלט האַסטיק און אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ קליין שאַרף פייערל פון שרעק. זי האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט צום פעלד און גענומען לויפן פאַרויס.

ער האָט פאַרוואָרפן דעם איבערבלייב פון דער צעריסענער חיה אויפן אַקסל און זיך געלאָזט נאָך איר. זי איז געלאָפן פאַרויס און ער האָט נאָך איר געמאַכט זיינע ברייטע שפּאַן. זיי זענען אָנגעגע־קומען צום הייל, ווו ער האָט זי געהאַט פריער געטראָפן. קיינער איז ביים הייל־אַריינגאַנג נישט געווען. זי האָט זיך שאַרף אַרומגע־קוקט, ווי זי וואָלט מיט איר אומרויקן בליק עפּעס געזוכט אַרום זיך. נאָר אויפן גאַנצן לענג און ברייט פון שטייניקן פעלד, צופוסנס פון דעם באַרג, איז נישט געווען עפּעס צו באַמערקן. און געוויס האָט זי נישט געקאָנט זען, ווי ווייט פון דאַנען, ליגן די רעשטלעך ביינער פון דעם, מיט וועמען זי איז ערשט נישט לאַנג געווען פאַרגאַנגען אין אַ שווערן געראַנגל פאַרן ביסן פון מויל. דאָס זענען געווען די רעשט־לעך ביינער פון איר מאַן, מיט וועלכן זי האָט פאַרבראַכט אירע טעג און נעכט אין הייל. זי איז אַריין אין הייל און נאָך איר דער פרעמ־דער. אַ פינצטערניש און טוכלע פייכטקייט האָט דאָרט געהערשט. דער פרעמדער האָט גאָרנישט געזען וואָס עס געפינט זיך אין דעם

חושך. ער האָט נאָר געהערט אַ שאַרף דין געוויין פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס שנײַדט דעם געהער און פאַרגייט ביים האָרץ. באַלד איז די פרוי אַרויס פון דער הייל און אויף אירע הענט האָט דער פרעמדער געזען זיך צאַפּלען אַ קליין מענטשלעך באַשעפעניש. דער פרעמדער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי די אויפגערודערטע מאַמע שטעקט אין אָפענעם מויל פון איר קינד דעם טונקעלן שטייפן נאָפּל פון איר צעוווּנדיקטער ברוסט און נישט פאַרשטאַנען פון דעם וואָס ער זעט. ער האָט נאָר געפילט, ווי זיי ביידע, די מאַמע מיט איר קינד ווערן אים, פון מינוט צו מינוט נאָענטער צו זײַן האַרץ און ער ווערט צו זיי צוגעבונדן אויף מער נישט אָוועקצוגיין פון זיי. ער האָט געקוקט אויף דער מוטער, אויף וועמענס געזיכט האָט איצט געשפּילט אַ רויקער שמייכל און אויף דעם קינד, וועמענס קליינע אויגן שליסן זיך פאַמעלעך, נאָך דעם ווי עס האָט זיך צו דער זעט אָנגעטרונקען מיט רו און זעטיקייט. ער האָט געשמייכלט צו זיי ביידן און געפילט, ווי אין זײַן האַרץ צעגייט זיך אַ וואַרעמקייט און זײַנע חושים ווערן פאַרטרונקען מיט אַ זיסן, פאַרשלעפּערדיקן געטראַנק. זי איז אויפגעשטאַנען פון שטיין ביי דער הייל, זיך געלאָזט מיט איר קינד אויף די הענט אינעווייניק און ער איז איר נאָכגעגאַנגען. דער־נאָך, ווען דאָס קינד איז איינגעשלאָפן רויק, אויפן ווייכן געלעגער, געבעטן פון טיגער־פעל, האָט זי זיך געלייגט נעבן דעם פרעמדן און געלאָזט רוען איר קאָפּ אויף דער ברייטער ברוסט פון אים, איר גע־פונענעם באַשיצער. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט בליקן פאַרשטאַכענע אין דער טונקלקייט פון דער הייל און זײַנע פינגער האָבן געקעמט דעם געדיכטן שויבער פון אירע האָר.

ג

די שטיינערדיקע ערד האָט אויפפלאַצן גענומען און פון צווישן די ברייטע פאַלדן האָט גענומען אויפשפּראָצן גרינער יונגער גראָז. די זון האָט ווי איר קראַפט פאַרלאָרן און זיך געראַנגלט צווישן שווע־רע טונקעלע וואָלקנס. לאַנגע טעג האָט פון פאַרכמאַרעטן הימלישן

געוועלב געגאָסן מיט פלייץ־רעגן און האָט דעם שמאָלן טייך אָנגע־פּוישט און אים אויסגעגאָסן פון זיין געלעגער. די לופט איז געוואָרן קיל און דערקוויקנדיק. אין די נעכט האָבן פון די בערג געשניטן די לופט קאַלטע, שאַרף־שניידנדיקע ווינטן. אין אַזעלכע נעכט, איז דער מענטש געלעגן באַהאַלטן אין זיין הייל און געציטערט פאַר קעלט.

אָבער דאָס איז שוין נישט געווען יענער אומבאַהאָלפענער, איבערגעשראָקענער מענטש, וואָס גראָבט זיין הייל אין דער ערד און האָקט זי אויס אין שטיין צופוסנס פון באַרג. אַלטע לייט געדענקען נאָך, ווי חנוך, דער הויכער שטאַרקער ריז, מיט די קינדערישע בלויע אויגן, האָט די ערשטע שטיינער אויף זיין קאַרק געשלעפּט, זיי צו־נויפגעטראָגן אין אַ גרויסן עגול אויפן פעלד און אָפּגעצאַמט דעם גרויסן פליין פאַרן צוטריט פון דער חיה. דערנאָך האָבן זיך די מענטשן צונויפגענומען און פון די אָנגעטראָגענע שטיינער צונויפגעשטעלט נידעריקע קליינע היילן. די שטיינערנע היילן, אַרומגעשמירטע אין די שפּאַלטן מיט נאַסן ליים, האָבן נישט דורכגעלאָזט די ברענענדיקע היץ ביי טאָג און דעם שניידנדיקן ווינט אין די נעכט. ווען דער רעגן האָט געגאָסן פון הימל, זענען די מענטשן געלעגן אין זייערע היילן און באַשיצט זייער נאַקעט לייב פון געפלייץ. זיי האָבן געגעסן פון דעם פאַרגרייט פון זייער פאַנג און זיך נישט געקימערט וועגן מאָרגנ־דיקן טאָג. ווייל אַלץ האָט ער זיי געלערנט, דער אַלטער חנוך, צום פאַרזיכערן זיך דאָס לעבן אונטער שטיינערנעם פלויט און אויך באַהאַלטן דאָס איבערגעבליבענע שפּייז אויף אַ שפּעטערער הונגע־ריקער שעה. ער האָט זיי אויך געלערנט אויפגראָבן די אָדערן פון דער ערד מיטן שאַרף פון אַ שפּיציקן שטיין, לאָזן רינען אויף דעם אויפגראָב דאָס וואַסער פון הימל, פון וואָס עס ווערט אויפגעוואָקסן פון דער ערד גרינער גראָז און פרישער געבלעטער. דאָס צעוואָקסענע גרינס האָט מיט זיין ריח און שטילן געווירבל אין ווינט צוגעצויגן פון ווייט די הונגעריקע בהמה און שאָף. רויק און אָן מורא זענען די בהמות געשטאַנען מיט די קעפּ גענידערט צום גרינעם אויפשפּראָץ

און געקייט די פייכטע פרישע שפייז. זיי האָבן שוין דאָס אויפגע־בליטע פעלד מער נישט פאַרלאָזן, זיך דאָרטן געמערט און געפיטערט. דער מענטש האָט זיי באַצוווּנגען אָן שום אָנשטרענג און סכנה.

אין דעם ברייטן שטיינערנעם עגול זענען אין פאַרנאַכט גע־זעסן אַלט און יונג, און זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם אַלטן חנוך. די יונגע האָבן געהערט און נישט פאַרשטאַנען. און נאָר די אַלטע, פאַר וועמענס אויגן דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָבן גע־שאָקלט מיט די קעפּ און באַוווּנדערט די חכמה פון דעם אַלטן ריז, וואָס זיינע לאַנגע גרויע האָר האָבן נישט באַוויזן אויסצוזויגן פון זיינע ביינער זייער קראַפט. ער האָט זיי דערציילט וועגן די שווערע ליידן פון מענטש, ווען ער האָט נאָך קיין היים נישט געהאַט, געלעגן אין אויסגעפּונענע שטיינערנע היילן, ווייט איינער פון אַנדערן, און געגאַנגען אין קאַמף מיט דער ווילדער חיה מיט ליידיקע הענט. היינט דינט אים דער שפּיציקער שטיין פאַר אַ געווער. אויך די שטילע בהמה גיט דעם מענטש איר פלייש און מילך. אָבער דעמלט, דעמלט...

ער האָט געהאַלטן זיין אייניקל אָנוש אויף זיין שויס און אים געגלעט איבער זיין קופּער־רויטן קאָפּ. דאָס קינד האָט געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אין פּנים פון זיין זיידן און זיך צוגעהערט צום זיידנס דערציילן, ווי צו אַ מעשׂהלע. פון דעם דערציילן איז דאָס קינד איינגעשלאָפן אויף זיינע קני מיט אַ רויקן, קינדערישן שלאָף. די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט און אַרומגענומען דעם ברייטן שטיינער־נעם הויף אין אַ געדיכטער פינצטערניש. פּאַמעלעך, מיט אויגן פאַר־חלומטע און מיט הערצער פאַרטראַגענע אין אַמאָליקע צייטן, האָבן זיך אַלע געהויבן פון זייערע ערטער און אַריין אין זייערע שטיינערנע הייזלעך, איבערצושלאָפן די פינצטערניש און זיך דערנאָך אויפצו־כאַפּן מיטן שפּראָץ פון טאָגליכט. איינער אַליין איז דער אַלטער חנוך געבליבן אין שטיינערנעם עגול, מיטן שלאָפנדיקן אייניקל אין זיין שויס.

ער האָט געקוקט צו די איינצלנע שטערן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן דורכן שווערן פאַרוואָלקנטן געוועלב און די פאַרטייעטע

בענקשאַפט אין זיין האַרץ, וואָס האָט געיערט אין אים דורך אַלע יאָרן אויף דער ערד איז ווידער אויפגעגאַנגען. ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט, זיין גוף איז שוין זאַט מיט יאָרן און מי, און דאָך איז ער נאָך נישט דערגאַנגען צו יענעם ליכטיקן פונק, וואָס האָט אַ מאָל אויפגעבליצט און איז געבליבן אין זיין געדעכעניש. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ ליכטיקער, זאַרגלאָזער שמייכל און זיין אויער האָט פאַרנומען אַ זילבערנעם קלאַרן געלעכטער, וואָס מאַכט גרינג דאָס האַרץ און פאַרטרייבט פון איר די מורא פאַר דער פּיין און פאַרן טויט. נישט שוין זשע וועט ער אויסגיין און זיך נישט דערשלאָגן צו אָט דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל?

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין ווייב. איצט ליגן אירע טרוקענע ביינער ערגעץ אין פעלד. די אַלטע זקנה האָט אים נישט געהערט און זיך געלאָזט אין פעלד איינע אַליין אויף פאַנג. ביים ערשטן שטויס פון דער חיה איז די אַלטע אומגעפאַלן פון אירע פיס און איז צעפּרעסן געוואָרן דורך די שאַרפע חיהשע ציין. אָבער אַ מאָל, ווען ער האָט זי באַגעגנט, איז זי געווען יונג און שטאַרק און גוט איז געווען צו געפינען רו פאַר די אָנגעשפּאַנטע גלידער אין איר קופּער־ברוינעם לייב. זי איז געווען ווייליק און געהאַרכזאַם צו אים, באַלד פון יענעם טאָג, ווען ער האָט זי פון די חיה־נעגל אָפּגעראַ־טעוועט און איר הונגער געשטילט. פון יענעם טאָג זענען אַ סך אַ סך יאָרן אַוועק. זי האָט פון אים קינדער געבוירן און זיי גענערט מיטן מילך פון איר ברוסט. אָבער ווען ער פלעגט קוקן אין אירע אויגן און געוואָלט אין זיי געפינען יענעם גליקלעכן פונק, וואָס וואָרצלט אין זיין געדעכעניש און ער קאָן זיך נישט דערמאָנען ווו ער האָט אים געזען, האָט ער אים אין אירע אויגן נישט געפונען. אירע אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט הכנעה און פאַרטייעטער מורא, איר רוקן איז שטענדיק געווען אָנגעבויגן און גרייט אויפצו־נעמען דעם ווייטיקלעכן קלאַפּ פון איר מאַן און באַשיצער, וואָס מוז זי שלאָגן, ווייל ער איז שטאַרקער פון איר. און ווען דער דערוואַר־טער קלאַפּ איז נישט געקומען, האָט זי אים די פיס געקושט, ווי

אַ שטוב־חיה, וואָס איז דאַנקבאַר דעם באַלעבאָס פאַרן געשאָנקענעם ביסן. ניין, נישט זי איז עס געווען, וואָס האָט דעם אויסלייזנדיקן שמייכל געטראָגן אויף אירע ליפּן. אים איז נאָך באַשערט אַ סך אַ סך צו קוקן אין די שטערן פון הימל, אַרומגיין אויף דער טרוקענער ערד, וואָס באַוועגט זיך פּאַמעלעך צום לעבן, און זוכן יענע פרייד אין בליק און לויטערקייט אין שטים, וואָס לייזט אויס דאָס האַרץ פון שרעק און פּיין. „זאָל זיין אַז דאָס איז אַ חלום? אַן אויסדאַכטע־ניש?" — האָט ער שווער געטראַכט, קוקנדיק ביז ווייטיק צו די שטערן אין הימל.

דער קליינער אֶנוש איז געלעגן אין זיין שויס און האָט לייכט געאָטעמט. באַלד האָט ער זיך איבערגעוועקט, צעעפנט די אויגן און זיך דערשראָקן פאַר דער אַרומיקער פינצטערניש:

— זיידע חנוך, איך האָב מורא!

— שרעק זיך נישט מיין קינד — האָט אים דער זיידע געגלעט איבערן ברוינעם קאָפּ. די נאַכט גייט פאַריבער און דער ליכטיקער טאָג קומט אָן. דער ליכטיקער טאָג מאַכט צו זיינע אויגן און רוט, פון דעם נעמט זיך די נאַכט. באַלד וועט דער טאָג זיינע אויגן עפענען, און אַלץ וועט צוריק ווערן ליכטיק.

— און פאַר וואָס שלאָפט נישט דער טאָג מיט אָפענע אויגן? עס וואָלט דאָך שטענדיק געווען ליכטיק?

חנוך האָט אַ שמייכל געטאָן. אויך אים, דעם קליינעם אֶנוש, ציט צו ליכט און שיין. זיין קליין הערצל ווערט אויך פאַרקלעמט פון דער פינצטערניש. אויך ביי אים ווערט זיין קינדערישער בליק לויטער אין אָנבליק פון ליכט, און עס ווערט אָנגעגאָסן מיט טונקעלן אומעט אין נאַכטיקן חושך. ווער ווייסט, אפשר איז אים, דעם קליי־נעם, נאָך נישט צעוואָקסענעם, באַשערט צו דערזען און צו דערהערן דאָס, וואָס ער, דער אַלטער חנוך האָט נאָך ביז היינט נישט דער־הערט? מיט גרויס ליבשאַפט און רחמנות האָט ער געגלעט דעם קינד איבערן קאָפּ:

— קום, קינד מיינס, און לייג זיך שלאָפן אין שויס פון דיין מוטער, וועט דיר זיין וואַרעם און גוט.

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטיין און שווער אָפּגעזיפצט. דער אויפגייענדיקער מאָרגנשטערן האָט באַלויכטן דעם שפּיץ פון באַרג און האָט זיך פּאַמעלעך געגומען טונקלען אין שיין פון דעם ראָזעווען זון־אויפגאַנג. דער באַרג האָט אָפּגעוואָרפן אויף אים זיין שווערן טונקעלן שאָטן און אים אָפּגעטיילט פון דעם טאָגליכט וואָס גייט אויף פון הויכן הימלישן ראַנד. און ער איז געזעסן ווי אַ גרוי־סער באַוואַקסענער פויגל, דעם קאָפּ געניידערט צו זיינע קני, אָנגע־שפּאַרט אויף די פויסטן פון זיינע ברייטע הענט. ער האָט צוגעשלאָסן זיינע אויגן און נישט געזען, ווי די זון גייט אויף וואָס אַ מאָל העכער און העכער. ביז זי האָט, מיט צעפּלאָסענעם גאָלד באַגאָסן די שווערע לאָקן פון זיין מידן קאָפּ. ער האָט געעפנט די אויגן און דאָס ליכט האָט אים פאַרפּלייצט זיין בליק. און ווידער איז אין אים אויפגע־קומען די פרייד, וואָס ער האָט זי אַ מאָל דערזען נאָך יענע נאַכט, ווען ער איז פון קאַלטן טייך אָפּערגעקומען, אַ פאַרגליווערטער פון קעלט און פאַרטרונקענער פון חושך. מאָדנע, האָט ער געטראַכט, לאַנגע צייטן זענען שוין פון דעמלט אַריבער, זיין גוף איז פאַר דער צייט צעאַקערט געוואָרן פון חיהשע נעגל און שאַרפקייט פון שטיין, פון זיינע לענדן זענען שוין אַרויסגעגאַנגען קינדער און קינדס־קינ־דער, נאָר יענע פרייד פון געפונענעם ליכט איז געבליבן פריש, ווי זי וואָלט אָט ערשט איצט פאַר אים אויפגעשיינט אין איר פרישער ערשטקייט. אפשר ליגט עס אין אָט דעם ליכט פאַרבאָרגן יענער פונק, וועלכן ער זוכט אַרום איבער דער וועלט און קאָן אים נישט אָפּגע־פינען? „און איך האָב געטראַכט אָוועקצוגיין פון דעם מענטש און אויפהערן זוכן ביי אים דעם פאַרבאָרגענעם פונק” — האָט ער גע־נומען רעדן צו זיך אויף אַ קול. „ווער ווייסט, צי איז עס נישט דער מענטש טאַקע, וואָס האַלט אויף דאָס ליכט אויף דער ערד, דאָס ליכט וואָס קומט אויף און פאַרגייט, בייט זיך שטענדיק מיט דער פינצטערניש, ווי עס בייט זיך די פרייד מיט דעם טרויער. קומט

אויף פון שפיץ פונעם באַרג און רופט צום לעבן דעם גאַנצן באַ־שטאַנד אויף דער ערד און פילט אַלעמען אָן מיט חיות. אפשר איז עס נאָר געווען אַ אויסדאַכטעניש, אַ קליינע אָפּשפּיגלונג פון דעם גרויסן ליכט, אָט יענער ליכטיקער, פריידיקער שמייכל פון איינעם אַ מענטש, מיט צעלאַכטע ליכטיקע ציין און גליקלעכן פייער אין די אויגן? איז דען נישט גלייכער ער זאָל זיך אומקערן צו די מענטשן אין שטיינערנעם עגול און זוכן אין זייערע אויגן דאָס גרויסע, דער־פרייענדיקע ליכט פון טאָג?״

און ווער איז זי געווען, דאָס ווייב, וואָס איז געלעגן מיט אים אויפן געלעגער און אָנגעטרונקען זיין גוף מיט שטאַרקן, באַרוישנ־דיקן ווייַן? אויך זי איז געווען ווי דער שטענדיקער אומבייט פון טאָג און נאַכט, פון ליכט און פינצטערניש. אַ שירה איז אויפגעגאַנגען אין זיין האַרצן, ווען ער האָט געצערטלט מיט זיינע פינגער אירע פולע רונדע גלידער און אָנגעצונדן זיין לייב מיט זיסן באַרוישנדיקן גלי. דעמלט איז עס געווען, ווי אַ געהיים נישט געזען ליכט וואָלט זיינע גלידער דורכגעלויכטן און פאַרבלענדט זיינע חושים. אין איי־ביקער שכרות האָט ער פון איר לייב געטרונקען און זיך געפרייט ווי אַ קינד, ווען דער דורשט נאָך איר ליכט איז אין אים ווידער און ווידער אויפגעגאַנגען. אָבער צוגלייך מיט דעם האָט דער אומעט אין אירע אויגן, דער טרויער פון איר פאַרמאַכט אָן־שמייכלענדיק מויל פאַר אים די פינצטערקייט פון דער נאַכט אָנגעצונדן. עס איז נישט געווען יענע פרייד וואָס שטראַלט אַרויס פון שמייכלענדיקע אויגן מיט גלויבן און ליכטיקע לאַכנדיקע ציין. אַזאַ פרייד, אַ ריינע, אַ אָן־שאָטנדיקע, איז מסתמא נישט בנמצא. און נאָר אים, אים אַליין, איז באַשערט אַרומצוגייען איבער דער וועלט מיט אָט דער מאָדנער אויסדאַכטעניש, וואָס ער ווייסט נישט פון וואַנען זי האָט זיך צו אים גענומען.

מיט שווערע טריט האָט ער זיך געלאָזט צוריק צום שטיינער־נעם עגול. אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט שוין געהאַט פאַרפלייצט דעם גרויסן, שטיינערנעם פליין און די

קאַרגע צעבליטע פעלדער. ער איז אָנגעקומען צום אָרט און עס זע־נען אים אַנטקעגנגעלאָפן די קליינע קינדער פון זיין שטיינערנער שטאָט. זיי האָבן זיך אָנגעהאָנגען אָן זיינע שווערע הענט און גע־שטיפט מיט זיינע לאַנגע גרויע האָר, וואָס האָבן אים געגרייכט צו די לענדן. איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיט דער קינדערישער פרייד און ער האָט זיך צעשמייכלט מיטן ליכטיקן שמייכל פון דער זון. ער האָט אויפגעהויבן זיין אייניקל אֶנוש אויף זיינע הענט און אים אַריינגעלאַכט אין פנים און דאָס קינד האָט אים געענטפערט מיט זיין קינדערישן, זאָרגלאָזן געלעכטער. „אָט ער וועט זיין מיין פרייד" — האָט ער געטראַכט. און צוויי גרויסע טרערן פון גליק האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע צעשמייכלטע אויגן און געפאַלן אויפן קינדס געזיכט. דאָס קינד האָט פונאַנדערגעעפנט זיינע ליפּן און געטרונקען דעם זיידנס טרערן, ווי אַ בלום טרינקט דעם פרימאָרגנדיקן פרישן טוי.

ד

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער מאָדנער אויפפירונג פון יונגן אֶנוש. עס פלעגט טרעפן, און אין מיטן אַקערן די ערד מיטן שווערן שפּיציקן שטיין, פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן, ווי ער וואָלט זיך צוגע־הערט מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם צו עפּעס אַ פאַרבאָרגן קול, וואָס קומט אַרויס פון אים אַליין, און ער קאָן אים נישט דערכאַפּן מיט זיין אויער. זיין בליק איז געוואָרן פאַרטראַכט און פאַרנעפּלט, ווי דער אויסבליק פון דער זון אונטער אַ לייכטן, פאַרביישוועבנדיקן וואָלקן. דעמלט פלעגט ער בלייבן זיצן אין פעלד און מיטן פאַרטיי־עטן בליק קוקן אין דער בלויער ווייט, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון דאָרט אַן ענטפער און באַשייד, וואָס דאַרף קומען און אים קלאָר מאַכן די סיבה פון דער האַרבער נאָגעניש אין האַרץ.

ער איז הויך־געוואַקסן און זיינע גלידער זיינען אָנגעגאָסן מיט געזונטער מענלעכער גבורה. די קופער־רויטע האָר פון זיין קאָפּ זענען געפלאָכטן אין שווערע געדיכטע פלעכט אַרום זיין ברייטן שטערן

און אונטער דעם דאַזיקן קופּער־רויטן שווערן געפלעכט, לויכטן אַרויס זיינע ברייטע בלויע אויגן ווי צוויי פולע שטערנס אויפן ווייכן סאַמעט פון הימל. זיין טראַט איז אַ פעסטער, אַ מענלעכער. ווען ער גייט מיט דער סטאַדע אין פעלד, אָדער ווען ער קומט אָן פון פעלד צו די געצעלטן אין שטיינערנעם קרייז, באַוווּנדערן אים די מענטשן פאַר דער רויקער גבורה וואָס שפּאַרט פון זיינע קופּערנע גלידער. און נאָר זיין בליק, אַ בלויער און פאַרנעפּלטער, אָטעמט מיט דער ווייכקייט און תמימות פון אַ קינד. ער חברט זיך מיט אַלע מענטשן פון דער שטיינערנער שטאָט. העלפט זיי אין דער אַרבעט אין פעלד, אין שאָף־פיטער און פאַנג פון דער ווילדער חיה. נאָר אָפט טרעפט, און ער גייט אָפּ פון זיי, זעצט זיך אַנידער אויף אַ שטיין, אויסער דעם שטיינערנעם עגול, און קוקט אין דער וויט מיט פאַרבענקטע אויגן, ווי ער וואָלט אויסגעקוקט אויף אַ וויטן, אַנקומענדיקן נס.

די נאַכט האַלט אים געפאַנגען אין אירע פינצטערע אָרעמס. פאַר וואָס דאַרף אונטערגיין דאָס ליכט פון דער זון און די שוואַרצ־קייט פון דער נאַכט זאָל אַלעמען דערשטיקן אין איר פינצטער קלייד? ווער מאַכט עס דאָס זאָל אַזוי זיין און צוליב וואָס טוט ער עס?

אין מיטן פון זיינע מחשבות האָט ער פון דער וויטן געזען זיין זיידן חנוך. דער גרייז־גרויער ריז איז אים געגאַנגען אַנטקעגן און זיינע גרויע לאָקן האָבן זיך געשויבערט אין ווינט. גוט וואָס ער איז איצט אָנגעקומען — דערפרייט זיך אֶנוש. ער וועט אים, דעם זיידן, פרעגן דעם באַשייד. דער זיידע וועט אים זאָגן. ער איז אַלט ווי די וועלט און ווייס ווי אויפצוויקלען דעם פּלאָנטער, וואָס דריקט אים אַרום האַרץ. דער זיידע האָט זיך צו אים דערנענטערט און אֶנוש האָט געזען: שווערע טרערן־טראָפּנס, ווי זודיקע שטיינער, רינען פון אַלטנס אויגן און פליסן אַראָפּ אויף זיין אין קנייטשן צע־אַקערט געזיכט. אֶנוש האָט אויפגעציטערט:

— פון וואַנען קומסטו, זיידע חנוך?

— איך קום פון דער וועלט — האָט דער אַלטער ריז גע־

שמייכלט דורך טרערן. די וועלט איז גרויס אויף נישט דורכצו־שפּאַנען.

— פּאַר וואָס שטאַרבט אָפּ דאָס ליכט פון דער זוןביים סוף פון טאָג — האָט אֶנוש געפרעגט מיט ציטער אין קול. ווער מאַכט עס, אַז דער אומעט פון דער נאַכט־פינצטערניש זאָל אָנקומען און אָנפילן מיט פּחדים דאָס האַרץ פון דעם מענטש ?

— איך ווייס נישט מיין קינד — האָט חנוך געפּליסטערט שטיל. קאָן זיין אַז ערגעץ ווו בלייבט אַ נישט פאַרלאָשענער פונק, וואָס קאָן אָפּגעראַטעוועט ווערן. און פון דעם וועט אויפגיין אַ גרויס ליכט, וואָס וועט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. אָבער ווער וועט אָפּראַטעווען אָט דעם פאַרבאָרגענעם פונק ?

און פּלוצלונג האָט זיך דער אַלטער אויפגעשטעלט, גענומען קוקן אין די אויגן פון דעם יונגן אֶנוש און אַ זאָג געטאָן שטרענג :

— אפשר וועסטו עס זיין, אייניקל אֶנוש ?

זיידע און אייניקל זענען געבליבן שטיין איינער קעגן אַנדערן און זייערע בליקן האָבן זיך באַהאַפטן אין אַ שטומען אויסגעשריי. אֶנוש האָט געפּליסטערט מיט שרעק :

— איך ? ווי אַזוי, זיידע ?

מער האָבן זיי נישט גערעדט צווישן זיך. זיי זענען נאָכגעגאַנ־גען נאָך דער סטאַדע שווייגנדיקע און אָנגעקומען צו דער שטיינער־נער שטאָט. דער זיידע האָט געלייגט זיין שווערע האַנט אויף דעם אַקסל פון אֶנוש און אַזוי, געזעגענענדיק זיך אָן רייד, האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען אַוועקשפּאַנען פון שטיינערנעם עגול אין ברייטן פעלד אַריין. דער איבערגעשראָקענער אֶנוש האָט גערופן צו אים מיט שרעק !

— זיידע חנוך ! קער זיך אום צוריק צום געצעלט פון מענטש !

אָבער דער אַלטער האָט נישט געהערט. מיט ברייטע טריט האָט ער געשפּאַנט אין דער ווייט, ווי אַ שווערער באַוועגלעכער שאָטן וואָס גייט זיך אויפלייזן אין דעם חושך פון דער נאַכט. אֶנוש איז געשטאַנען און געקוקט ווי דער שווערער שאָטן דערווייטערט זיך

וואָס מער פון אים און פאַרשווינדט. די פינצטערניש פון דער נאַכט האָט פאַרווישט די שפורן פון זיינע שווערע טריט. איצט האָט ער געוווּסט, אֶנוש: ער איז איינער אַליין געבליבן אין דער גרויסער פינצטערער וועלט.

און דעמלט האָט ער, אין גרויס בענקשאַפט און אויפגעגאַנגענער אימה אָנגערופן אַ נאָמען, וואָס איז דער באַשייד פון אַלעמען אויף דער ערד. די ליכטער גייען אויף לויט זיין פאַרלאַנג און די גורלות פון מענטש ציטערן אויף זיינע וואָגשאָלן. דאָס איז דער אַלמעכטיקער וואָס ברענגט די פרייד פון שפּראָצונג און די קללה פון פאַרדאַרב. דעם יונגן אויפבלי פון לעבן און די צעאַקערטע זיקנה ווי אַ צוגרייט צום טויט. צום ערשטן מאָל האָט ער, אֶנוש, אָנגערופן דעם דאָזיקן פאַרכטיקן נאָמען. דער מדבר האָט אים געהערט און האָט זיין אָטעם פאַרהאַלטן. די הונגעריקע חיה אין נאָרע האָט איינגעהאַלטן איר געהויל. אֶנוש איז געשטאַנען מיט הענט פאַרהויבענע צום סוד פון די גרינע שטערן און גערופן: גאָט! הער און געביטער פון דער ערד!

די מענטשן אין שטיינערנעם עגול זענען רויק געשלאָפן זייער שלאָף און אין חלום געזען דאָס ליכט פון נייעם, אויפגייענדיקן טאָג...

צעבראָכענע לוחות

ד

א

עס איז געווען אַ געוויינלעכער מדבר־טאָג, ווען משה האָט זיך געקליבן אַרויפגיין אין הימל מקבל זיין פון גאָטס הענט די תורה פאַר זיין פאָלק ישראל. אַ גאַנצן טאָג האָט די מדבר־זון אָנגעגליט דאָס לייוונט פון די געצעלטן און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ אין דרויסנדיקן גלי. ערשט נאָך האַלבן טאָג, ווען די פייערדיקע זון האָט גענומען אַראָפּנידערן הינטער די הויערנדיקע רוקנס פון די בערג, האָט פון די זעלבע בערג אָנגעטראָגן אַ צעהוליעטן ווינט. מיט שטויב־זיילן אַרויפגעשאָסענע

צום הימל, צעפינקלטע אין דער פריער שקיעה ווי רויטער גאָלד. באַלד האָט דער ווינט גענומען שטיפעריש פליקן די לייוונטן פון די געצעלטן און פון דאָרט אַרויסגערופן די פון דאָרשט און היץ פאַרחלשטע מענטשן, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אָנטרינקען מיט כוואַליעס קילן ווינט. די זון האָט זיך — אַ זיכערע אין איר מאַכט — פּאַמעלעך געזעצט הינטער די בערג און קיל האָבן זיך גענומען הערן די אָנקומענדיקע טריט פון דער נאַכט.

אַ לעצטער שטראַל פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט זיך אַריינגעריסן אין משהס געצעלט דורך אַן אָפענער יריעה און גע־בליבן שטיין, ווי אַ גילדערנער פויגל, אויף די שווערע לאָקן פון משהס קאָפּ. משה האָט דערפילט אויף זיך דעם זונשטראַל, האָט ער געעפנט זיין מויל און געזאָגט — צו זיך, צו דעם זונשטראַל און צו די עטלעכע זיצנדיקע אין געצעלט:

— היינט גיי איך צום באַשעפער פון דער וועלט.

זיין קול איז געווען רויק און זיכער, אָן אַ קלאַנג פון צער און וויטיק, פרייד און התלהבות.

אַנטקעגן אים זענען, אין אַ האַלב־קרייז, געזעסן זיינע נאָענטע מענטשן. משה האָט זיי אַלעמען באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך שווייגנ־דיקערהייט מיט זיי אָפּגעזעגנט. ער האָט געקוקט אויף מרים, אויף אירע שמאָל־אויפגעשניטענע מאַנדל־אויגן און אויף דעם שלעכט־באַהאַלטענעם אומרו, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין נערוועזן צוק פון די נאָז־פליגל. נעבן איר איז געזעסן אהרון, זיין ברודער, וועלכער האָט זיך אויף זיין גאַנץ לעבן אָנגעטרונקען מיטן בעכער פון רו און די דאָזיקע שלווה שיינט אים אַרויס פון זיינע קליינע טרויבן־אויגן. „אַ וווּנדערלעכער מענטש מיין ברודער אהרון — טראַכט משה — אָט גייען מיר אין דער מדבר דורך נויט און פיין און ער פאַרמאָגט פאַרן פאָלק נאָר איין וואָרט: שלום!“ אויך איצט איז אהרון געזעסן רויק. זיין באָרד אַ באַצירטע מיט צוויי פינקלדיקע בריליאַנטן און אויסגעבוימלט מיט ברוינעם פינקלדיקן גלאַנץ. פון זיינע שיין־פאַר־

קעמטע לאָקן, פון זיינע פּאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, פון זיין פריי־צעעפנטן בליק, הערט זיך דאָס צופרידענע וואָרט: שלום.

פירט משה איבער זיין בליק אויף זיין געטרייען דינער, חור. עפּעס אַ מאָדנע שטרענגע רויקייט אָטעמט פון דעם דאָזיקן מענטש. אויך איצט, ווען אַלעמענס בליק איז פאַרקוקט אויפן לערער, וואָס דאַרף אָט־באַלד אָפּגיין פון זיי זיך צו זען פּנים אל פּנים מיטן באַ־שעפער, זיצט ער, חור, מיט זיין רויקער שטרענגקייט און גלעט דעם לײדיקן אַרבל פון זיין פעלנדיקער לינקער האַנט. אַ פּשוטער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, פרעגט קיין מאָל נישט קיין פראַגן און וויל נישט וויסן קיין באַשייד פון אָט דעם מאָדנעם, פאַר אים פאַרהוילע־נעם גאַנג אין דעם מדבר. ער קלייבט צונויף די חיילות פון זיין לע־רער און גייט מיט זיי פאַרויס קעגן יעדער מעגלעכער סכנה. משה לאָזט אַ וויַיל רוען זיין בליק אויף אים און טראַכט: „זיינע טוּאונגען און זיין געטריישאַפט גייען אַרויס פון גדר פון יחידישן ווילן און ווערן פאַרוואַנדלט אין שליחות, ווי דער זונשטראַל, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער פאַרגייענדיקער זון צו געזעגענען דעם מענטש מיטן אָנקום פון דער נאַכט".

דאָס ייִנגל יהושע זיצט ביי זיין זייט אַ שווייגנדיקער. משהס האַנט ציט זיך אַ גלעט צו טאָן דאָס ייִנגל איבער זיין געקרויזטן קאָפּ. ער איז אַ שווייגער און פלינק־פיסיקער. אויף דער לינקער זייט פון זיין ברייטן שטערן זעט זיך אַ קליין, פולסירנדיק בלוי אָדערל. ער איז שיין, יהושע אין זיין יונגקייט און געזעצטער פאַרטראַכטקייט. שיין און לאַקנדיק אין דעם אומבאַגרייפלעכן סוד: וואָס קאָן טראַכטן אַ פלינק־פיסיקער יונגערמאַן, אַ שווייגער? משה ווענדט אָפּ זיין בליק אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט דאַרט געזוכט אַ באַשייד פאַר אָט דעם סוד און זיין בליק פאַלט אויף איר, אויף כושית.

ער קוקט אויף כושית און דערפילט אין זיין האַרץ אַ צעשטראַ־לונג און אין מוח אַ געלייטערטע קלאָרקייט. ער קוקט אויף איר און עס ווערט אים אויפגעקלערט דער סוד און דער מקור פון מענטש־

לעכער דערהויבנקייט און שיינקייט פון מענטשלעכער טואונג. זי, די יונגע פרוי, וועלכע ער האָט צופעליק געטראָפן אויף זיין וועג ביי די כּושים, האָט דערהויבן זיין געדאַנק צו פאַרשטיין און זיין האַרץ צו פילן, צו יענער מדרגה, ווו דער ספק ווערט פאַרטונקלט און דאָס בלוט ווערט אָנגעטרונקען מיט זיסער זיכערקייט, וואָס קאָן דורך קיין זאַך נישט אָפּגעפּרעגט ווערן. ער רופט זי כּושית, ווייל ביז היינט ווייס ער נישט איר נאָמען. אָבער דער וווּנדער פון באַשאַף זינגט אַרויס פון איר גוף און איר געשטאַלט אַנטקעגן אים איצט איז ווי אַ אין בראָנז פאַרכישופטער פלי פון אַ זעלטענעם גראַציעזן פויגל. ער האָט זי געטראָפן אין די מדבר־וויסטענישן און אויפגעצײטערט פון איר שיינקייט. איר קליינער רונדער קאָפּ האָט געשמעקט מיט קילן פאַרנאַכט און אירע רויקע, בלויע אויגן, זענען ווי צוויי גרויסע טוי־טראָפּנס אויפן קישן פון איר רונדן קופּערגעזיכט. אַ כּושית מיט בלויע אויגן ווי דער טל פון גאָט! זי האָט נישט געצירט אירע גלידער מיט צירונג, נישט באַבלימט אירע אָפּגעדעקטע ברוסטן מיט קופּער־רייפן און סטענגעס. אונטערן געוועב פון איר קלייד איז איר גוף געוועזן באַהאַלטן, ווי אַ רייפע רונדע פרוכט אין געבלעטער פון בוים. ער האָט זי אַ מאָל געטראָפן אויפן באַרג ווי אַ הירשין אוןביידע זענען פאַרגאַנגען אין אַ שווייגן. פון ביידן האָט געאָטעמט מיט רו און די אונטערגייענדיקע זון, פונקט ווי איצט, האָט באַגילדט איר קליינעם קאָפּ. „וואָס ווילסטו זיין פאַר מיר" —האָט ער געפליסטערט, מער צו זיך ווי צו איר. — „איך וועל זיין דאָס וואַסער, אין וועלכן דו וועסט צעברעכן דיין דורשט". אַזוי האָט זי געענטפערט און דער מדבר האָט געענטפערט: אָמן". פאַר וואָס דערמאָנט ער זיך איצט דאָס אַלץ? ער האָט געטראַכט וועגן דער שיינקייט פון מענטשלעכן רצון, וועגן דעם ווילן פון מענטשלעכן יחיד צו ווערן פריי אין זיינע באַשטימונגען. ערגעץ פלאָנטערט זיך אין זכרון אַ ווייב, וואָס איז אים דורך אימעצן געגעבן געוואָרן: קינדער צופעליק־געקומענע. צוזאַמען מיט דעם —

אַ געבונדנקייט פון אימעצנס רצון און אייגענער, נישט באַפּרוכפּער־טער מי. האָט זי, כושית, אויפגעבליט פאַר אים ווי אַ וווּנדער פון גרויסן זיין און אויפגעוויקלט פאַר אים דעם פאַרבאָרגענעם סוד.

ווידער האָט ער איבערגעפירט זיין רויקן בליק אויפן ייִנגל יהושע, באַטראַכט דעם פּולסירנדיקן אָדער אין דער לינקער זייט פון זיין ברייטן שטערן און מיט פאַרגעניגן געזען, ווי עס וואַקסט אין אים דער ווילן ממלא צו זיין גרויסע שליחותן. האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט: „היינט גיי איך צו מיין באַשאַפער" — און זיינע רייד האָבן געקלונגען ווי דער רויקער פלוס פון געלאַסענעם טייך.

די בייזיצנדיקע האָבן זיך אויפגעוועקט פון זייער פאַרשטאַרט־קייט, ווי אַ ווינט וואָלט באַרירט האַרפן־סטרונעס. די נאָז־פליגלען ביי מרים האָבן אַ פלאַטער־געטאָן און אַ שנעלער בליק אירער איז געפאַלן צום געזיכט פון אַהרון. אהרונס באָרד האָט, ווי פריער, גע־פינקלט מיט רו און אַ צופרידנקייט האָט געאָטעמט פון זיינע פולע ליפן. בלויז איין חור האָט אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיטן לייִדיקן אַרבל פון זיין האַנט, צעעפנט די ליפן ווי ער וואָלט וועלן עפּעס זאָגן. אָבער קיין וואָרט איז פון זיין מויל נישט אַרויסגעקומען. דער אייג־ציקער קלאַנג איז געקומען פון איר, פון כושית. דערהערנדיק די רייד פון משה, האָט זי אויפגעציטערט, אַ פלאַטער געטאָן מיטן האַנט צום האַרצן און אַרויסגעקרעכצט: „אוי!" דעמלט האָבן די בייזיצנ־דיקע אַ שיק געטאָן צו איר אַ צאָרנדיקן בליק. בלויז איין חור האָט זיך געהאַט באַהערשט.

אָבער משה האָט שוין מער קיינעם פאַר זיך נישט געזען. ער האָט זיך געלאָזט גיין נאָכן קול, וואָס האָט אים גערופן. ביים שוועל פון געצעלט זענען אַלע געבליבן שטיין און געקוקט, ווי משה שטייגט אויפן באַרג און ווערט פאַרשלונגען דורך די שאָטנס פון דער נאַכט. אין געצעלט איז געבליבן כושית, איינע אַליין, מיט פאַרלייגטע הענט אויפן ברוסט און צוויי גרויסע פייער־טראָפּנס אין די ווינקלען פון אירע בלויע אויגן.

ב

אַ לויב צו די חכמים און נביאים פון אַלע צייטן און דורות. זייערע נשמות, נאָך נישט באַהאָפטענע מיט דער שווערקייט פון גוף, זענען טייערע אײדלשטײנער, אײנגעפּאַסט אין כסא הכבוד און לייכטן מיט זייער ריינקייט ווי די ליכטיקע זונען פאַרן כבוד פון כביכול. אָן אייביקן לויב צו זיי. זייער שטראַליק ליכט האָט באַגעגנט משהן ביים אָנקומען אין די הימלען אַריין.

ווי אַ טונקל, שווער קלייד האָט זיך פון משהן אָפּגעוויקלט די נאַכט, ווען ער איז אָנגעקומען אין די הימלען און אַ שטראַליק ליכט האָט אים פאַרבלענדט די אויגן. עס איז געווען אַן אָפן, פריי ליכט, ווי אַ פעלד, אויף וועלכן עס געפינט זיך נישט קיין לעבעדיקער יצור, נאָר דאָס פעלד און דער אַרום איז דורכגעליכטיקט מיט אומגעהויערער שיין. ער איז אַרומגעגאַנגען אין די הימלען אַ לייכטער און נישט באַזאָרגטער, ווי לייכט און מיט קיין זאַך נישט אָנגעלאָדן עס איז געווען דאָס אַלץ באַהערשנדיקע ליכט. עס איז געווען דאָס אייביקע ליכט, דער אור הגנוז. משה איז אַרומגעגאַנגען אין די הימלען און געפילט, ווי עס ווערן פון אים אָפּגעשיילט די מענטשלעכע הויטן, הויט נאָך הויט. מיט דעם ווערט ער לייכטער און פרייער, ביז עס פאַרשווינדן פון אים די ערדישע מענטשלעכע באַגערן. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער: ער שטייט אין הימלישן מלכות! פון מינוט צו מינוט באַפרייט ער זיך אַלץ מער פון די ערדישע פאַרלאַנגען. ביז ער וועט קומען צום כביכול וועט ער בלייבן ביי דער ריינקייט פון די הימלישע געוועבן, אין גאַנצן אַן אָפּגעטיילטער פון ערדישן יש. וואָס וועט ער פאַרלאַנגען, ווען אַלע פאַרלאַנגען וועלן שוין זיין אָפּגעשיידט פון אים? וואָס וועט ער באַגערן מיטצונעמען פון אָט דער ליכטיקייט אויף דער ערד. פאַר זיין פאָלק, ווען ער וועט אין גאַנצן זיין אויסגעטאָן פון באַגערן? אַרום איז בלויז ליכט, ליכט. ווו נעמט מען אַ קליין שטיקל שאָטן־אָפּשיין אָפּצוראַטעווען און אויפ־

צוהאַלטן דאָס מענטשלעכע אין אַט דעם הימלישן אומגעהויער? אין וואָס האַלט מען אויף דעם מענטשלעכן רצון, כדי אים צו קאָנען ברענגען פאַר דער שטול פון גאָט?

ער האָט דערהערט אַ געזאַנג. מלאכים זינגען הללויה. זיי דער־נעענטערן זיך צו אים און רינגלען אים אַרום. ער זעט זייערע געזיכ־טער צעליכטיקטע אין דעם אַרומיקן שיין. אויף זייערע רויטע פור־פור־ליפּן — אַ שמייכל פון חסד און רו. ווו האָט ער שוין אַ מאָל געזען אָט דעם רויקן שמייכל? — יאָ, דאָס איז דער שמייכל פון שלום ביי זיין ברודער, אהרון. אַ שמייכל וואָס פירט אַרויס פון דער וועלט פון וואַכזאַמקייט און פאַרלאַנגען, שלעפּערט איין די באַגערן און פילט אָן מיט רו און שלום. ער פרייט זיך, וואָס ער זעט זיין ברודער אהרון ווי איינעם פון זיי. אויך ער, אהרון, פונקט ווי אָט די מלאכים, וועלן זיין דער פלאַסטער־וועג, דורך וועלכן ער וועט דערגרייכן צום כסא הכבוד. „ליכטער אין ליכט" — שמייכלט משה אין זיך און גייט מיט מיט די מלאכים.

זיי קומען אָן אין אַ גרויסן צעבליטן גאָרטן, פול מיט בלומען און פּירות. ווידער אומגעהויער ליכט. די ברייט־צעבלעטערטע ביי־מער שטראַלן אויס פון זיך שטראַליקע, פאַרגליווערטע שיינקייט. „פאַר וואָס וואַרפן די ביימער נישט אָפּ פון זיך קיין שאָטן?" ווונ־דערט זיך משה. ער שטרעקט אויס זיין האַנט און באַרירט אַ בלום אויף אַ הויכן צווייג. ער וויל אַ גלעט טאָן אַ קנאָספּ און זיין האַנט ווערט באַשטראַליקט פון שיין און דערפילט נישט דעם זיסן טעם פון לעבן, וואָס מוז אַרויסשפּראָצן פון אַ לעבעדיקן צומח.

אַזוי גייען זיי צום כסא הכבוד. ער פאַרפירט מיט די מלאכים אַ שמועס, דערציילט זיי, אַז דאָרט אויף דער ערד איז אַ מאָל גע־שען זייער אַ טשיקאַווע טרעפעניש: יונגע מלאכים זענען אַראָפּגע־פאַלן אויף דער ערד, זיך דערקענט צו די מענטשלעכע יונג־פרויען און זענען געפאַנגען געוואָרן פון זייער שיינקייט. זיי זענען שוין געבליבן אויף דער ערד און לעבן דאָרט ביזן היינטיקן טאָג, אַנגע־

טרונקענע מיט מענטשלעכער דערהויבנקייט און מענטשלעכן פּיין. צי געדענקט נאָך דאָ אימיצער פון זיי די פאַרשוווּנדענע חברים? יאָ, די מלאכים דערמאָנען זיך: געווען אַ מאָל אַזאַ פאַל. די מלאכים זענען מער נישט צוריקגעקומען פון דער ערד. כביכול האָט אַנדערע באַשאַפן אויף זייער אָרט און זיי געשטעלט אין כאָר. מער ווייסן זיי גאָרנישט. זיי זאָגן עס מיטן זעלבן ליכטיקן שמייכל, וואָס קאָן נישט פאַרשווינדן פון זייערע ליפּן לעולם ועד.

אַ פאַרלאַנג גייט אויף אין אים צו דערציילן פאַר די מלאכים עפּעס וועגן דער שיינקייט פון דער ערד. ער דערציילט זיי וועגן דעם זיסן פּיין פון באַפרוכפּערן די ערד און קוויקן זיך מיט איר פּרוכט. דעם זיסן מענטשלעכן טרויער ביים זונפאַרגאַנג און דעם שטילן גע־זאַנג, וואָס דער מענטש דערהערט ביים אויפבלי פון אַ בלום. דאָס מענטשלעכע האַרץ איז ברייט און טיף ווי דער ים און שטורעמט אויף, ווען עס ווערט באַרירט פון אומרו און ליבע־בענקשאַפט. ער דערמאָנט זיך אין כושית, אין אירע בלויע אויגן ווי צעליכטיקטע ימען און דערציילט פאַר די מלאכים וועגן זיסן פּיין פון דער מענטש־לעכער ליבע. ער רעדט פאַר די מלאכים און זיינע רייד צעגייען זיך אין חלל פון אַלע זיבן הימלען. די מלאכים שמייכלען ווייטער זייער ליכטיקן גליווער־שמייכל און משהס רייד פאַלן אָפּ פון זיי, ווי פּיילן פון דער האַרטער שטייניקייט פונעם גראַניט. צעשמייכלט ער זיך מיט אַ שמייכל פון באַדויער: „זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט וויסן דעם זיסן טעם פון מענטשלעכן פּיין". נאָר ווען ער האָט אַריבער־געפירט זיין בליק אין הימלישן חלל, האָט ער דערזען אַ וווּנדער: די פאַרגליווערטע בלומען האָבן לעבן באַקומען און איינס נאָכן אַנ־דערן האָבן זיי אָטעמען גענומען מיט זייערע באַזונדערע אַראָמאַטן. די פּרוכטן אויף דיביימער האָבן זיך מיט לעבן אָנגעגאָסן און די קיילעכדיקע רויטע עפּל אויסגערונדיקטע אין העלן גלאַזור האָבן זיך באַצירט מיט לייכט־באַשאָטנטע פּגימות, אָטעמען מיט זאַפטיקער זיסקייט צו דעם מענטשלעכן גומען. מיט אַ מאָל האָבן אַלע הענגענ־

דיקע צווייגן לעבן באַקומען און באַצירט דעם הימלישן געוועלב מיט יענעם ליכט־און־שאָטן־געמעל, וואָס מאַכט אויפברויזן דאָס מענטש־לעכע האַרץ. משה איז שטאָלץ געווען מיטן כוח פון מענטשלעכן וואָרט, וואָס קאָן שאַפן און ענדערן וועלטן און האָט זיין מאַכט אויך אין הימלישן מלכות. ער האָט שוין צו די מלאכים מער נישט גע־רעדט. ער האָט געקוקט אויף זייערע צעשמייכלטע געזיכטער און געזאָגט צו זיי:

— פירט מיך צום כסא הכבוד.

שטראַליקע הענט האָבן אויסגעצויבערט פייערדיקע אותיות און אָנגעהעפט אויף זיי גילדערנע קרוינען. אַ שרעק איז אויפגעגאַנגען אין משהס האַרץ: צי וועל איך קאָנען אָט דעם פייערפלאַם דערטראָגן צום מענטש אין געצעלט און דער מענטש זאָל פון דעם נישט פאַר־צערט ווערן? ער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט אויפן אָרט און זיך צוגעקוקט צום געטלעכן ווונדער. מיט אַ מאָל האָט ער דערזען, ווי די שטראַליקע הענט פאַרשווינדן און אויפן אָרט בלייבן צוויי שטיינערנע טאָוולען צעפינקלטע מיטן שריפט פון גאָט. ער האָט גע־וואָלט אויסשטרעקן די הענט, נאָר פלוצלונג איז זיין ראיה פאַרטונקלט געוואָרן און דאָס אַרומיקע ליכט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פורפורנער, צאָרנדיקער רויטקייט. פון אָט דער רויטקייט אַרויס האָט זיך געהערט די דראָענדיקע שטים פון כביכול:

— אַראָפּ פון דאַנען! דיין פאָלק האָט דיך פאַרראָטן!

ווי אַ בייזער, מעכטיקער שטורעם־ווינט וואָלט אים אַ טראָג געטאָן איז משה אַנטלאָפן פון גאָטס צאָרן. וואָס איז דאָרט געשען מיט זיין פאָלק, ווען ער האָט געלאָזט אַן איבערפולטס מיט האָפע־נונג און גלויבן אין זיין שליחות? אָט אָט זענען זיינע הענט געווען נאָענט צו די געטלעכע שטיינער, די ווונדערלעכע לוחות... ער לויפט פון איין הימל אין אַנדערן און שטויסט זיך אָן אין די געשטאַלטן פון די מלאכים. זיי זינגען נישט קיין שירה און זייער העלע ליכטיקייט איז איבערגעגאָסן אין רויטן פורפורנעם צאָרן. פאַרשווונדן איז דער

שמייכל פון שלום אויף זייערע ליפּן. זייערע בריליאַנטענע אויגן שפּריצן מיט צעגליטן פייער. „לאָמיר אים דערהרגענען" — שרייען די מלאכים. ער אַנטלויפט פון זיי און זיי יאָגן אים נאָך, מיט אַנט־בלויזטע שווערדן אין די הענט, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַלע זיבן הימלען.

ער אַנטלויפט און באַהאַלט זיך אויס פון זיי. פון זיין באַהעל־טעניש זעט ער די מלאכים און דערקענט נישט זייער פריערדיקע מראה. ביי יעדן פון זיי — מגושמדיקע קעלבערנע פיס, פאַרענדיקטע מיט טונקעלע געשפּאָלטענע טלאָען. אויף די רונדיקע שמאָל־שטערנ־דיקע קעפּ — קליינע שפּיציקע קעלבער־הערנער, בהמהשע טעמפּ־קייט אין צעאָרנדיקן בליק. אַ ווידערווילן באַפאַלט אים אַנטקעגן אָט די אויסטערלישע ברואים. מיט אַ מאָל דערהערט ער די שטים פון גאָט:

— לאָז מיך און איך וועל זיי פאַרלענדן!

אַ הייסע כוואַליע פון שטאָלץ האָט פאַרגאָסן משהס האַרץ: „איך, דער מענטש, וועלכער באַהאַלט זיך פונעם צאָרן פון דיינע קנעכט, האָב נאָך די מאַכט צו באַשטימען! ניין! איך וועל נישט לאָזן! דאָס פאָלק איז מיינס, אַ מענטשלעכס! איך, דער מענטש, וועל צוריקגעדערן צו מיין פאָלק און באַשטימען זיין גורל".

אַ דערמוטיקטער פון זיין מענטשלעכן פּיין האָט משה אויסגע־שטרעקט די ציטערדיקע הענט. אָנגענומען אין זיי די צוויי פייער־דיקע שטיינער, באַשריבענע מיט דער האַנט פון גאָט און זיך גע־לאָזט גיין נידערן אויפן באַרג.

שפּעטע נאָכמיטיק־שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן אָנגעצונדן די לאָקן אויף זיין קאָפּ און באַגאָסן זיין געזיכט מיטן פּורפּור־בלוט פון דער אָנגעקומענער שקיעה.

אַלע האָבן געזען, ווי פון דעם פייערדיקן פורעם איז אַרויס דאָס גאָלדענע קאַלב און דעם זיסן שמייכל פון אהרון, ווען ער האָט דעם געגאָסענעם קאַלב פאַרהייבן פאַר די אויגן פון פאָלק. ווילדע

תאווהדיקע אָרגיעס האָבן נאָך דעם פּאַרטויבט די חושים. די ברע־נענדיקע זון האָט באַשיינט דעם קאַלב, אהרונס שמייכל און אַנגע־צונדן דאָס בלוט ביים פאַרשיכורטן המון.

אָבער מיט אַ נאַכט פריער האָט אין אהרונס געצעלט געהערשט אַ טיפע, שווערע שוויגעניש. מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרצן איז אהרון געזעסן אויף זיין שטיינערנער שטול און געשמייכלט אַנטקעגן בוימלדיקן לעמפּל אויף דער וואַנט. מרים האָט געמאָנט אַן ענטפער אויף איר פראַגע און אהרון האָט געשוויגן. ענדלעך האָט ער אַרויס־געפּליסטערט:

— נאָר מיט שלום און אָן בלוט־פאַרגיסונג!

מרים האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק און איז אויפגעשטאַנען אַ צופרידענע: ערגעץ אין ווינקל פון זיין בוימלדיקן בליק האָט זי געפונען אַ באַשייד אויף איר פראַגע. שלום? ווי דען? צי איז נישט די גאַנצע זאַך פאַרטראַכט געוואָרן נאָר צוליב שלום?

זי האָט זיך געלאָזט גיין צום געצעלט. נאָך איר איז מיט אייליקע טריט, אַ שוויגנדיקער, נאָכגעגאַנגען אהרון. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום געצעלט פון משה, האָט זיי דאָרט באַגעגנט אַ שווערע פינצטערניש פון אַ מדבר־נאַכט, אַ באַהאַנגענע מיט געהיימנישפולע שטערן. ביים אַריינגאַנג אין געצעלט האָט זיי אימיצער פאַרהאַלטן:

— צו וועמען דאַרפט איר?

חור? וואָס טוט ער דאָ, אָט דער איינהאַנטיקער? ווי וואַגט ער צו שטעלן פראַגן? מרים האָט געשמייכלט סודותדיק:

— דער האַר משה איז אין הימל, איז וועמען היטסטו דאָ?

— איך וועל קיינעם נישט דערלויבן אַריינצוגיין צום האַר אין געצעלט — האָט חור אַנטשלאָסן אָפּגעשניטן.

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער זיינע ביים לעבן. דער־נאָך האָבן זיי, מרים און אהרון, אַריבערגעשפּרייזט איבער זיין טויטן קערפּער, פאַרהויבן די שווערע יריעה און געבליבן שטיין אין משהס געצעלט. זיי האָבן אָנגעצונדן ליכט און געזען: אין ווינקל פון גע־

צעלט, ביי אַן עטוואָס צעעפנטער יריעה, ליגט כושית אויף דער ערד, מיטן בליק פאַרהויבן צו די פינקלדיקע שטערן. זי האָט נישט געהערט זייער אָנקומען און אויך זיך נישט גערירט פון אָרט, ווען קרומע שאָטנס זענען געפאַלן פון צאַנקנדיקן ליכט אויף דער וואַנט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיט איר גאַנץ וועזן זיך נישט געפונען דאָ, אין דעם געצעלט, נאָר דאָרט, אין די הויכע ספערן פון די צעפינקלטע שטערן; זי רעד צו זיי מיט שטומע רייד פון האַרץ אַרויס און טרינקט זייער ענטפער מיט צעעפנטע דורשטיקע ליפן. איר ברוסט, אַ באַהאַלטענע אונטער דעם גרינעם, לייכטן געוועב, האָט שווער געאָטעמט און אירע צעעפנטע ליפן האָבן געברענט אין פיבער. מרים האָט זיך צעלאַכט:

— אַן אָרנטלעך ווייב! גייט נישט אַרויס פון געצעלט און דעקט נישט אָפּ איר ברוסט!

זי איז צוגעלאָפן האַסטיק צו איר, געריסן זי ביי די האָר, געריסן פון איר דאָס קלייד:

— דעק אָפּ דיין ברוסט, דו אומפאַרשעמטע! נישט קיין ווייב ביסטו, נאָר אַ קדשה, אַ קדשה צום לוסט פון די מענער!

אין דער האַלב־טונקלקייט האָט אַ פינקל געטאָן כושיתס ברוינע, אָפּגעדעקטע ברוסט, מיט טרויבנדיקער זאַפטיקייט און רונדער פולקייט. די שרעק האָט אירע בלויע אויגן־אַפּלען אויסגערונדיקט און דערשטיקט די קלאַנגען אין איר קעל. מרים האָט זי אַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן ביי די האָר און געוואָרפן צום שטיינערנעם טיש אין מיטן געצעלט:

— מיט דיין בלוט וועסטו באַצאָלן, זונה, פאַרן פאַראומרייניקן דאָס געצעלט פון געטלעכן מאַן!

מיט אירע צעעפנטע ליפן אין שרעק איז כושית געפאַלן אויפן שטיינערנעם טיש. רויטע בלוט־שטראַלן זענען געפלאָסן פון איר מויל און אַראָפּגערונען אויף איר אַנטבלויזטער ברוסט און גרינעם

געוועב פון איר קלייד, אַ צעפּליקטן פון מרימס צאָרן. אהרון האָט גענומען פליסטערן:

— נאָר אָן בלוט! שלום! נאָר מיט שלום!...

מרים האָט געוואָרפן אויף אים אַ צאָרנדיקן בליק. ווילד האָט זי זיך צעשריגן:

— זאָל זי גיין פון וואַנען זי איז געקומען! אין מדבר אַריין!

בלויז די שטערן האָבן געזען די דריי געשטאַלטן, וועלכע יאָגן זיך אין דער פינצטערניש פון דער מדבר־נאַכט. פאָרויס איז געלאָפן, כושית, מיט צעבלוטיקטע פיס און צעריסן קלייד, איז זי געלאָפן און געפאַלן, אויפגעשטאַנען און געפאַלן. נאָך איר — מיט לאַנגע צווייגן אין די הענט — מרים און אהרון. זיי האָבן זי געטריבן אין דער ווייטער ווילדערניש און מרים, מיט שוים אויף איר צעפייערטער צונג, האָט איר נאָכגעשריגן:

— אין מדבר אַריין, דו זונה! אין מדבר!

ווען זיי האָבן זיך, אויסגעלאָשענע אין זייער כעס, אומגעקערט צוריק צום לאַגער, דעם פאַרטייעטן אין שווערן דעמפיקן שלאָף, איז שוין דער צעבלוטיקטער קערפּער פון כושית געלעגן אויף אַ מדבר־פעלז אַ צעוווּנדיקטער. בלויז אירע אויגן, אירע בלויע אויגן, וועלכע זענען אַ מאָל געווען ריין און טיף ווי דער ים, האָבן איצט געקוקט שטאַר און פאַרווונדערט צו דער געהיימנישפולער בלויקייט פון די שטערן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט אַ הונגעריקער שאַקאַל מיט הנאה באַשמעקט איר וואַרעמען גוף.

אויף מאָרגן איז געשען דאָס שוין באַוווּסטע. אהרון האָט גע־שמייכלט מיטן שמייכל פון שלום, דאָס קאַלב האָט געגלאַנצט מיט בלענדיקער געלקייט צו דער זון און ביידע, מרים און אהרון האָבן געטרונקען פון בעכער פון מאַכט און זיג — ביז פולער פאַרשיכורונג. אויפן באַרג, פון וואַנען משה האָט געניִדערט מיט די לוחות, האָט פאַמעלעך און שווער זיך געזעצט די זון.

ג

דער פלינקפּיסיקער, שוויגנדיקער יונגערמאַן האָט אים גע־בראַכט די ידיעה. דאָס מאָל איז יהושע געווען באַרעדעוודיק און אויספּירלעך. משה איז געזעסן אויפן באַרג, דעם קאָפּ אָנגעלענט אָן די שטיינערנע לוחות און געשוויגן. דער פינצטערער הויער פון דער נאַכט האָט זיי ביידן אַרומגעהילט. מאָדנע, ער האָט נישט אויפגע־ציטערט ווען יהושע האָט אים דערציילט וועגן אהרונען, וועגן זיין באַשאַפן דעם קאָלב און אָנפירן מיט דער זינלאָזער תאווה־אָרגיע. פאַר זיינע אויגן זענען אויפגעגאַנגען די מטומטמע געשטאַלטן פון די צעפינקלטע, קאַלטע מלאכים, אויסגעהוילטע פון אייגענעם רצון. ער שטייט פאַר זיין דמיון, — אהרון, — מיט זיין געקעכלטער באָרד און די צוויי פינקלדיקע בריליאַנטן אין איר. זיין זיסער, ביימלדיקער שלום־שמייכל אויף די זינלעכע ליפּן און אויסגעפּעצטע ביז גלאַנצן שוואַרצע לאָקן אויף זיין קאָפּ. זיין געשטאַלט ווערט איצט פּאַמעלעך, אָבער דייטלעך, פאַרענדערט פאַר משהס דמיון. דער שמייכל פאַר־לירט זיין זיסקייט און די קליינע בוימל־אויגן צינדן זיך מיט פייער־דיקן צאָרן. ער דערזעט צוויי קורצע קעלבער־הערנער אויסגעוואַקסן פון זיין שטערן און זיין טראָט ווערט מגושמדיק, ווי דער טראָט פון אַ באַטלאָעטן קאַלב. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ווערט ער ענלעך צו די קאַלטע מלאכים, פון וועמענס שווערדן ער האָט אָפּגעראַטע־וועט זיין נפש. ער שמייכלט ביטער: „אהרון, ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט טאָן?" ער פרעגט נאָך אַ מאָל אויף חור, זיין געטרייען דינער און הערט די זעלבע תשובה: „געפאַלן מיט אַ קרומען קינדזשאַל אין די ריפּן". ער האָט נישט מער וואָס צו פרעגן. אַליין וויל ער בלייבן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, אַליין מיט זיין טרויער וואָס איז טיפער פונעם ים.

„האָבן זיי זי פאַרטריבן און דערמאָרדעט" — קנוילן זיך די טרערן פון זיין האַרץ און קאַנען מיט זייער ברי פון די אויגן נישט

פאַלן. זיי האָבן פאַרהויבן זייער האַנט קעגן דאָס סאַמע ליכטיקע, געלייטערטע, קעגן ווונדערלעכן באַשאַף פון גאָט. זיי האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם ריינעם קוואַל פון איר לויטערן בליק, די געט־לעכע שיין פון איר הערלעך האַרץ און די ווונדערלעכע שירה פון איר צעזונגענעם גוף. זיי האָבן איר גרויסקייט נישט געקאָנט פאַר־טראָגן און זייער גייציקע קליינלעכקייט האָט זי פאַרטריבן אין מדבר און דערמאָרדעט!

ווי וועט ער קאָנען נידערן צום פאָלק און זען אים אין זיין געפאַלנקייט, ווען זי, דאָס ליכט פון זיין האַרץ, איז מער דאָרט נישטאָ? פאַר וועמען וועט ער ברענגען גאָטס דערפרייענדיק וואָרט, ווען ער אַליין איז געפאַנגען אין תהום פון אומגעהויערן צער און טרויער? קליינע האַרצלאָזע ברואים, פאַר וואָס האָט איר עס געטאָן?

צוויי שטראָמען טרערן טוען אַ פלייץ פון זיינע אויגן, רינען אַראָפּ אויף זיינע ברייט־צעוואָקסענע הענט, אויף די שווערע לוחות און צעפינקלען זיך ווי פליסיקער גיפּס אין שיין פון די שטערן. פון ברי אין די אויגן ווערט משה פאַרשיכורט ביז ווייטיק. ער זעט זיך אין זיין יוגנט, אין זיין וואָגל און וואַנדער, מיט דער טשערעדע שאָף צופוסנס פון די בערג אין ווילדן מדבר. ווי ווונדערלעך־דערהויבן עס האָט דאַן געקלונגען צו אים, צום ערשטן מאָל גאָטס שטים. ער איז געזעסן אויף אַ שטיין און אין זיין שויס געגלעט דעם ווייכן וואָל פון אַ יונגן, קראַנקן לאָם. גאָטס שטים איז געווען צאַרט און פול מיט רחמנות, ווי צאַרט און מיטליידנדיק עס איז געווען דאָס שוואַכע באַשעפעניש אין זיין שויס. יאָ, ער וועט גיין העלפן זיינע ברידער באַפרייען פון זייער יאָך, ווייל ווי דער קראַנקער, שוואַכער לאָם נוי־טיקן זיי זיך אין זיין הילף. דער מדבר איז געוואָרן זיין היים, דאָרט האָט ער געהערט גאָטס וואָרט און דאָרט האָט ער געפונען זיין מעכ־טיקן ווידערקול אין די בערג. גרויס חסד האָט מיט אים געטאָן דער מדבר. ער האָט אים געשאָנקען זיינע בערג און טרוקענע טאָלן.

דאָרט האָט ער זײַנע טרוימען געטרוימט, זײַנע זעונגען געזען. דאָרט האָט ער אויך געפֿונען זי, כּושית.

ווי אַ וווּנדער האָט זי זיך צו אים באַוויזן. אירע פֿולע רונדע גלידער זענען אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אים מיט שירה. איר שײנקײט פֿון אַ יונגן פֿלינקן אינד האָט אים דערמאָנט אין וועלדער און פֿלײנען, באַזונטע און באַשאָטנטע, געבענטשטע מיט טוי און מיט רעגן. „וואָס װעסטו זײַן פֿאַר מיר?" — האָט ער זי געפֿרעגט. און זי האָט אים געענטפֿערט: „איך וועל זײַן פֿאַר דיר דאָס וואַסער, אין וועלכן דו וועסט צעברעכן דײַן דורשט". ער האָט צוגענומען, מיט גרויס ליב־שאַפֿט אָט די גרויסע געטלעכע מתּנה, וואָס דער מדבר האָט אים געשאָנקען, געטרונקען פֿון די זילבערנע קוואַלן פֿון אירע אויגן און זיך פֿאַרשיכּורט מיטן פּרוכט פֿון איר צײַטיק לײַב. פֿאַר וואָס האָבן זײ פֿאַרלאָשן דאָס געטלעך ליכט?

ער וועט נידערן צו זײ, צו די אין תּאווה־פֿאַרטרונקענע און אין אומרײנקײט־באַזויפֿענע, ער וועט זײ אויפֿהייבן פֿון זייער געפֿאַ־לנקייט. ער וועט זיי אָפּגעבן די לוחות, וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַר זיי און אין וועלכע עס איז פֿאַרזיגלט דאָס בלוט פֿון זײַן האַרץ. אָבער אַליין וועט ער שוין נישט זײַן מיט זיי. זאָלן זיי ווייטער שפּאַנען אין וועג צו זייער דערלייזונג און אָנקומען צום לאַנד פֿון זייערע חלומות. זײַן חלום ליגט אַ דערוואָרגענער דאָ, אין מדבר, אַ פֿאַר־פֿייניקטער אויף אַ האַרטן מדבר־פֿעלז. אַלץ קאָן אַ לעבעדיקער מענטש פֿאַרגעסן און פֿאַרלאָזן, אַפֿילו זײַן אייגענעם גאָט, אָבער קיינער קאָן נישט אַוועק פֿון זײַן אייגענעם פֿאַרפֿייניקטן חלום.

ער וועט אַרויפֿגיין אויפֿן העכסטן באַרג אין מדבר און אים בעטן ער זאָל ווערן זײַן באַשטענדיק געלעגער. מיט טרערן אין די אויגן וועט ער בעטן אויף זיך דעם טויט, דער הויכער באַרג זאָל אים אויפֿזאַמלען צו זיך און ווערן פֿאַר אים אַ היים. פֿון דאָרט וועט זײַן בליק קוקן אין די אייביקייטן און דער בלענדיקער שיין פֿון אָנגע־גליטן מדבר וועט אים אייביק זײַן אַנטקעגן דעם בליק. ווען עס וועט

אָנקומען די נאַכט און וועט דעם מדבר אַרומנעמען מיט איר טונקל קלייד, וועט זי זיי ביידן פאַרדעקן אין איין געלעגער: אים, דעם אייביק־בענקענדיקן אין זיין טרויער; זי, זיין געשטאַרבענער חלום. ער וועט דערפילן איר נאָענטקייט, אַרומנעמען איר פאַרפייניקטן גוף און אים פאַרהייבן ווי אַ מאָנונג צום שיין פון די שטערן. דער כסא הכבוד וועט אויפציטערן און די מלאכים וועלן פאַרגליווערט ווערן אין מיטן זייער שירה. און ער וועט שוין זיין ווייט פון אַלץ און אַלע־מען. דאָס געדעכעניש פון אַלע געמיינקייטן און מענטשלעכער שפלות וועט שוין נישט אויפקומען אין אים. אַ געלייטערטער וועט ער רוען אויפן געטרייען רוקן פון מדבר־באַרג און אויף זיינע הענט פאַרהייבן צום שטערן־שיין זיין ליכטיקער חלום.

קוואַלן טרערן זענען גערונען פון זיינע אויגן אויף די שטיי־נערנע לוחות. די נאַכט האָט זיי געקילט מיט איר אָטעם. זיי פאַר־גליווערט אויפן שווערן האַרטן שטיין. אין באַגינען פון טאָג האָבן זיי אויפגעשיינט אין דער אויפגייענדיקער זון מיטן הייסן פייער פון בלוט.

ווען משה האָט געגידערט פון באַרג, האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער וועט צעברעכן די לוחות פון גאָט. מיט וווּנדער האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די לוחות ווערן אין זיינע הענט גרינגער און גרינגער, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין זיינע אויגן אין לייכטע ליימענע שערב־לעך. די שווערע געטלעכע שריפטן האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט משהס בלוטיקע טרערן, נאָך שווערער געוואָרן און אָפּגעשפּרונגען פון קאַלטן שטיין. זיי זענען געפאַלן אין טאָל פון מדבר און זיך אויס־געמישט מיטן ליכט פון דער זון.

מיט אַ טיפן עקל האָט משה געוואָרפן די שטיינער פון זיינע הענט. ער האָט געוווּסט וואָס ער דאַרף איצט טאָן, ער וועט אָנצינדן זיין האַרץ אין אַ פלאַם־פייער און ווי מיט אַן אָנגעגליטער שווערד אַרויסגיין קעגן דער שלעכטס. ער וועט זיי נאָך ברענגען לוחות, ער מוז נאָך ברענגען. אָבער פריער וועט מוזן די מענטשלעכע געפאַלנ־קייט און רשעות אָפגיין אין איר אומריין בלוט און זיך לייטערן אין

דעם, ווי עס ווערט געלייטערט דער גוף פון אַ רוצח, ווען זיין לעבן ווערט אים צוגענומען דורך דער שווערד פון גערעכטיקייט. ער וועט עס טאָן! עס איז אַוועק די שעה פון חסד און רחמים. די ווייכע קראַנקע לאַם ליגט אַ פּאַרצוקטע דורך חיהשע ציין. איצט איז גע־קומען די שעה פון דין.

און אַזוי האָט משה געטאָן וואָס ער האָט געטאָן, נאָך דעם ווי ער האָט צעבראָכן די לוחות.

צום צווייטן מאָל האָט משה געגעבן די לוחות מיט קאַלטער רויקייט אין האַרצן און שטאָל אין בליק. דער באַרג האָט געדונערט און געבליצט, די מענטשן זענען געשטאַנען דערשראָקענע און גע־ציטערט. און משה, דער פאַסטעך פון פאַרצוקטע לעמער, האָט גע־רעדט צו זיי הויך און שאַרף ווי אַ חלף:

— נעמט צו די תורה, ווייל ווען נישט וועט אייך די ערד צודעקן...

דאָס שעפעלע

ד

א

ווען בת־שבע, דאָס ווייב פון אַלטן קעניג דוד, האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעשלייכט פון מלכס פּאַלאַץ און זיך געלאָזט גיין מיטן שמאָלן, שטייניקן שטעג, האָט די זון שוין פון לאַנג געהאַט געניִדערט אין ים און פון די בערג אַרום ירושלים האָבן זיך אָפּגע־וואָרפן שווערע טונקעלע שאָטנס. און ווי די נאַכט איז געווען אַ ליכ־טיקע, אַ לבנהקע, מיט איינצלנע גרינע שטערן אין טונקעלן הימל, זענען דאָך די שמאָלע וועגן פון דער שטיינערנער שטאָט געווען פאַרטונקען אין געדיכטער פינצטערניש, צוליב די שטיינערנע טור־רעמס, וועלכע דער מלך דוד האָט געלאָזט אויפבויען אין שטאָט, ווי אַ סימן פון זיין מאַכטיקייט. איצט האָבן די טורעמס פאַרשפּרייט אַרום זיך זייערע נאַכטיקע שאָטנס און איינגעהילט אין פינצטערניש די שלאָפנדיקע שטאָט.

נאָכן אָפּגיין אַ קורצע ווײַלע, איז בת שבע געווען אויסער דער שטאָט און זיך פאַרנומען מיטן אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס האָט זיך

געשפרייט פון דער לינקער זייט פון מלכס פּאַלאַץ. דער וועג האָט געפירט באַרג־אַרויף. און דאָרט, אויפן שפּיץ פון משופּעדיקן, נישט הויכן באַרג, איז געשטאַנען דער שטיינערנער געצעלט, אין וועלכן עס האָט געוווינט נתן הנביא, דער רויקער באַזאָכטער נביא, וואָס האָט געברענגט אויף זיינע ליפּן דעם רצון פון גאָט פון ישראל, פאַר אים, דעם מלך דוד, דעם געזאַלבטן קעניג פון גאָט.

אַרויפגייענדיק אויפן באַרג האָט בת־שבע פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט. דאָס דאַזיקע בערגל מיט זיין קליינעם שטיינערנעם טורעם אויף זיין שפּיץ איז איר געווען גוט באַקאַנט. וויפל מאָל איז זי שוין געזעסן אין נישט גרויסן, געוועלבטן חדר און געקוקט אין די אויגן פון רויקן קלוגן נביא? און שטענדיק איז זי אַוועק פון אים אַ באַרויקטע, איבערלאָזנדיק אירע אַלע שרעקן און ספיקות אויף דער שוועל פון הויז פון דאָזיקן געטלעכן מאַן. און איצט, איז זי זיכער, וועט ער ברענגען רו אין איר אומרויק האַרץ און אויך איצט וועט זי פון אים אַוועקגיין אַ געשטאַרקטע און אַ דערמוטיקטע. ער וועט צונויגן זיין אויער צו אירע רייד און מיט זיין קלוגער עצה וועט ער ברענגען צו איר דאָס וואָרט פון טרייסט.

זי האָט פאַרשנעלערט אירע טריט און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שטיין געבליבן פאַרן שמאָלן אַריינגאַנג פון נביא־הויז. מיט אַ איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי אַריינגערופן אין דער געוועלבטער עפענונג:

— דער נביא נתן! דיין דינסט בת־שבע איז געקומען און שטייט אויף דיין שוועל!

ווען דער נביא האָט געהערט דאָס רופן פון בת־שבע, איז ער אַראָפּ פון דער שטיינערנער טעראַסע וואָס אויפן דאַך און זיך געלאָזט צו דער געקומענער. דער נביא איז געהאַט געזעסן אויף דער טעראַסע באַלד מיטן אָנקום פון דער נאַכט און זיך געקוויקט מיט דער קילקייט פון שאַרפן באַרג־ווינט, נאָכן אָפּגיין פון ברענענדיקהייסן טאָג. ער האָט געקוקט אין די איינצלטע גרינגע שטערן און געטרונקען זייער רו. אָבער ווען ער האָט דערהערט די שטים פון קע־

ניגס ווייב, פון אַט דער ווונדערלעכער קלוגער און ענערגישער פרוי, איז ער מיט יוגנטלעכער פרייד אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך געלאָזט זי באַגעגענען. ווען ער האָט זי אַריינגעפירט אין הויז האָט ער זי געבענטשט:

— פרידן צו דיר, טאָכטער בת־שבע, דאָס ווייב פון גאָט־אויס־דערוויילטן מלך איבער ישראל און ירושלים!

— און פרידן צו דיר, נתן, דער נביא פון גאָט — האָט בת־שבע אים אָפּגעענטפערט, זיך לייכט פאַרנויגט און אַרונטערגענומען דעם שווערן שלייער פון איר געזיכט.

זי איז געזעסן פאַר אים מיט אַן אָפּגעדעקט געזיכט און ער האָט געקוקט אין איר פּנים מיט גרויס ווונדער, ווי זי וואָלט געווען פאַר אים אַ נייע אַנטפּלעקונג. וויפל צייט איז שוין פאַריבער זינט ער האָט זי געזען, צום ערשטן מאָל, פּנים צו פּנים, אין מלך דודס הויף? שווערע יאָרן זענען שוין אַוועק זינט יענער נאַכט, ווען ער האָט זי געזען ביים מלך, אין שיין פון אַ ברענענדיקן פאַקל. איר מוטערטראַכט איז דורך דער צייט נישט איין מאָל געבענטשט גע־וואָרן און איר גוף האָט אויסגעטראָגן און געבוירן די פרוכט, וואָס איז אַרויס פון קעניגס לענדן. אָבער זי אַליין האָט זיך כמעט ווי נישט געענדערט. איר פול, רונד געזיכט האָט גאָרנישט פאַרלאָרן פון זיין גלאַטער רונדיקייט און אירע ברוינע מאַנדל־אויגן שימערן נאָך אַלץ אויף מיט יענע געהיים פייער וואָס טרעפט ווי אַ שאַרפער שפּיז אין האַרץ. און וויפל מאָל זי קומט נישט פאַר אים, איר נביא און פריינד, איז זי די זעלבע ווי ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען, מיט זעלבן שווערן טונקעלן האָר־פלעכט אויפן קאָפּ און שמאָל־אויפגעשניטענע מאַנדל־אויגן. וואָס פאַראַ פאַרבאָרגענער כוח ליגט באַהאַלטן אין דער דאָזיקער ווונדערלעכער פרוי?

זי זעט דעם נביא זיצן אַ פאַרטראַכטן און פון אירע ליפּן גייען אַראָפּ די רייד ווי אַ געבעט:

— דער נביא נתן איז זיכער באַאומרויקט פון דעם פּלוצלונג־דיקן קומען פון זיין דינסט אַהער? יאָ, נביא, אַ נישט־רויקייט האָט

זיך באַזעצט אין מיין האַרץ און דיין דינסט איז געקומען זוכן אַ טרייסט.

ער האָט געהערט די שווערע רייד פון איר מויל און געקוקט אין אירע אויגן. און ווידער האָט ער געזען די זעלבע פּרוי, וועלכע ער קאָן שוין אַזוי לאַנג און וועלכע ער האָט אַ מאָל אין איינער אַ נאַכט געזען ביים קעניג אין פּאַלאַץ, ביים שיין פון אַ ברענענדיקן פּאַקל. די רייד פון איר מויל זענען געווען שווערע, אָבער אין די ווינקלען פון אירע האַלב־צוגעזשמורעטע אויגן האָט ער געזען די פּאָר אים גוט־באַקאַנטע שטיפערישקייט, דעם הייסן ברי פון געברענ־טע געצוקערטע מאַנדלען. ווי וווּנדערלעך עס רעדן אירע אויגן — האָט דער נביא אַ טראַכט געטאָן — און אַ וואַרעמער שטראַל איז אים דורך איבערן גוף און אים אויפגעהייטערט. האָט ער זי אָנגע־נומען פאַר דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— לאָמיר אַרויפגיין אויף דער טעראַסע. דאָרט, אין דער נאַכ־טיקער קילקייט איז גוט צו רעדן די רייד וואָס דאַרפן ברענגען רו אין אומרויקן האַרץ.

זיי זענען געזעסן אויף דער טעראַסע און געקוקט אין דער טונ־קעלער וויט. די נאַכט איז געווען אַ שטילע. אויך דער באַרג־ווינט האָט זיך איינגעשטילט און לייכטע ווייכע וואָלקנס, ווי שעפּסנוואָל, האָבן זיך אָנגערוקט אויף דער לבנה און פאַרשטעלט איר פּנים. אין וויטן נעפּל האָט זיך געטורעמט דער שפּיץ פון קעניגס פּאַלאַץ, ווי ער וואָלט געשלאָפן שטייענדיק, באַנומען פון נאַכטיקן כשוף. איצט האָבןביידע, בת־שבע און דער נביא נתן, געקוקט אין דער ריכטונג צום פאַרדרימלטן טורעם און געשוויגן. דערנאָך האָט זיך אָנגערופן דער נביא:

— איז פרידן צו דוד דעם מלך פון ישראל?

— גאָטס האַנט באַשירעמט און באַשיצט דעם געזאַלבטן פון גאָט — האָט בת־שבע געענטפערט ווי אויף אַ ברכה און ווידער פאַרשוויגן געוואָרן. זי האָט געוואַרט דער נביא זאָל פרעגן. און דער נביא האָט געפרעגט:

— וואָס איז דער אומרו, וואָס טוט נעסטיקן אין דיין האַרץ, מיין טאָכטער בת־שבע, די אויסדערוויילטע פרוי פון ישראל?

— דער קעניג דוד איז אַלט, די זון וואַרעמט אים שוין מער נישט אין די טעג און דאָס וואַרעמע געלעגער אין די נעכט. עס שטרויכלען זיך די קני פון מלך פון ישראל.

— זיין עלטער איז געבענטשט — רעדט דער נביא ווי פאַר זיך, זיינע גרויסע מעשים זענען גרויס און רעכטפאַרטיק פאַר גאָט.

— און אַ גרויסע שטרויכלונג גייט מען אָנברייטן פאַרן קעניגס הויז — רעדט ווייטער בת־שבע, ווי זי וואָלט נישט געהערט דעם נביאס רייד. די ראָט פון די זקנים איז אַ מוטווילִיקע און וועט ברענגען צו שאַנד דעם געזאַלבטן פון גאָט אין די אויגן פון הויז פון ישראל!

— איז עפּעס געשען? — האָט דער נביא אויפגעציטערט.

— זיי האָבן פאַרטראַכט צו ברענגען פאַרן אַלטן קעניג אַ יונגפרוי, זי זאָל אים זיין קאַלטן שויס דערוואַרעמען. צי זעט נישט דער נביא דעם פרעמדן ווינט וואָס די דאָזיקע יונגפרוי קאָן ברענגען מיט זיך?

איצט האָט זי גערעדט מיט פייער אין שטים. אירע ליפּן האָבן זיך געשניטן ווי קליינע שאַרפע מעסער־קלינגען און אויך פון אירע אויגן איז פאַרשוווּנדן דער זיסער ברי פון געצוקערטע מאַנדלען. פון אירע אויגן האָט איצט געשפּריצט מיט פייער:

— איך, דיין דינסט, בין געשטאַנען פאַר דיר אַלע מיינע טעג, נביא נתן, דו ווייסט פון מיין גיין און קומען, קאָן עס געטאָן ווערן צו מיר די דאָזיקע מוטווילִיקע זאַך?

איצט האָט דער נביא אויפגעשמייכלט: דאָס ערשטע מאָל, זינט ער האָט באַקענט די דאָזיקע שיינע און אין זיך זיכערע פרוי, זעט ער אין אירע אויגן יענעם באַוווּסטן פּחד פאַרן פאַרשפּילטן קאַמף. וואָס ווייסט זי וועגן די וועגן, אין וועלכע גאָט פירט דאָס הויז פון דוד, דורך אים, זיין נביא נתן? נישט שוין זשע גלויבט זי, בת־שבע, אַז נאָך לאַנגע יאָרן פון אינטימער באַקענטשאַפט מיט איר, וועט ער,

נתן, זי איצט פֿאַרראַטן און אויסשטעלן איר צו שאַנד? ווייסט זי נישט, אַז איר גלייכער, אומגעריכטער וועג צום מלך דודס הויז איז געווען צוגעגרייט דורך אים, דעם מלכס נביא, איר געטרייסטער פֿריינד? אויך איצט וועט ער געטריי און רעכטפֿאַרטיק ברענגען פֿאַר איר די געוווּנטשענע נבואה און באַרויקן איר צעשראָקן האַרץ. אין זיינע אויגן לייכט אויף אַ זיסער שמייכל און זי קוקט אויף אים, דער־וועט דעם זיסן, פֿאַרבאָרגענעם שמייכל אין זיינע אויגן און אויך איר בליק בליצט אויף מיטן באַקאַנטן שמייכל פֿון געצוקערטע מאַנד־לען. זי פֿאַרשטייט איר נביא און איר האַרץ ציט זיך צו אים מיט אַלע געהיימע פֿעדים פֿון דאַנקבאַרקייט. דער נביא גלעט איר האַנט און פֿליסטערט:

— דורך מיר איז געקומען די עצה פֿון גאָט און איך האָב זי פֿאַרטרויט פֿאַר די זקנים. פֿאַרבאָרגן זענען די וועגן פֿון גאָט ביים באַשיצן דאָס הויז פֿון זיין געזאַלבטן קעניג. אויך די יונגפֿרוי וואָס וועט אים געבראַכט ווערן וועט דערוואַרעמען זיין האַרץ און וועט דינען ווי אַ תהום, אין וועלכן עס וועלן פֿאַלן די שונאים פֿון הויז פֿון דוד. דער מלך דוד איז אייביק און זיין שטול איז גרונטגעפֿעס־טיקט פֿאַר זיין הויז אויף אייביק. גיי מיט רו, מיין טאָכטער בת־שבע און נעם אויף מיט רעכטפֿאַרטיקייט דעם חסד פֿון גאָט.

זי האָט געקושט דעם נביאס האַנט לאַנג און הייס, ווי זי וואָלט וועלן אַריינהויכן אין זיין האַנט דעם הייסן אָטעם פֿון איר האַרץ. דערנאָך האָט זי אויפֿגעהויבן אירע אויגן און געקוקט אין פּנים פֿון שמייכלענדיקן נביא. איצט האָבן זיך זייערע ביידנס בליקן באַגעגנט מיטן זעלבן געהיימען הייסן פֿייער, וואָס איז זיי איינאַנדער באַקאַנט געווען פֿון יאָרן. זי האָט געברענט מיט בליקן פֿון הייסע געצוקערטע מאַנדלען און דעם נביאס בליק האָט געברענט מיטן שאַרף פֿון שטאַרקן ווין. זייערע ליפּן האָבן געשמייכלט מיט דער שאַרפֿקייט פֿון אַ ווייטן, טיפֿן סוד. דערנאָך האָט דער נביא געגלעט דעם שווערן טונקעלן האָר־פֿלעכט אויף איר קאָפּ און זי אַראָפּבאַגלייט פֿון דער טעראַסע. אַ פֿאַרהילטע איז זי, מיט שנעלע טריט געגאַנגען איבערן

שמאָלן, שטיינערנעם שטעג צום מלכס פּאַלאַץ. דער נביא איז גע־שטאַנען אויפן באַרג און נאָכגעקוקט איר שנעלן גאַנג ביז זי איז פאַרשוווּנדן. פון זיינע ליפּן איז נישט פאַרשוווּנדן דער שאַרפער רוי־טער שמייכל, פול מיט ווייטן, טיפן סוד, און אין זיינע אויגן האָט געברענט דאָס אָנגעצונדענע פייערל ווי שטאַרקער ווייַן, וואָס צינד אָן דאָס בלוט און פאַרטונקלט די חושים. ער איז אַרויף צוריק אויף דער טעראַסע און אין דער קילקייט פון די גרינע שטערן, וואָס האָבן איצט פול באַזעצט דעם הימל, געזוכט רו פאַר די לעצטע שעהען פון דער נאַכט.

ב

ווען מען האָט געבראַכט דאָס מיידל אין דער שטיינערנער פעס־טונג, איז דער זומערדיקער טאָג געשטאַנען אין זיין פולן, הייסן גלי. די שליחים זענען געקומען פון וועג דורכגעברענטע פון דער טאָגיקער חמימה און פון לאַנגזאַמען רייטן אויף זייערע הייסע פערד, וועלכע עס איז שווער געווען צו צוימען פון הייסן געשווינדטן גאַלאָפּ, צו וועלכן זיי האָבן זיך געריסן, ווייל לאַנגזאַם האָבן די שליחים גע־דאַרפט רייטן אַהיים, צום פּאַלאַץ פון קעניג דוד, כדי מיטצוהאַלטן דעם טראָט פון געזאָטלטן קעמל, אויף וועלכן עס איז געריטן דאָס שענסטע מיידל פון לאַנד, וועלכע זיי האָבן אויסגעפונען פאַרן אַלטן קעניג, אבישג, דאָס מיידל פון שונים.

איצט זיצט דאָס מיידל אין גרויסן ליידיקן צימער און אָטעמט אומרויק די שאַרפע קילקייט פון שטיינערנעם געביי. עס ווייַזט זיך איר אויס, אַז ערגעצווו האָט מען צוליב איר אויסגעלאָשן די הייסע זון און איר וועלט איז אויסגעפילט געוואָרן מיט קאַלטן גליווער און אירע אויגן זענען איבערגעצויגן מיט אַ שווערן גרויען טוך. זי זיצט אַ צעשראָקענע אויפן נידעריקן געזעס, אויסגעהאַמערטן פון שטיין, ווי אַ יונגע, פלינקפיסיקע וואַלד־חיה, וועלכע דער יעגער האָט מיט זיין נאָכיאָגן איר איינגעמאַטערט און לסוף זי געפאַנגען אַ מידע, אין פאַרצווייפלונג־רעזיגנירטע און גרייטע צו הכנעה. די דינער פון מלכס

הויף האָבן זי פון אַ קליינעם מרחק אַרומגערינגלט און געקוקט אויף איר ווי אויף אַן אויסטערליש באַשעפעניש, געזען דעם אומרו אין אירע צעשראָקענע אויגן און געשמייכלט צופרידן און מיט איינגע־האַלטענער באַוווּנדערונג, ווי זיי וואָלטן אין האַרצן גערעכטפאַרטיקט דעם גוטן, געלונגענעם פאַנג. די צוויי שליחים זענען געשטאַנען ביי דער זייט פון מיידל, נישט געלאָזט די נייגעריקע זיך דערנענטערן צו איר און געוואַרט מען זאָל זיי באַפוילן וואָס מיט דעם מיידל צו טאָן.

עס איז אָנגעקומען די קעניגין בת־שבע. די דינער זענען גע־פאַלן מיטן פנים צו דער ערד און זיך טיף געבוקט פאַר איר. דאָס מיידל איז געבליבן זיצן אויפן שטיין און אַ פחד האָט אויפגעפלאַ־טערט איר האַרץ. די קעניגין האָט זיך צו איר דערנענטערט, איר אַ ווייל אָנגעקוקט מיט אַ שטילשווייגן און דערנאָך צו איר געזאָגט:

— שטיי אויף טאָכטער פון דיין זיצן און לאָמיר זען דיין געשטאַלט.

איצט האָט זי די קעניגין באַטראַכט. דער קליינער קאָפּ ביי דעם מיידל איז געווען באַוואַקסן מיט קורצע שוואַרצע שויבערן, ווי ביי אַ יונגן לאַם וועמענס וואָל עס איז צום ערשטן מאָל געשוירן געוואָרן מיט אַ שווערע פאַסטעך־שער. איר רונד געזיכט, אָפּגעברוינט פון דער זון, האָט איצט באַשלאָגן אַ טונקעלע פאַררויטלטקייט, וואָס האָט געשפּאַרט פון אונטער דער ברוינער הויט פון פנים און פאַר־לוירן געוואָרן אין זיין פאַרב. דאָס שווערע דאָרפיש קלייד גראָ און גראָב געוועבט, האָט אַראָפּגעגנידערט פון אירע יונג־אויפגעוואַקסענע גלידער ווי אַ שווערער פוירהאַנג וואָס ווערט אויפגעצויגן צום באַ־האַלטן פאַר אַ פרעמד אויג די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון צימער. איר האַלדז איז געווען הויך און אָפּגעברוינט, און נאָר דער שאַרפער אויסשניט אין גרויען געוואַנט, וואָס האָט אַנטפּלעקט אַ שמאָלן פּאַס פון מיידלשער נאַקעטקייט, פון איר הויכן האַלדז ביז צו דער סודות־פולער געבערגלקייט פון איר יונגער, אויפגעבליטער מיידלשער ברוסט, האָט אויפגעזוּנגען מיט הייסן געזאַנג דעם סוד פון אַ העל־

אויפגעשפילטן, רונדיק־אָנגעגליטן יונגן גוף, וואָס באַהאַלט זיך, ווי אַן איידעלע פרוכט, אונטער דער גרעב פון גרויען געוואַנט. בת־שבע האָט איר באַטראַכט און באַהאַלטן געשמייכלט: אַ יונגער רונדער נוס אויף אַן אַלטן צאָן! זי האָט זיך צעשמייכלט פון איר פאַרגלייך, גע־בלאַנדזשעט מיט איר בליק איבערן באַהאַלטענעם גוף פונעם מיידל, ווי זי וואָלט מיט געוואָלט און מיט איין מאָל געוואָלט אַרויסרייסן פון דאָרט דעם וואַרעמען מיידלשן סוד און אים נעמען אין אירע הענט. דאָס מיידל האָט געשוויגן און מיט שרעק געשטאַנען פאַר דער קעניגין, מיטן בליק אַראָפּגעלאָזטן צום שווערן זוים פון איר קלייד, וואָס האָט פאַרשטעלט אירע באָרוועסע פיס.

און אָט האָט דאָס מיידל איר בליק אויפגעהויבן און געקוקט אין פנים פון דער קעניגין. בת־שבע האָט אויפגעציטערט. צוויי שאַרפע פייערלעך האָבן פון מיידלס אויגן זיך אָנגעשטעלט מיט זייער שאַרפקייט אויף דער קעניגין. דעם מיידלס אויגן זענען געווען גרין, ווי גרין עס זענען די אויגן ביי אַ קליינער פעלד־חיה אין די נעכט, ווען זי קאָרטשעט זיך צונויף אין הייסן דראַנג פון פאַרצוקונג. און געדאַכט האָט זיך איצט דער קעניגין, אַז אָט וועלן די צוויי גרינע פייערלעך זי דורכשפּיזן דורך און דורך, דורכבויערן איר האַרץ און זי וועט פאַלן אַ פאַרברענטע צו די פיס פון אָט דער ווילדער, דאָרפי־שער באַשעפעניש. אינסטינקטיוו האָט זיך בת־שבע אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים האַרץ איינצושטילן דאָרט דאָס שווערע קלאַפּן און דעם הייסן אומרו. און דאָס מיידל האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר איר גרינעם, שניידיקן בליק און מיט זיין שאַרפקייט געשניטן, שניט נאָך שניט, דער קעניגינס רו. דער קעניגין איז באַפאַלן אַ פחד: ווער ווייסט וואָס פאַראַ פייער די דאָזיקע גרינע פלאַמען קאָנען אָנצינדן אין הויז פון דוד? זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו די שווייגנ־דיקע דינער און באַפוילן:

— זאָל מען וואַשן איר גוף און אים אויסשמירן מיט מירע און זי ברענגען פאַר מיר! און מיט האַסטיקע טריט, מיט דער האַנט

אויף איר צעשראָקן האַרץ האָט זיך די קעניגין געלאָזט צו דער אויפ־געהויבענער יריעה און פאַרלאָזט דעם שטיינערנעם געצעלט.

אויף צומאָרגנס איז צו דער קעניגין געקומען נתן דער נביא.

זי האָט געקוקט אין רויקן, שמייכלענדיקן בליק פון נביא און זיך געוואָלט אָנטרינקען מיט זיין רו. אָבער איר האַרץ האָט געפלאַ־טערט און די נאָז־פליגל האָבן ביי איר געציטערט מיט דער שאַרפ־קייט פון נאָענטער געפאַר. דער נביא האָט געלאַסן געטרונקען דעם געדיכטן זיסן וויין און געגלעט זיין איידל־געפלאָכטענע באָרד. בת־שבע האָט אַרויסגעפליסטערט:

— זי איז שיין, דאָס מיידל פון שונים!

אויפן נביאס שוואַרץ־געקעמטער באָרד איז געפאַלן אַ שטראַל פון דער זון. עס האָט אויסגעזען ווי זיין באָרד וואָלט אויפגעשמייכלט מיט אַ בלויען שמייכל. אויך זיינע אויגן האָבן געשמייכלט, ווען ער האָט געזאָגט צו דער קעניגין:

— רו זאָל הערשן אין האַרץ פון דער קעניגין, ווייל גאָט באַ־שירעמט און באַהיט מיט זיין חסד דאָס געמיט פון זיין אָרעם שע־פעלע...

בת־שבע האָט אויפגעציטערט: אָרעם שעפעלע! אָ, וויפל צייט און וויפל שווערע טרעפּונגען זענען שוין אַריבער פון יענער נאַכט, ווען עס איז צום ערשטן מאָל געפאַלן דאָס וואָרט פון נביאס מויל? אָרעם שעפעלע! וויפל דערלייכטערונג האָט איר געבראַכט דאָס דאָ־זיקע וואָרט פון איר נביא, און זיין באַהאַלטענער שמייכל וואָס ער האָט געשמייכלט דערביי? קיינער האָט דעם שמייכל נישט געזען, נאָר זי, בת־שבע, די צעשראָקענע, די אין אומרו־אויפגעברויזטע האָט דעם זיסן באַהאַלטענעם שמייכל אויפגעכאַפּט מיטן זוים פון אירע צעשראָקענע וויִעס און אים פאַרשלאָסן אין איר האַרץ אויף אייביק. אויך איצט, אין שעה פון אומרו און פחד, איז פון זיין מויל געפאַלן דאָס דאָזיקע וואָרט. וואָס קאָן איר איצט געשען, ווען ער, דער נביא נתן, געדענקט נאָך זיין חסד צו דער אָרעמער שאָף?

דער זונשטראַל גייט איצט איבער פון נביאס שוואַרץ־געפלאָכ־

טענער שײנער באָרד אויף די שווערע האָר־פּלעכט פון דער קעניגינס קאָפּ. דעם נביאס באָרד ווערט טונקל און פּאַרלירט מיט אַ מאָל דעם בלויען אָפּגלאַנץ. דער האָר־פּלעכט אויף דער קאָפּ פון דער קעניגין צעשפּילט זיך מיטן אָפּגלאַנץ פון צעשמאָלצענעם גאָלד, אין אירע טונקעלע אויגן צעשפּילט זיך דער זונענגאָלד מיט דער שײנקייט פון װײטע יונגע חלומות, װעלכע שטעלן זיך איצט פאַר אירע אויגן מיט דער שאַרפקייט פון שאַרפן װײן־אויפברויז אין בלוט. װי שײן און װי הייס עס איז געװען די צייט, װען אויף איר קאָפּ איז צום ערשטן מאָל געפאַלן דאָס װאָרט אָרעמע שאָף ?!

...זי האָט געפלאָטערט אין די שטאַרקע אָרעמס פון מאַכטיקן קעניג און געטרונקען פון זיין גוף די שטאַרקע מענערישע זאַפטן. דער קעניג האָט געצערטלט אירע רײפע צעזונגענע גלידער און זי האָט געפילט, אַז זי איז די װוּנדערלעכע פידל, אויף װעלכער דער גרויסער מלך זינגט אויס זיין שטורמישן געזאַנג. אירע רונדע רײפע גלידער זענען אָנגעשפּאַנטע סטרונעס פון אַ האַרפע און בעטן זיך צו די ציטעריק־װיברירנדיקע פינגער פון גאָט־געבענטשן זינגער. און ער, דער מאַכטיקער זינגער, האָט זיי פון דער װײטן דערפילט און זיין האַרץ איז אויפגעשטורעמט געװאָרן. אַ זיך־באַדנדיקע אין זון־שטראַלן האָט ער זי אויפן דאַך פון איר הויז דערזען און די שירה פון איר גוף איז צו זיין האַרץ דערגאַנגען. דערנאָך האָט ער, דער מלך, פון איר גוף דעם רו פאַר זיין אומרויִק האַרץ געטרונקען און שיכור געװאָרן פון מאַכטיקן געטראַנק. אין בלויען פייער פון הייסער גאַריקייט זענען זיי ביידע אויפגעגאַנגען און איבער זיי — דאָס געזאַנג פון געשטילטן באַגער.

באַלד דערנאָך איז געקומען די שאַרפע פּיין פון באַגאַנגענער זינד. פון װײטן מלחמה־פעלד האָט גערופן דאָס פאַרגאָסענע בלוט, מיט װעלכן זיי האָבן זייער געלעגער געבעט; דער מלך האָט זיין האַרץ צעבראָכן, אַ בעכער אויף אַ שטײן, אין װוּנדערלעך־װײטיק־לעכע רייד פון פּאָעטישן געזאַנג. און איבער זיי ביידן איז געשטאַנען דער נביא נתן און געפייערט מיט געטלעכן אייפער:

— פֿאַר דער זינד פֿון אוריה דעם חיתי וועט גאָט ברעכן דיין שטול און וועט עס איבערענטפֿערן פֿאַר אַ בעסערן פֿון דיר!

אָבער פּלוצלונג איז דער וווּנדער געשען: דער מלך האָט זיין עלעגיע אין געפּאַרעמטע שורות אויסגעזונגען און זי, די וווּנדער־לעכע האַרפֿע צו וועלכע עס ציען זיך אַלע וויברירנדיקע פֿינגער פֿון געבענטשטע זינגער האָט איר בליק צום נביא אויפֿגעהויבן און מיט אים, מיט איר שטומען בליק, געבעטן דאָס געבעט פֿון איר לעבן. און עס איז געווען ווי גאָטס נס וואָלט זיך אַנטפּלעקט און דעם נביא מיט חסד אָנגעפֿילט. זי וועט נישט פֿאַרגעסן זיין שמייכל, מיט וועלכן ער האָט אויף איר בליק געענטפֿערט און דאָס ווייכע וואָרט פֿון טרייסט וואָס איז פֿון זיין מויל געפֿאַלן: „און ווייל דו קומסט מיט רעכטפֿאַרטיקער חרטה און הכנעה פֿאַר גאָט, וועט דיר און דיין שטול קיין בייז נישט געשען און אויך צו דיין אָרעמער שאָף וועט זיין רו!" אָרעמע שאָף! ווי דין און ווי שאַרף עס איז געווען דער שמייכל אין נביאס אויגן ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט!

זייער אַ סך טעג זענען שוין אַריבער פֿון יענער מינוט, ווען דאָס דאָזיקע וואָרט איז געפֿאַלן. דאָס בלוט פֿון יענעם, פֿון פֿאַרגע־סענעם, וואָס איז אויפֿן מלכס געלעגער געשפּרענקט געוואָרן, איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרשטילט געוואָרן ביי די טויערן פֿון עמון, פֿון אונ־טער איר האַרץ האָט זי דעם קעניג אַ זון געבראַכט און אים אויפֿ־געצויגן פֿאַר אַ מאַן, און נאָר דאָס וואָרט פֿון נביא און זיין שמייכל דערביי ווערט פֿון איר נישט פֿאַרגעסן ווי עס ווערט נישט פֿאַרגעסן אַ געהיים־פֿאַרשניטענער בונד, אַ געזיכטערטער מיט געמיינזאַמען אויפֿמיש פֿון בלוט...

זי זיצט אַנטקעגן נביא נתן און טראַכט אירע זיסע טראַכטע־נישן. איצט געדענקט זי נישט וועגן דעם געבראַכטן מיידל, וועגן דעם יונגן נוס אויף אַן אַלטן צאַן". איר בליק איז אָפֿן קעגן זונשטראַל וואָס שטיפֿט אויף איר קאָפּ, אויף איר געזיכט, ווי אַ פֿרעמדער גע־

ליבטער, וואָס קומט אויף אַ ווייל טרינקען פון אַ פרעמדן בעכער וויין.
דער נביא נתן גלעט זיין טונקעלע באָרד:

— קאָן איך זען די יונגפרוי וואָס גאָט האָט באַשערט צו דער־וואַרעמען דעם אַלטן קעניגס האַרץ?

בת־שבע ווערט אַרויסגעריסן פון איר חלום. יאָ, דאָס מיידל! ווי האָט זי געקאָנט פאַרגעסן וועגן איר? מיט אַ פליעסק אין די הענט רופט זי אַריין די דינערין און באַפעלט איר אַריינברענגען אַהערצו אבישג, דאָס מיידל פון שונים. זי שטעלט פאָר דאָס אַריינ־געקומענע מיידל פאַרן נביא ווי אַ טייערן חפץ, איבער וועלכן מען ציטערט ער זאָל ווערן ריכטיק אָפּגעשאַצט. איצט איז אבישג אָנגע־טאָן אין אַ גרין קלייד פון דין געוועב. אירע גלידער טיילן זיך אויס פון אונטערן געוועב ווי רונדע פירות אויפן בוים. אירע באָרוועסע פיס שמעקן מיט פעלד און געטרעטענעם גראָז. און נאָר איר בליק איז ווי דעמלט, ווען זי איז געקומען אַהער: אַ גרינער, אַ שניידיקער, ווי צוויי שאַרפע גרינע פייערלעך ביי אַ קליינער פעלד־חיה אין הייסן קראַמף פון פאַרצוקונג. דער נביא האָט זי באַטראַכט שטרענג און ערנסט און פון זיינע ליפּן איז פאַרשווונדן דער זיסער שמייכל. בת־שבע האָט געשוויגן און געוואַרט אויפן נביאס וואָרט. ענדלעך האָט דער נביא זיך אָנגערופן רויק און שטרענג:

— זאָל קומען דאָס מיידל פאַרן קעניג און זאָל אים דערוואַ־רעמען זיין האַרץ. דורך איר וועט געשען דער רצון פון גאָט.

און דער קעניגין בת־שבע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דעם נביאס באָרד איז פאַרהאַמערט געוואָרן אין שטיין ווען ער האָט געזאָגט די דאָזיקע רייד, ווייל זיינע ליפּן האָבן זיך דערנאָך שטרענג פאַרמאַכט און פון זיינע אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער שמייכל. דער נביא איז אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. אויף דער שוועל האָט די קעניגין געקושט זיין האַנט לאַנג און הייס.

ג

— „משפט מיך גאָט, ווייל איך בין אין מיין רעכטפאַרטיקייט

געגאַנגען און אין גאָט איז געווען מיין פאַרזיכערונג. איך האָב פיינט געהאַט דאָס פאַרזאַמלען זיך פון שלעכטס־טוער און מיט רשעים בין איך נישט געזעסן".

אין צימער פון מלך דוד איז שטיל און טונקל. נאָר דער קליי־נער פלאַם פון אויל־לעמפל באַלייכט דעם שווערן שטיינערנעם טיש. אויפן אָנגעצויגענעם פאַרמעט קריצט דער קעניג אויס זיינע גליאיקע געזאַנגען, זיין לעבנסליד.

די נאַכט איז הייס און שטיקנדיק. שוין דאָס דריטע מאָל אין דער דאָזיקער נאַכט פאַרלאָזט דער מלך זיין געלעגער און גייט אַפּ אויף דער שטיינערנער וועראַנדע, אַריינצואָטעמען די וואַרעמע און געזאַלצענע לופט, וואָס דער ווינט טראָגט אָן פון געזאַלצענעם ים. זיין בליק שטויסט זיך אָן אין אָפּגעצויגענעם פאַרמעט. ער לייענט דאָס געשריבענע און פאַר זיינע אויגן גייט אויף זיין אָפּגעלעבט לעבן, רייך אין דערפאַרונג. פינצטער און שווער איז די נאַכט. אָבער דעם קעניגס בליק דרינגט דורך די פינצטערניש, נעמט אַרום דאָס אַלץ וואָס ער האָט מיט זיין מאַכט באַצוווּנגען פון די הענט פון זיינע פיינט. איצט שטייט רעכטפאַרטיק זיין הויז אויף דער ערד פון יבוס, די פאַרפעסטיקטע שטאָט, וואָס קיינער ביז אים האָט נישט באַוויזן זי איינצונעמען. ער, דער מלך דוד, האָט זי איינגענומען און האָט זי אָנגערופן מיטן נאָמען ירושלים, די שטאָט פון דוד. אין דער ווייט, ווו עס קאָן נישט דערגרייכן זיין בליק אין דער נאַכטיקער פינצטער־ניש, שפרייט זיך, צופוסנס פון מדבר, דער ים המלח. דאָרט געפינט זיך די וויג פון זיינע ערשטע יוגנט־פרווון, זיין היימלאַנד, פון וואַנען ער איז אַרויס צו זיינע גרויסע נצחונות. וואָס נאָך קאָן פאַרלאַנגען אַ מענטש פון זיין גאָט, נאָך דעם ווי אַלע זיינע ווונטשן זענען דער־פילט געוואָרן?

מיט די שמאָלע שטיינערנע טרעפּ קומט אָן אבישג. זי קומט אָן שטיל און וואַרפט אַרויף אויפן קעניגס אַקסלען אַ וואַרעמען מאַנטל פון שעפּסן־וואָל. דער מלך וויקלט זיך איין אין מאַנטל און מיט זיין

טרוימערישן בליק דאַנקט ער דעם מיידל פאַר איר איבערגעגעבנקייט צו אים, דעם אַלטן קעניג. ער גלעט איר קאָפּ:

— קער זיך צוריק, טאָכטער, צו דיין געלעגער, ווייל די נאַכט איז געגעבן געוואָרן פאַר שלאָף און רו.

אבישג קוקט אין די אויגן פון קעניג און בלייבט אויף איר אָרט. דערנאָך קניט זי צו די פיס פון מלך און פאַרהויבט איר בליק אין געשעפּטש:

— לייען פאַר מיר, מיין מלך און האַר, פון דיינע שיינע געזאַנגען, ווייל זיס זענען פאַר מיר דיינע רייד ווי דער גוטער האָניק.

פאַרשווונדן איז שוין פון איר דער שאַרפער ווייטיק פון די לאַנגע פינצטערע נעכט, ווען זי איז געלעגן ביי דער זייט פון אַלטן מלך, אַ וואַכע און אָנגעשפּאַנטע, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. דער גלי פון איר לייב האָט געברענט אין פלאַם פון פאַרשעמטער יוגנט און זי האָט אים געקילט מיט אירע טרערן. דער קעניג איז געלעגן נעבן איר מיט פאַרמאַכטע אויגן און רויק געאָטעמט. ער האָט געפילט איר צער און האָט אים נישט געוואָלט נאָך גרעסער מאַכן. ווען זי פלעגט, אַ פאַרשעמטע און דורכגעברענטע איינשלאָפן, פלעגט דער מלך אויפשטיין פון געלעגער און מיט שטרויכלענדיקע קני זיך געלאָזט צו דער שטיינערנער וועראַנדע, צו זיינע פאַרמעטן, אויף וועלכע ער האָט אויסגעזונגען זיין אַוועקגייענדיק לעבן.

ביסלעכווייז איז איר האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט מיטלייד צום אַלטן קעניג מיטן יוגנטלעכן גייסט און שטרויכלענדיקע קני. פון זיינע ליפּן האָט זי אַראָפּגעהערט אַ פלאַמיק געזאַנג ווי דער שטאַרקער וויין, און זיינע אַלטע הענט האָבן געגלעט, ווי אַן איידעלן פויגל, איר וואַרעמען קאָפּ. האָבן עס זיינע איידעלע לידער געשטילט דעם ווילדן געריזל פון איר בלוט, דאָס האַרץ זאָל נישט בענקען אין גליאיקייט נאָך דעם וואָס וועט שפּעטער קומען און איר צודריקן צו זיך אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, צווישן וועלכע זי וועט רוען אַ פאַרשיכורטע אין שטומען גליק?

פון די שטיינערנע טרעפּ הערן זיך שטילע, געדעמפּטע טריט.

דער קעניג און אבישג הערן נישט די דאָזיקע טריט. מיטן האַנט אויף איר קאָפּ זינגט דער מלך זיינע געזאַנגען:

— משפּט מיך גאָט, ווייל איך בין אין מיין רעכטפאַרטיקייט געגאַנגען...״

עס איז אַריין בת־שבע. מיט באַהאַלטענעם כעס זאָגט זי:

— דער מלך דוד, די נאַכט איז קאַלט, אָט באַלד וועט פאַר־שווינדן דער לינדער דרום־ווינט און די נאַסע קעלט וועט אָנטרעטן. נישט גוט צו פאַרלאָזן דאָס געלעגער אין מיטן דער נאַכט.

אָבער דער מלך זינגט ווייטער זיין געזאַנג. מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אין חלום זעצט ער פאָר:

— „מיט קיין פאַלשע לייט בין איך נישט אומגעגאַנגען און מיט מענטשן פון אומרעכט בין איך נישט געזעסן...״

— ברענג, מויד, דעם מלך צו זיין געלעגער! — זייט דורך דורך אירע ציין בת־שבע — דו דאַרפסט וויסן ווי אָפּצוהיטן דעם מלך פון ישראל!

איצט שווייגן אַלע דריי. דער מלך רייסט איבער זיין געזאַנג. זיין האַנט רוט נאָך אויפן קאָפּ פון אבישג. ער בליקט צו בת־שבע ווי אַ מאָנונג פון אַ ווייטער געדעכעניש וואָס איז שווער זיך פאָרצו־שטעלן. דערנאָך גייען אַלע דריי אַראָפּ מיט די שווערע שטיינערנע טרעפּ. ביידע פרויען לייגן אַוועק דעם אַלטן קעניג אויף זיין בעט און דעקן אים איין מיט וואָלענע דעקן. דער מלך שליסט זיינע אויגן און זיין וואַך האַרץ זעצט ווייטער פאָר זיין געזאַנג.

— צי איז ער היינטיקע נאַכט געווען צו דיר אַ מאַן, דער מלך דוד?

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט בליצן אויף די גרינע אויגן פון אבישג מיטן גלי פון שאַרפע שפּיזן:

— דו, מלכה בת־שבע, ביסט זיין ווייב און נאָר אין דיין שויס דאַרף רוען דער אַלטער מלך.

בת־שבע האָט פאַרקריצט די ציין און געשוויגן. ווייל אויסגע־וויזן האָט זיך איר, אַז געגנוי ווי דער שאַרפער בליק פונעם מיידל

ברענט זי דורך מיט אַ גרינעם שאַרפן פייער, אַזוי שפּעט פון איר, פון דער מלכּה, דאָס קול פון דעם מיידל. און זי האָט נישט געוווּסט וועלכע פון אָט די צוויי זאַכן וועט פאַרגיפטן איר דאָס לעבן און וועט איר, בת־שבע, אומברענגען פון דער וועלט: דער גרינער פלאַם אין די אויגן פונעם מיידל, אָדער איר אָפּשפּאָטערישער ביטערער געלעכטער. זי טוט זיך שאַרף אַ קער און ווערט פאַרשווונדן צווישן די שווערע פאָרהאַנגען. אבישג וואַרפט אַ בליק אויפן שלאָפנדיקן מלך און דערפילט אַ שאַרף געזאַלצן ווייטיק אין אירע אויגן. לאָזט זי זיך אַראָפּ צופוסנס פון געלעגער, שפּאַרט אָן איר גלייַיקן שטערן ביים ברעג פון בעט און הייסע טרערן ברענען אירע אָפּגעדעקטע קני.

ד

אַ לייכטנדיקע פרייד איז אויפגעגאַנגען אינעם האַרץ פון דעם אַלטן מלך. דאָס איז די פרייד וואָס רוט אויף יעדן גאָט־געבענטשטן קינסטלער ביים דערזען די שלימותדיקע יצירה. און די דאָזיקע פרייד האָט אים געבראַכט דאָס מיידל אבישג פון שונים. איין מאָל אין אָוונט, איז דאָס מיידל געזעסן און זיך צוגעהערט צו די געזאַנגען פון אַלטן קעניג. פּלוצלונג האָבן זיך פונאַנדערגעעפנט אירע ליפּן און ווי פון חלום אַרויס האָט זי אָנגערופן דעם נאָמען פון מלכס זון אדוניהו, דער זון פון חגית, דאָס ווייב פון מלך.

דער קעניג האָט דערהערט דעם דאָזיקן נאָמען אַרויסגעפּליס־טערט פון איר מויל און האָט געזען דאָס וואַרעמע ליכט וואָס האָט אויפגעלויכטן אין די אויגן פון אבישג. פול מיט לייטזעליקייט האָט דער מלך אויפגענומען די בשׂורה. און צו אבישג האָט ער געזאָגט:

— יונג און שיין איז ער, מיין זון אדוניהו. ער וועט דיך טרייסטן און וועט דיר באַצאָלן פאַר דיין גאַנצן צער.

אויף צומאָרגנס האָט ער געלאָזט רופן צו זיך אדוניהו. אבישג האָט פאַר אים פאַרהויבן דעם טוך פון געצעלט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט זי געוואַכט. דער מלך האָט זיך איינגעקוקט אין די אויגן פון זיין זון און מיט פאָטערלעכער ווייכקייט געזאָגט:

— זון פון מיינע לענדן, גוט און רעכטפאַרטיק איז אין מיינע אויגן די ליבע וואָס איז אַנגעגרייט פאַר דיר ביי דעם מיידל פון שונם.

אדוניהוס רייד האָבן זיך געשטיקט אין פאַרכט:

— מיין פאָטער און קעניג, צי איז עס נישט קיין זינד צו גלוסטן צו אַ פרוי פון דעם מלך? אַ מאַן פון טויט איז דאָך דער דאָזיקער מאַן!

— זאָל נישט גערעדט ווערן וועגן טויט אין אַ הויז ווו איינער פון אונדז שטייט שוין אויפן ראַנד פון זיין קבר, — האָט דער מלך דוד שטיל געענטפערט. און עס וועט זיין און איך וועל איינגעזאַמלט ווערן צו מיינע עלטערן וועסטו קומען און דערפרייען דאָס צעבראָ־כענע האַרץ פון דאָזיקן מיידל וואָס איז זאַט מיט טרויער און פיין. אין איר פרייד וועסטו אויך דיין פרייד געפינען.

אבישג האָט געשוויגן. און געדאַכט האָט זיך איר אַז איר דער־שראָקן האַרץ וועט אַרויספליען פון אונטערן געוועב פון איר קלייד, וועט אַ פאַל טאָן אויף דעם שטיינערנעם דיל און צעשאָטן ווערן אויף שטיקלעך. מיט אַ ציטערדיק האַנט האָט זי געהאַלטן איר קלאַפּנדיק האַרץ און האָט פאַרמאַכט אירע אויגן אין אַ טעמפּן ווייטיק. דעם מלכס זון אדוניהו האָט געקניט אויף זיינע קני און געקושט די פאַר־שטאַרטע פינגער פון זיין פאָטער.

און פון דאָזיקן טאָג אָן האָט דער מלך געזונגען זיינע גליקלעכע געזאַנגען פאַר די ביידע יונגע — אבישג און אדוניהו. זיי האָבן גע־טרונקען פון די ליפּן פון אַלטן מלך דעם הייסן געזאַנג און אין זייערע יונגע הערצער איז אויפגעגאַנגען דער פלאַמיקער באַגער צו דער אויסגעטרוימטער ליבע, וואָס דאַרף קומען און אויפבליען אין איר פולער פראַכט. דער מלך איז געווען פאַר זיי ווי די וואַרעמע זון וואָס גלעט מילד און פאַרבינדט די ביידע יונגע הערצער מיטן רויטן פאָדים פון ריזלענדיקן בלוט. די הימלען זענען פול געוואָרן מיט גענאָד און געבענטשט דאָס מיידל אבישג פון שונם זי זאָל נישט פאַרפלאַמט ווערן אין די פלאַמען פון אירע יונגפרויאישע יסורים און זאָל אויפשיינען מיט צעשטורעמטער יונגנט־פרייד.

אין דער מצודה פון מלך דוד האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט פון אויפּציטערניש און נייגער. אדוניהו, דער זון פון חגית, האָט זיך יעדן טאָג באַוויזן אין הויז פון מלך. דער קעניג האָט אים ליב און שיידט זיך נישט מיט אים אַפילו אויף קיין איין טאָג. נישט אַנדערש נאָר אים, אדוניהו, וועט דער מלך מאַכן ירשנען זיין קרוין. שיין און שטאָלץ איז ער אדוניהו. זיין קאָפּ, ווי דער קאָפּ פון זיין פאָטער אין זיין יוגנט, לייכט מיט גבורה און אַ געדיכטער האָרגעפלעכט גייט פון אים אַראָפּ ביז איבערן שטערן. ער וועט זיין אַ שטאַרקער און געגנאַדיקער מלך און וועט נישט פאַרגעסן די דינער פון דעם הויז פון דוד. אָבער וואָס טוט זיך אין האַרץ פון דעם „שעפּעלע״?

און ווי די דינער פון מלכס הויז האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם שעפּעלע, דער מלכה בת־שבע, זענען זיי פול געוואָרן מיט שפּאָט און אויך מיט פאָרכט. איר שטאַרקע האַנט האָט זיך גוט געלאָזט פילן אין הויז פונעם מלך. וועט זי זיך רויק צוקוקן, ווי עס ווערט צוגענומען די קרוין פון איר זון שלמה? מען זעט נישט איצט, נישט דער מוטער און נישט איר זון אין דאָזיקן הויז. ווי אַ געהאָרכזאַם קינד זיצט דער זון אין הויז פון דער מלכה, זיין מוטער, און הערט זיך צו צו אירע רייד און עצות. וועט די „אָרעמע שאָף״ צולאָזן אַז נישט איר זון זאָל זיין דער יורש פון דער מלוכה?

אָבער דער בליק פון בת־שבע איז געווען זיכער און רויק. זי האָט געזען דעם יוגנט־אויפּבלי אין געזיכט פון אבישג פון שונים, אירע גרינע אויגן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרלענדנדיקן גיפט און זיך אָנגעגאָסן מיט וואַרעמקייט. זי האָט געזען דעם יונג אדוניהו און באַמערקט דעם ציטער פון זיינע ליפּן ביים טרעפן זיך מיטן מיידל און זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. און זי האָט געלאָזט זיי זאָלן זיך אַליין אָנברייטן דעם מזבח, אויף וועלכן זי וועט זיי ביידע מקריב זיין. זי האָט געוואַרט און געשוויגן. געשוויגן און געוואַרט.

און ווען עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי האָט שוין גענוג געוואַרט, האָט זי זיך געלאָזט מיטן שמאָלן אויסגעטראָטענעם וועג, אויף יענעם נישט הויכן בערגל, צום קליינעם שטיינערנעם געצעלט,

ווי נישט איין מאָל האָט זי געפונען איר רו. זי איז געגאַנגען צום מאַן, וואָס האָט זי אַ מאָל געריייניקט פון אירע מעשים מיטן וואָרט „שעפּעלע" און האָט מיט דעם אומגעקערט איר לעבנסקראַפט. זי איז געגאַנגען צו נתן, דעם נביא פון מלך.

אירע ווערטער זענען געפאַלן הייס און אָפּגעהאַקט, ווי ווילד־אָפּגעריסענע פון אירע געדאַנקען:

— צי איז דעם נביא נתן ווילבאַקאַנט די ליבעררייען פון יונג אדוניהו מיט דער בתולה פון שונים?

דער נביא שמייכלט שטיל:

— דער וועג פון אַ יונגנמאַן איז צו דער יונגפרוי, דאָס איז דער ווילן פון גאָט.

בת־שבע שטורעמט אויף:

— נאָך ביים לעבן פון קעניג? פאַרשווערכן זיין געלעגער?

— גאָט היט אויף זיין חסד פאַרן מלך און זיין שטול און זיינע טאָטן זענען רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן — ענטפערט דער נביא נתן און פון זיין געזיכט פאַרשווינדט נישט זיין רויקער שמייכל.

אַ קנויל פון כעס און גרימצאָרן איז געוועז בת־שבע ווען זי איז געזעסן פאַרן נביא און געביסן אירע ליפּן. צי ווייסט דער נביא וואָס עס טוט זיך איצט אין איר האַרץ? צי מיינט ער טאַקע אַז דאָ האַנדלט זיך אין דעם ווילדן מיידל פון שונים? צי זעט נישט דער נביא נתן אַז מען גרייט דאָ אַ פאַרשווערונג קעגן דודס שטול? זי שפּריצט מיט כעס:

— און צי ווייסט דער נביא נתן, אַז אדוניהו האָט איינגעאָרדנט אַ מאָלצייט פאַר זיינע פריינד, האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פופציק באַוואָפנטע רייטער און האָט אויסגערופן אַז ער איז דער יורש פון דודס קרוין?

דער שמייכל אויפן פּנים פון נביא ווערט מיט אַ מאָל פאַר־שוווּנדן, ווי פאַרווישט פון אַ וואָלקן וואָס קומט אָן אויף דער זון. ער בליקט אויף בת־שבע און וויל וויסן צי זענען אמת אירע רייד. אָבער

בת־שבע שוויגט און קוקט אין די אויגן פון נביא מיט ווידערשפע־ניקייט. דערנאָך שטייט זי שנעל אויף און זאָגט:

— אויב דאָס איז דער ווילן פון גאָט, דריק איך אויס מיין אונטערטעניקייט. דאָס וואָרט פון גאָט וועט זיכער דערגרייכן צום נביא נתן.

און זי האָט זיך אָפּגעקערט שאַרף צום אַרויסגאַנג.

איצט האָט זי דער נביא פאַרהאַלטן. נאָך אַ מאָל בליקט ער אין אירע אויגן און וויל געפינען דעם באַשייד פון אירע רייד. אָבער זי שוויגט. מיט הנאה קוקט זי אויפן נביא און דערפילט זיין ציטער און צעטומלעניש. דער נביא פליסטערט:

— גיי צום מלך און רעד דיינע רייד, און איך וועל קומען און מיינע רייד צו דיינע צוגעבן.

מיט שנעלע טריט גייט בת שבע אַראָפּ די שטיינערנע טרעפּ און לאָזט זיך מיטן שמאָלן וועג. דער נביא גייט אין אירע טריט און אין זיין האַרץ אַ צעברענט פייער. מיט צאָן־געקריץ מורמלט ער אין דער נאַכט אַריין:

— דאָס שעפּעלע... דאָס שעפּעלע...

ה

די שטול פון מלך דוד איז אָנגעברייט אויף אייביק. דער אַלטער מלך איז איינגעזאַמלט אין זיין פאָלק, רייך מיט טעג און אויפטוען. זיין קלוגער זון, שלמה, דער זון פון בת־שבע, פירט מיטן פאָלק ישראל מיט גרויס קלוגשאַפט.

אין גרויסן שטיינערנעם הויז זיצט דער מלך שלמה, ביי זיין רעכטער האַנט זיין מוטער בת־שבע, און דער נביא ברענגט פאַר זיי דאָס וואָרט פון גאָט:

— און עס וועט זיין און דו וועסט גיין אין די רעכטפאַרטיקע וועגן פון מיין קנעכט דוד, אַזוי זאָגט דער גאָט פון ישראל, וועל איך דיך מאַכן אויפזען איבערן הויז פון דוד, און דו וועסט ירשנען אַלץ וואָס פון אים און איך וועל נאָך אַזויפיל און אַזויפיל דיר צוגעבן...

בת־שבע שמייכלט. זי איז גליקלעך. אויך דאָס מאָל שטייט נתן דער נביא ביי איר זייט. אויך דאָס מאָל וועט ער זי אָפּהיטן. איר האַרץ איז פול מיט דאַנקבאַרקייט צו אים, דעם נביא נתן, פאַרן העלפן איר אַוועקזעצן איר זון שלמה אויף דער קעניגלעכער שטול און האָט פאַרטריבן פון דודס שטול דעם זון פון חגית. פאַרוואָר, דער נביא האָט נישט פאַרגעסן זיין אומשולדיק שעפּעלע.

בת־שבע איז היינט פול מיט חסד. דער יונגערמאַן וואָס האָט געוואָלט צונעמען די קרוין פון איר זון, שטייט איצט און האַלט זיך אָן אין די ווינקלען פון מזבח, פול מיט פּחד פאַר זיין לעבן. ער קאָן גיין אַהיים. ער וועט נישט געטויט ווערן. אין אַזאַ גרויסן טאָג וועט נישט פאַרגאָסן ווערן קיין בלוט און אַוודאי נישט דאָס בלוט פון קעניגס זון, וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל לייטזעליקייט ביי זיין לעבן. זי האָט אָפּגעבעטן זיין לעבן ביים נייעם קעניג, און דער נייער קעניג האָט עס אים געשענקט.

און איצט — ווי זיס קלינגען פאַר אירע אויערן די גוטע נבואה־רייד פון איר געטרייען נביא! זי ענטפערט דעם נביא אויף זיינע בענטשונגען:

— פול מיט חסד זענען די רייד פון גאָט אין מויל פון זיין נביא נתן און זיי זענען רעכטפאַרטיק אין די אויערן פון נייעם מלך. די אַרב פון מלך דוד וועט ער אָפּהיטן אויף אייביק. אָבער...

בת־שבע האָט זיך פאַרהאַקט. זי האָט געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט אויסצודריקן קלאָר איר געדאַנק. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— שלמה מיין זון איז נאָך אַ יונגערמאַן און נישט אַלץ וואָס דער מלך דוד האָט זיך איינגעשאַפּט וועט ער קאָנען ירשנען. טו אים נישט געבן, נביא נתן, אבישג די בתולה, און פאַרמייד מיט דעם אַ שטרויכלונג פאַר זיינע פיס.

— דעמלט וועט זי מוזן בלייבן אין איר אלמנהשאַפט ביז צו איר נידערן אין קבר — האָט דער נביא שווער געזאָגט.

— זאָל געשען דער ווילן פון גאָט — האָט בת־שבע אויסגע־

רופן אין איין אָטעם און זיך דערשראָקן פאַר אירע אייגענע רייד. דער נביא האָט געשמייכלט מיט גוטסקייט און חסד:

— זאָל געשען ווי עס זענען דיינע רייד, קעניגין־מוטער. זאָל געשען דער ווילן פון גאָט.

דיליידן פונעם מענטש זענען טיף פאַרבאָרגן אין זיין האַרץ און שטאַרבן אָפּ מיטן האַרץ צוגלייך. עס טרעפט אויך ווען די דאָזיקע ליידן שרייען צום הימל און טרייסלען אויף די זיילן פון דער וועלט.

אַ גרויס גרימצאָרן האָט זיך דערוועקט ביים פאָלק אויף דעם „שעפעלע", צוליב דער גזירה וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן אויפן מיידל אבישג פון שונים. אַ פאַרשטויסענע און פאַראיינזאַמטע איז אבישג אַרומגעגאַנגען אין קעניגלעכן הויף און אירע גלידער האָבן באַוויינט איר פאַרלאָרן לעבן. דער שאַרפער גרינער גלאַנץ פון אירע אויגן איז פאַרלאָשן געוואָרן. אַ גראָקייט האָט איצט באַדעקט איר בליק, ווי געטונקען אין אַש. אַ פאַרגעסענע איז זי אַרומגעגאַנגען אין שטיינערנעם געביי, געטראָטן פון אַלעמען. דאָס פאָלק האָט געצאָרנט אויפן מלך און זיין נביא, וואָס דערלאָזט נישט אַנטשפּייזן די יונגפרוי פון געאַכפערטן מלך און מאַכט מיט דעם זינדיקן דאָס פאָלק. מוטיקע לייט האָבן זיך געקליבן אַרום אדוניהו, דעם זון פון חגית, און אין געהיימקייט האָבן זיי זייערע פאַרטראַכטענישן אַרומגערעדט.

אָבער דאָס אויער פון דעם „שעפעלע" איז געווען וואַך. באַצייטנס האָט זי זיך געפעדערט צו דער טיר פון איר זון, דעם מלך:

— צי טוסטו געדענקען, מיין זון, דעם נדר וואָס דו האָסט געגעבן, נישט אויסצולייזן די יונגפרוי פון שונים?

— דער ווילן פון גאָט וועט געשען — האָט דער מלך שלמה קלוג געענטפערט, און אויך דיין ווילן, מוטער מיין געבערערין.

— אָבער די מויד באַוויינט איר אלמנהשאַפט און פילט אויס דעם הויף מיט איר יאָמער — האָט בת־שבע פרום גערעדט — און זי איז די אַרב פון מלך און טאָר נישט געהערן צו פרעמדע.

— וואָס ווילסטו מיט דעם אָנדייטן, מוטער?

— זאָל זי געגעבן ווערן צו דיין ברודער אדוניהו ווי אַ באַ־צאָלונג פאַרן מלוכה־שטול — האָט געשמייכלט בת־שבע.

— צי האָט ער עס פאַרלאַנגט מיט זיין מויל?

— יאָ. דאָס איז זיין ווילן.

— אויב אַזוי איז ער אַ זון פון טויט — האָט דער מלך אויס־גערופן און זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול מיט כעס.

דאָס געשפרעך איז געווען געענדיקט. צוויי קנעכט האָבן זיך געלאָזט, מיטן באַפעל פון קעניג, צום הויז פון אדוניהו. קומענדיק צוריק האָבן זיי געקאָנט מעלדן דעם קעניג, אַז דאָס בלוט פון אדוניהו האָט גענידערט מיט שאַנד אין גרוב אַראָפּ.

אין יענעם טאָג איז דער נביא נתן געזעסן אויף זיין וועראַנדע און געטראַכט וועגן "שעפעלע". און געוווּנדערט האָט ער זיך מיט אַ גרויס ווונדער, מיט וואָס פאַראַ לייכטקייט דער דאָזיקער אויסדרוק האָט זיך אַ מאָל אַראָפּגעגליטשט פון זיינע ליפּן.

אויף איינעם פון די טרוקענע בערג פון מדבר יהודה איז גע־לעגן אבישג די מויד פון שונים און אַ געפאַנגענע פון וואַנזין האָט זי געריסן פון זיך די קליידער אין העפטיקן משוגעת.



דער באַזיגטער קעניג

דער גורל פון מענטש איז ווי דער ליכטיקער טראָפּן טוי, ווען עס פאַלט אויף אים דאָס רויטע גאָלד פון דער אויפגייענ־דיקער זון און ווי דער זעלבער טוי־טראָפּן, וואָס גליווערט אין קאַלטן ליכט פון דער לבנה.

ווען דער פּאַסטעך־יונג שאול, דער זון פון קיש, האָט זיך געלאָזט אין וועג זוכן דעם פאָטערס פאַרלוירענע מויל־אייזלען און לסוף געפונען די קרוין צום רעגירן ווי אַ מלך איבער ישראל, האָט זיך דאָס פאָלק געוווּנדערט מיט אַ גרויס ווונדער. נישט אָן קנאה האָבן יונגעלייט צווישן זיך געשמועסט: געגאַנגען זוכן אייזלען און געפונען אַ מלוכה! גאָטס פינגער איז געזען געוואָרן אין דער דאָזיקער באַשערטקייט, וואָס קומט צו אַ מענטש מיט דער באַשטימטקייט און איינמאָליקייט פון גורל.

אָבער באַלד אין דעם ערשטן טאָג, ווען שאול האָט זיך מיט זיין יונג אַרויסגעלאָזט אויפן באַרג אפרים זוכן די פאַרלוירענע בהמות, האָט זיך אים געטראָפן אַן אויסטערליש טרעפעניש: פון באַרג אַראָפּ האָט צו אים געגנידערט אַ פרוי און זיך געלאָזט גיין גלייך אים אַנטקעגן. און עס איז געווען, ווען די פרוי האָט זיך מיט אים צונויפגעטראָפן פנים צו פנים, איז זי שטיין געבליבן און געוואַרט, אַז ער,

דער געקומענער, זאָל איר עפּעס־וואָס זאָגן. שאול האָט געקוקט אויף דער פרוי און געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו רעדן צו איר. אָבער זי איז אים געווען נישט באַקאַנט און ער האָט נישט געוווסט וואָס איר צו זאָגן. האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, איר געקוקט אין די אויגן און לסוף זיך אָפּגערופן, ווי ער וואָלט זיך פאַר איר פאַרענט־פערט:

— איך גיי זוכן מײַן פאָטערס מויל־אייזלען, פאַרבלאָנדזשעטע אין פעלד.

און ווי ער האָט דאָס געזאָגט, אַזוי איז אים לײַכט געוואָרן אויפן האַרץ, ווי אַ קיל, דערפרישנדיק ווינטל וואָלט אַהינצו אַרײַנ־געפלאָטערט. איצט איז ער געשטאַנען פאַר איר און פרײַ געקוקט אין איר געזיכט, אויף וועלכן עס איז געפאַלן אַ שווערער שאָטן פון אירע שווערע האָרפלעכט וואָס האָבן באַרינגלט איר קאָפּ.

זי איז געווען הויך און שלאַנק. איר גרין קלייד פון לײַכטן דורכזיכטיקן זייד האָט אָפּגעצייכנט אירע רײַפע רונדע גלידער. און ווען זי איז געשטאַנען פאַר אים, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט און אירע פולע גלידער וועלן אַראָפּברענען פון זיך דעם לײַכטן זייד און זי וועט בלײַבן שטיין פאַר אים אַן אָפּגעזונגענע, ווי אַ רײַפע רונדיקע פרוכט, באַפרייטע פון בוים־געבלעטער. אירע בלויע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט דער שטילער קלאָרקייט פון רויקע וואַסערן און דער בלאָנדער שווערער האָר־געפלעכט אַרום איר קאָפּ האָט אויפגעשמעקט מיט צעזוניקטן ווייץ אין פעלד. אַ רויקע איז זי געשטאַנען און געקוקט אויפן הויכן פעסט־געבויטן, צעברוינטן פאַס־טעך־יונג, געקוקט אין זײַנע ברוינע מאַנדל־אויגן, אויף די שוואַרצע געדיכטע לאָקן פון זײַן קאָפּ, געקוקט און געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַרויסגעפּליסטערט פון צווישן אירע צעעפנטע ליפּן, ווי זי וואָלט גע־זונגען:

— ווייסט דען דער מענטש ווו צו זוכן זײַן פאַרלאָרענע אבידה? אָבער זוכן דאַרפסטו און דו וועסט געפינען.

און זי איז אַראָפּ אין דער נידער פון באַרג, זיך געלאָזט גיין

מיטן טאָל אַ שטאָלצע און אַ רויקע און זיך באַהאַפטן מיטן לייכטן שאָטן, וואָס דער אפרים־באַרג האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך מיטן אָנקום פון שפּעטער נאָכמיטאָג־שעה. שאול האָט זיך נישט אומגעקערט נאָכ־צוקוקן די אַוועקגייענדיקע. ער האָט אַ ווייל צוגעמאַכט די אויגן כדי איר ווידער צו זען אַ באַלויכטענע אין באַרגיקן זונליכט. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשפּאַנט מיט זיין יונג צום רוקן פון באַרג און אין זיין האַרץ איז געבליבן דער ווינטיקער פלאַטער וואָס האָט פריער אויפגעוויגט זיין האַרץ. איצט איז דער פלאַטער געווען שטאַרקער און שניידיקער ווי פריער.

לאַנג האָט ער נישט געטראַכט וועגן דער צופעליק־געטראָפפע־נער, וועגן דער אומבאַקאַנטער וועמענס נאָמען עס איז אים אַפילו נישט באַוווסט. נאָר געציילטע טעג זענען אַדורך און מיט זיי דער גרויסער אויפברויז אין זיין האַרץ. עס איז געקומען די באַגעגעניש מיטן גרויסן נביא שמואל, די הייליקע זאַלבונג מיטן נביאישן בוימ־אייל, די געקרוינטע לאַסט פון ווערן אַ מלך איבער ישראל. זיין גוף איז ווי צעוואַקסן געוואָרן אַנטקעגן די גרויסע מעשים וואָס זענען מיט אים געטאָן געוואָרן און וואָס ער אַליין איז אָנגעברייט צו טאָן. נאָר דאָס קילע ווינטל וואָס האָט אויפגעשניטן אין זיין האַרץ מיט דער דינער שאַרפקייט פון אַ חלף, יענער דינער אומרו ביים באַגע־גענען די פרעמדע, איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן אַ לאַנגע צייט.

דאָס בוך איז אָפן און יעדער קאָן לייענען איבער די פּאַסירונ־גען און טרעפעניש פון די מלכים וואָס האָבן געקעניגט אין ישראל. די מלכים אַליין שרייבן מיט זייער לעבן זייער לעבנס־בוך. אויך שאול, דער ערשטער מלך פון ישראל שרייבט זיין לעבנס־בוך:

— און עס זענען געווען די קינדער פון שאול — יונתן און ישוי און מלכי־שוע. און דער נאָמען פון זיינע צוויי טעכטער, דער נאָמען פון דער עלטערער מירב און דער נאָמען פון דער קליינער — מיכל. און דער נאָמען פון שאולס ווייב איז געווען אחינועם די טאָכטער פון אחימעץ...

אויפן באַרג ווו עס שטייט דעם מלכס געצעלט, לאָזט זיך פּאַ־

מעלעך און פויל אַראָפּ די זון. עס איז אַ שווערער חמסין־טאָג. און נאָר איצט, ווען די זון נעמט נידערן צום ים, נעמט זיך דער הימל אַ ביסל אויסקלאָרן און דער קילער מערב־ווינט קילט די פאַרגייענ־דיקע זון פון טאָגיקן אַנגעגלי. דער מלך זיצט אויפן באַרג און זיין בליק נעמט אַרום דעם ברייטן פלאַכלאַנד מיט די געצעלטן פון זיין חיל, צעשפּרייטע ווי אַ צעוואַקסענער יונגער וואַלד. עס זענען די טעג, ווען די מלחמה מיט די בני עמון און דעם זיג איבער זיי געהערט שוין צו דער געדענקשאַפט און די הייסע זיגרייכע שלאַכטן איבער די פלישתים האָבן באַדעקט דאָס פאָלק און זיין קעניג מיט רום. דער מלך שאול טראַכט וועגן די פאַרגעקומענע שלאַכטן, וועגן די זיגן און עס ווערט אים אַליין וווּנדערלעך? פאַר וואָס ווערט נישט איבער־פולט זיין האַרץ מיט דער צעברויזטער שׂמחה פון אַ גליקלעכן מלך, אַ זיגער? פון וואַנען נעמט זיך דער געדיכטער טרויער, וואָס גייט פון צייט צו צייט אויף אין זיין געמיט, און פאַרלעשט אַלע פריידן אין זיין לעבן? זיינע זין זענען ווי די יונגע הירשן אין פעלד, לוס־טיקע און פלינקפיסיקע, גרייטע, ווי די טיגערס זיך צו וואַרפן אויפן שונא און אים פאַרצוקן. אויך זיינע טעכטער, מירב און מיכל, ספּע־ציעל טאָקע די יינגערע, מיכל, איז באַחנט מיט יענער פרויען־שיינ־קייט וואָס קאָן באַרוישן אַ מאַן און געבן אים גליק. וואָס פעלט אים, דעם קעניג פון ישראל, וואָס זיין האַרץ איז געפאַנגען פון אַ גע־דיכטן נאָגנדיקן אומעט.

פון איינעם אַ געצעלט זעט ער אַרויסגיין צווי יונגעלייט. דאָס זענען דוד און זיין גוטער חבר נתן. ער קוקט אויף זיי פון דער ווייטן און שמייכלט ביים פעסטשטעלן זייער שאַרפן קאָנטראַסט. עס איז ווי אַ קאָלירן־שפּיל פון רויט און שוואַרץ. אין דער צייט ווען ביי נתן איז אַלץ שוואַרץ, די האָר, די יונגע באָרד און די הויט פון געזיכט, איז ביי דעם יונגן דוד אַלץ רויט. די האָר אויף זיין קאָפּ קרויזן זיך אין רויטן קופּער־גלי, זיינע פולע זינלעכע ליפּן זענען קליין און רויט ווי ביי אַ יונגפרוי און אויך זיין געזיכט, זיינע פולע רונדע באַקן זענען רויט ווי די מילגרוימען. ווען ער קומט צו אים אין זיין קעניג־

לעכן געצעלט, וועקט ער אויף אין אים מאָדנע זיסע בענקשאַפטן וואָס פאַרוויגן אים, טראָגן אים אַוועק אין אַ וועלט פון זיסע גלוס־טונגען און זינגעוודיק־נאָגנדיקע לעכצעגישן. ער שפּילט פאַר אים אויף זיין וווּנדערלעכן פידל, זינגט אויס פאַר אים פסוקים געזאַנג אַליין פאַרטראַכטע און דער קעניג ווערט אָנגעפּילט מיט וואַרעמע לעכצענישן, וואָס ער ווייסט נישט זיין באַשייד. דעמלט שפּילט ער זיך מיטן רויט־קופּערדיקן שויבער פון דודס קאָפּ און קושט אים אין זיינע רויטן ליפּן... עס איז ווי דער שטאַרקער באַרוישנדיקער וויין וואָלט זיך אָנגעגאָסן אין זיינע גלידער, באַהערשט זיין בלוט און עס אויפגעברויזט. דוד רוט דעמלט אין זיינע אָרעמס ווי אַ לאַם, וואָס לאָזט דעם פאַסטעך צערטלען זיינע פינגער אין איר וואָל. דערנאָך ווערט דעם זינגערס קול פאַרשטילט, זיין פידל בלייבט ליגן ביים מלך צופוסנס און ער אַליין, דער יונגער זינגער, פאַרהייבט די יריעה פון געצעלט און שלינגט דאָרשטיק די פרישע שניידיקע לופט. דער מלך בלייבט ליגן אויף זיין היסב־בעט אַ מידער און אַ באַטרונקענער פון דעם געהיימען שאַרפן געטראַנק. דערנאָך קומט ער צו זיך און דער פריערדיקער טרויער נעמט ווידער באַגן מיט נאָך מער איינגע־געסנקייט און שאַרפקייט.

איצט קוקט דער מלך, ווי די צוויי יונגעלייט גייען איינער נעבן אַנדערן און פון זייערע מיילער שפּאַרט אַ קרעפּטיקער געלעכטער. פון וואָס לאַכן עס די צוויי יונגע? עס דאַכט זיך אים, אַז ער ווערט אָנגעפילט מיט תרעומות צו יענעם, דעם נתן, מיטן שוואַרצן לאָקן־קרוין אויפן קאָפּ: מיט וואָס האָט ער געקאָנט קויפן די נאָענטע חברשאַפט פון זיין באַליבט זינגערל, פון דוד? אָבער דער מלך איז מיד. דער אָפּטרעטנדיקער חמסין האָט געלאָזן אין זיינע גלידער דעם מוטנעם טעם פון איבלדיקער חלשות און די ערד אויפן באַרג ציט אים צו זיך. באַלד וועט קומען די קעניגין, זיין ווייב, שטעלן פאַר אים דעם נאַכטיקן בעכער געדיכטן וויין און שפּרייטן פאַר אים דאָס גע־לעגער. דער קעניג שמייכלט מיד: אחינועם די טאָכטער פון אחימעץ, מיין ווייב, ווער ביסטו און פון וואַנען האָסטו זיך צו מיר גענומען,

צו טיילן מיט מיר דאָס געלעגער אין די נעכט און לאָזן מיין האַרץ פּוסט און וויסט אין די טעג? איר לייב, אַן אויסגעשמירטס אין אַלער־ליי שמעקעדיקע שמירעכצן ברענגט זי אים ווי מען ברענגט דעם מאַלצייט אויפן גילדענעם קעניגלעכן טאַץ. דער מאַלצייט ווערט פאַר־צערט און די טאַץ בלייבט די ליידיקע כלי, וואָס די דינערשאַפט טראָגט עס מיט זיך אין קיך אַריין. פיל זענען די פּילגשים וואָס פילן אויס די קעניגלעכע געצעלטן. מיט וואָס איז זי, אחינועם זיין ווייב, אַנדערש פון זיי? אויך מיט זיי טיילט דער קעניג זיין געלעגער, יענע געבוירן אויך פון אים קינדער, וועלכע בלייבן נאָמענלאָז און גייען נישט אַריין אין חשבון פון די פּרוכט פון קעניגס לענדן, מיט וואָס איז זיין ווייב אחינועם אַנדערש פון זיי?

עס קומט אים אויף אין זיין דמיון דער שטייפער בליק פון אַט דער יחסנישער טאָכטער פון אחימעץ, אירע פולע לויזע גלידער און הויכע צעיוירענע ברוסט, געוויקלטע אין סאַמעטענע וויקלשנורן. אירע פולע דיקע הענט מיט די קורצע פעטע פינגער און שמאָלע ליפּן ווי אַן אַנגעשפּאַלטענער אַרבוז. און עס קומט אים אויף, ווי אַ שווערע משׂא וואָלט געדריקט אויף זיין ברוסטקאַסטן, וואָס ער קאָן זיך פון איר נישט באַפרייען. ער ציט אויס זיין האַנט און נעמט אָפּ־בינדן דעם גאַרטל פון זיינע לענדן, דער אָטעם זאָל אים ווערן אַ ביסל לייכטער. דעמלט איז אָנגעקומען אַ שליח און געמאָלדן:

— אדוני המלך, איינע אַ אשה, וואָס וויל נישט זאָגן איר נאָמען בוקט זיך אונטערטעניק און וויל זען דעם פּנים פון מלך!

און דעמלט, נאָך יאָרן פון פאַרגעסנקייט איז זי אויפגעקומען, ווי אַ פאַרגעסענער נס און זיך באַוויזן פאַר אים, דעם אומעטיק־עלנטן קעניג פון ישׂראל.

ג

ער האָט געקוקט אויף איר דורכזיכטיק גרינעם קלייד און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אירע פולע רונדע גלידער וואָלטן וועלן אַרויספליען ווי די טויבן פון אונטערן זיידענעם געוועב און צאַפּל־

דיק־לעבעדיקע רויען אין זיין שויס. אירע העלע האָרפּלעכט אויף איר קליינעם קאָפּ האָבן אים ווידער דערמאָנט צעזוניקטן ווייצן־פעלד ווי דעמלט, בעת זייער ערשטער טרעפונג. איר מויל איז געווען עטוואָס צעעפנט, ווי אין לייכטן חדוש אויף דער פאַרגאַנגענער צייט, וואָס האָט אַזוי געמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך נישט זען איינאַנדער. דער קעניג האָט געפּליסטערט ווי אין חלום:

— ווער ביסטו, טאָכטער, וואָס דו קומסט צו מיר ווידער?

— איך בין רצפה — האָט זי שטיל אָפּגעענטפערט, רצפה, די טאָכטער פון איה.

אַ פריש דערקוויקנדיק ווינטל האָט אַ יאָג געטאָן און אָנגעגאָסן די גלידער פון קעניג מיט דערפרישנדיקן ווייַן. צי איז עס דער ים־ווינט וואָס טרייבט אַוועק די שווערע חמסיניקע שאָטנס, אָדער איז עס דער אַראָמאַט פון איר רייפן יונגן גוף, וואָס הויכט אויף אים מיט קילקייט און חסד? פאַר וואָס פילט ער אַ ברייִקן ווייטיק אין זיין בליק, ווען ער קוקט אין די לויטערע קוואַלן פון אירע בלויע אויגן? דער מלך הערט ווי זיין אייגענע שטימע ציטערט?

— די טאָכטער פון איה? און ווער איז דער פאָטער דיינער?

— איך ווייס נישט — האָט רצפה געענטפערט מיט רו, מיין מוטער האָט מיר וועגן אים נישט דערציילט.

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען, טאָכטער פון איה? איצט, ווען דער שייער איז פול און דער שניטער דאַרף שוין רוען פון דער מי פון טאָג?

— נישט פאַראַן קיין פולער שייער פאַרן מאַכטיקן שניטער, איבער וועלכן די מי פון טאָג טוט נישט געוועלטיקן.

איצט האָט דער מלך געזען: צוויי שווערע טרערן־טראָפּנס האָבן אויפגעלויכטן אין די ווינקלען פון אירע אויגן, ווי צוויי טייערע איידלשטיינער, אַרויפגעבראַכטע פון דער פאַרבאָרגענער שאַץ־קאַמער. זיי האָט זי איצט געבראַכט אַ קרבן פאַר אים, דעם מידן שניטער. האָט ער אָנגענומען אין זיינע דלאָניעס אירע שמאָלע צאַרטע הענט און געפּליסטערט:

— מיין געלעגער טיילט אַ ווייב און פון מיינע לענדן האָט זי מיר געבוירן זין און טעכטער, מיינע געצעלטן רוישן פון פּילגשים פון גאַנצן לאַנד, אין וועלכן ווינקל פון מיין האַרץ וועל איך קאָנען אויפהאַלטן דיין חסד, רצפה די טאָכטער פון איה?

— דיין געשטאַלט וועט זיין פאַר מיר מיין געצעלט, מלך און געביטער. און געבראַכט האָב איך פאַר דיר אַ מתנה, וואָס גאָט האָט אַנגעברייט פאַר דיר, ווען מיר האָבן זיך ביים אפרים־באַרג געטראָפן. ווייל אַלץ וואָס איז געשען אינצווישן איז די שולד פון ים־ווינט, וואָס האָט דיין וועג אָן אַ זייט געפירט. איצט בין איך געקומען צו דיר און ביי דיינע פיס ווערן אַ טייל פון דיר.

דעמלט האָט דער מלך זי אין געצעלט געפירט, זי אויפן היסב־בעט געזעצט און געקוקט אין אירע בלויע אויגן ווי אין ליכטיקע קוואַלן און נישט מיד געוואָרן קוקנדיק.

וועגן דעם טיפן טרויער, וואָס האָט גענעסטיקט אין מלך שאולס אויגן, וויסט צו דערציילן דאָס לײדנשאַפטלעך־געשריבענע מלכים־בוך: „און עס האָט אים געשראָקן אַ בייזער גייסט”. אָבער נישט שטענדיק איז עס געווען דער טרויער. טייל מאָל האָט דער קעניג אויפגעפלאַמט מיט פלאַקער פון צאָרן און פון באַגער, כדי נאָך דעם ווידער צו זינקען אין שווערער שווייגעניש און פאַרטונקל פון חושים.

ווי צאַרטע זון־שטראַלן זענען געווען די אײדעלע פינגער פון רצפה, דער טאָכטער פון איה. עס פלעגט זיין און דער קעניג איז געזונקען אין אומעט פון זיין טיפער, פאַרנעפּלטער בענקעניש, זיינע אויגן פלעגן פאַרלירן דעם ברוינעם גלאַנץ און ווערן פאַרבלאָז־גרוי, פלעגט זי מיט אירע פינגער צערטלען דעם געדיכטן לאָקן־שויבער פון זיין קאָפּ, האַלטן אין אירע וואַרעמע הענט זיין מיד, בלאָס געזיכט און אַרויסצויבערן פון זיין מידן גוף די פאַרבאָרגנסטע שיינקייטן פון לעכצנדיקן האַרץ. מיט אַלע אירע גלידער האָט זי אויסגעזונגען אַ שבח פון איר גרויסער זוניקער ליבע צו איר מלך, צו וועלכן זי איז שפּעט געקומען און דער בייזער גייסט פון מאַנצבילישער אָפּווייכע־ניש האָט אים באַוויזן צו באַהערשן. „ווי האָניק איז דיין לייב פאַרן

גומען פון מיר, דיין קליינע דינסט", האָט זי צו אים געפּליסטערט און געטוליעט זיין שווערן קאָפּ צו איר צעבליטער, אויפגעשמעקטער ברוסט. ווי צום גוטן, איידעלן ווייַן האָט דער קעניג געשטרעקט זיינע דורשטיקע ליפּן צו איר צעזוניקטן, וואַרעמען גוף, געטרונקען פון אים זיינע זאַפטן און אַ פאַרשכורטער געדוט אין איר שויס. דעמלט האָט זיין האַרץ אויפגעשפּילט מיט יענער געבענטשטער רו מיט וועלכער עס פליסט דער רויקער שטראָם פון אַ געלאַסענעם טייך. בלומען האָבן פאַרשפּרייט זייער ריח און גאָטס חסד האָט אויסגעפּילט די ערד.

אָבער באַלד האָט זיך דער קעניג אויפגעכאַפּט פון זיין זיסער שכרות און זיינע אויגן האָבן זיך אַנגעצונדן מיט אומרויִקן פייער פון פאַרבאָטענעם באַגער. אַ צעגליטער פון פלוצלונגדיקן פייער האָט ער פאַרלאָזט דאָס געצעלט פון רצפה, ווי עס וואָלט מיט איין מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון דער זון, וואָס האָט אים גע־צערטלט מיט איר חסד, און זיך געלאָזט צום צווייטן געצעלט, צו יענעם, ווו דער זינגערל דוד איז פאַר אים געשטאַנען און געשפּילט, און ער, דער קעניג, האָט געצערטלט זיינע פינגער אין זינגערלס רויטן לאָקן ווי אין ווייכן וואָל פון אַ לאַם. דוד האָט פאַר אים גע־שפּילט און דער קעניג, מיט אויגן פאַרמאַכטע און אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָט צו אים געפּליסטערט: דוד, געליבט קינד מיינס, טרייסט פון מיין האַרץ... קיינער איז דערביי נישט געווען. דאָס געשפּיל פון דודס פידל, זיין רוען אין מלכס שויס, אונטער זיין צעפּיבערטער, גלעטנדיקער האַנט, האָט געדאַרפט זיין ביחידות. ווי דאָס רייסן די פאַרבאָטענע פרוכט פון אַ פרעמדן גאָרטן. אין צווייטן ווייטן געצעלט איז אויף איר געלעגער געלעגן אַן אויסגעלאָשענע רצפה, די טאָכטער פון איה און געיאָמערט איבערן פאַרלאָרענעם, פאַרסמטן לעבן פון איר קראַנקן געליבטן, דעם מלך פון ישראל.

און איין מאָל ווען זי האָט אירע אויגן געעפנט און דערזען דעם תהום אין וועלכן דער מלך זינקט און קאָן אין אים פאַרצערט ווערן, האָט זי זיך האַסטיק פון געלעגער אַ הייב געטאָן און צום

געצעלט, צו יענעם דעם פֿאַרבאָטענעם, זיך געלאָזט. אַ הייב געטאָן די שווערע פּליושענע יריעה און שטיין געבליבן אַ שטאָלצע און אַ שטרענגע פֿאַר די פֿאַרנעפּלטע אויגן פֿון מלך און פֿאַרן איבער־ראַשט צעשראָקענעם זינגערל דוד, וועמענס פֿידעלע איז פֿאַרשטילט געוואָרן ביי איר אָנקומען. דער מלך האָט צו איר זיין ווייז־פֿינגער געשטרעקט און צאַרנדיק אַ פֿרעג געטאָן:

— ווער האָט דיך דערלויבט צו קומען אַהער, רצפּה די טאָכ־טער פֿון איה?

— איך בין געקומען דיר רופֿן צו דער ליכט פֿון דער זון — האָט רצפּה געערדט שטיל און פֿון אירע אויגן האָבן אַרויסגעפֿינקלט הייסע טרערן פֿון ווייטיק און צער, דער סם טאָר נישט פֿאַרטרינקען דאָס האַרץ פֿון מלך פֿון ישראל!

זי האָט געוואָרפֿן אַ ווייטיקן בליק אויפֿן צעשראָקענעם זינגערל, געזען זיינע קליינע רויטע ליפּן, זיין צעלאָקטן רויטן קאָפּ און זיינע פֿולע ראָזע באַקן און — אָפּגעקערט פֿון אים איר בליק מיט עקל. און צום מלך האָט זי געזאָגט:

— לאָז אים גיין און זוך נישט קיין פֿאַלשע טרייסט אין זיין מאַנסבילישער פּרוכטלאָזיקייט, זאָל עס טאָן ווער עס איז נישט גע־בענטשט מיטן חסד פֿון אמתער צעבליטער ליבע. אַפֿילו דיין זון, יונתן, מעג זיך פֿאַרגינען דאָס קראַנקע גליק זיך צו שפּילן מיטן נאַרישן ייִנגל, ער טוט עס סיי ווי מיט אים, אָבער נישט דו, מלך פֿון ישראל!

און אַ צעבראָכענע אין איר צער האָט זי פֿאַרלאָזט דעם פֿאַר־סמטן טונקעלן געצעלט און זי איז געגאַנגען און געבראָכן די הענט און זי איז געגאַנגען און געוויינט.

און דעמלט האָט זיך דאָס פֿייער פֿון שׂנאה אָנגעצונדן אין מלכס האַרץ און זיין האַנט האָט זיך צום שפּיז אַ וואַרף געטאָן און אים, דעם פֿיינט־באַקומענעם זינגערל אומברענגען געוואָלט. ווייל עס איז דאָך ווילבאַקאַנט, אַז די שטאַרקע שׂנאה ציט איר יניקה פֿון זעלבן קוואַל וואָס די שטאַרקע ליבע. ביידע קאָנען מיט זייער פֿייער

פאַרלענגדן דעם מענטש, וועמענס האַרץ עס ברעכט זיך אונטער זייער לאַסט.

און שפּעטער, ווען דער קעניג שאול האָט געפלאַקערט אין זיין ליבע־און־איפערזוכט פייער, און אַ שווערער, ווי אַן אַנגעפּויש־טער וואָלקן זיך געלאָזט צום געצעלט פון זיין שפעט געקומענער און צו שפעט אויפגעגאַנגענער ליבע, ווען ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון רצפה די טאָכטער פון איה, כדי אין איר שויס זיין טרייסט געפינען, האָט ער די שטראַלן פון אירע צאַרטע פינגער גע־פונען שוין אויסגעלאָשענע און איר גוף פאַרבאָרגן אונטער דינעם שניידיקן גלאַזור, וואָס לאָזט נישט דורך קיין טראָפן וואַרעמקייט. אירע בלויע אויגן האָבן מער נישט געלויכטן מיט רויקן חסד ווי רויקע שטילע וואַסערן ווען זי האָט צו אים גערעדט, ווייזנדיק אויף אירע צוויי קליינע זין, די פרוכט פון זיינע לענדן:

— דאָס איז די פרוכט פון אונדזער געשטאָרבענער ליבע, מלך פון ישראל, דריק זיי צו דיין קראַנק האַרץ און געפין אין זיי דיין טרייסט, אויב דו קאָנסט...

דער מלך האָט געקוקט אין אירע אויגן און נישט געזען אין זיי קיין איין טראָפּן באַדויער.

ד

עס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, אַז די בערג פון גלבוע זענען אויף אייביק פאַרשאָלטן, ווייל זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בלוט פון געפאַלענעם קעניג. די שיינקייט פון זינגערלס ליד האָט זיך מיט דער צייט אָנגעגאָסן אין רייפער מאַכטיקייט און ער, דער זינגער דוד האָט עס מיט גרויס מייסטערשאַפט אויסגעזונגען דאָס דאָזיקע עלעגישע געזאַנג. אָבער צופוסנס פון באַרג גלבוע, דאָרט ווו עס איז אויפגעגאַנגען דער נאָך וואַרעמער נעפל פון פאַרגעקומע־נע שלאַכטן, איז געשטאַנען אַ פרוי און מיט אויגן פול מיט צער און ביטערן ברי פון טרערן געקוקט אויפן באַרג און פון אירע ליפן האָט ווי ביטערער גיפט אַראָפּגערונען אַ פינצטערע ברכה צום באַרג. און געזאָגט האָט זי אַזוי:

— געבענטשט זאָלסטו זיין, אַ אומגליקלעכער באַרג פון גלבוע, וואָס דו האָסט אויסגעלייזט אַ גרויסן קעניג פון זיין גרויסן, אומ־ענדלעכן פּיין...

זי איז געשטאַנען ביים באַרג מיט אירע צוויי קינדער, די זין פון געפאַלענעם קעניג און זיי האָבן, ווי זייער מוטער, שטום געקוקט אויפן פאַרשאָלטענעם באַרג. דערנאָך האָט זי זיך האָסטיק אויסגע־דרייט, גענומען די קינדער מיט זיך און אַוועק צו איר געצעלט. דאָרט האָט זי אָפּגעדעקט איר קאָפּ און ווילד צעלאָזט אירע שווערע ווייצענע האָר און זיך געזעצט צו איר אלמנהשאַפט. אירע צוויי זין האָבן זיך געזעצט צו אירע פיס ווי קראַנקע לאַמען טוליען זיך צום וואַרעמען בויך פון זייער מוטער. זי האָט זיי געדריקט צו איר קאַלטער ברוסט און אירע טרערן זענען געגלען אויף זייערע קינדערישע קעפּ.

אָפּן איז דאָס מלכים־בוך און יעדער קאָן דאָרט לייענען וועגן די גרויסע מעשׂים זייערע, ווייל די מלכים שרייבן אַליין זייער בוך, מיט זייערע אויפטוען וואָס זיי טוען אויף אין לעבן.

דער רום פון מלך דוד איז פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. גאָט האָט אים געמאַכט אַרבן איבערן הויז פון שאול און איבערגע־ענטפערט אין זיינע הענט אַלע זיינע פיינט. און אויך אַ נביא האָט ער אים אויפגעשטעלט, צו ברענגען אים רעכטצייטיק דאָס וואָרט פון גאָט. דער ברוין־הויטיקער יונגער נביא, מיטן שוואַרצן קאָפּ און קורצער שוואַרצער באָרד, פאַרשטייט גוט זיין מלך און ברענגט פאַר אים דעם ווונטש פון גאָט צו דער רעכטער צייט. ווער קאָן נאָך אַזוי פאַרשטיין דעם מלך, ווי זיין יוגנט־פריינד, דער נביא נתן?

אויף דער קילער וועראַנדע, באַשאָטנט מיט קלעטער־־פלאַנצן פון לעבעדיקע טרויבן זיצט דער מלך דוד און פאַר אים שטייט דער נביא. גאָטס וואָרט ווערט געזאָגט שטייענדיק. און אַזוי זאָגט דער נביא נתן צו זיין מלך:

— און גוט און רעכטפאַרטיק זענען דיינע מעשׂים פאַר גאָט, מיט דעם חסד וואָס דו האָסט געטאָן צום הויז פון שאול, וואָס דו

האָסט געלאָזט ביי דיין טיש, עסן דעם מלכס ברויט דעם איבערבלייב פון שאולס הויז, דעם יונג מפיבושת...

דוד קוקט אין די אויגן פון זיין נביא און עס דאַכט זיך אים אַז דעם נביאס אויגן שמייכלען. ער אַליין, דוד, פילט אויך ווי זיינע ליפּן קרימען זיך אין אַ שמייכל. מפיבושת! דער וויסטער קאַליקע, אַן פיס, וואָס קאָן נאָך זיין בעסער ווי אַרויסווייזן דורך אים ברייטן קעניגלעכן חסד?

איצט זיצן זיי ביידע, דער קעניג און זיין נביא. זיי טרינקען דעם גוטן זיסן וויין און ריידן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל וועגן דער זינד פון שאולס הויז, וואָס גאָט האָט באַשטימט צו האַלטן עס פאַר זיין פּנים און נישט דערלאָזן אויפשטעלן קיין זכר צום זינדיקן קעניג. קיינער איז שוין פון זיי נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. די מענער זענען געפאַלן פון דער האַנט פון גאָט, וועד אין שלאַכט און ווער ווי ווידערשפּעניק וואָס מיט זייער לעבן לאָזן זיי אַ זכר פון אַוועקגעגאַנגענעם קעניג. די ווייבער זענען אומגעקומען און די פּלג־שים פּילן איצט אויס דעם נייעם קעניגס געצעלטן, לויטן שטרענגן, קעניגלעכן געזעץ. גאָט האָט געשטעלט און געגרונטפעסטיקט דאָס הויז פון דוד און זיין מלוכה איז באַשטימט אויף אייביק. דער נביא נתן שטאַרקט דעם מלך אין זיין אמונה און ברענגט אים די דער־פרייענדיקע בשורה פון גאָט.

און דעמלט איז, ווי אַ נבואה, וואָס קומט אומגעריכט, אויפגעע־גאַנגען אין זייער ביידנס מחשבה דאָס געשטאַלט פון דעם געפאַלע־נעם קעניגס קעפּסווייב, רצפה, די טאָכטער פון איה און אירע צוויי זין.

דער נביא נתן האָט געקוקט אין די אויגן פון קעניג, ווי מען קוקט אין אַ בעכער וויין פאַרן טרינקען אים און געזאָגט:

— די דאָזיקע גייט אַרום מיט אירע צוויי זין ווי אַ לעבעדיקע דערמאָנונג און — דאָס וואָרט פון גאָט האָט זיך צו מיר נאָך נישט אַנטפּלעקט...

דער מלך ציטערט אויף: ווי שנעל און ווי שאַרף דער נביא

טרעפט צו זיינע געדאַנקען! גאָטס וואָרט איז ווי אַ שטראַל, וואָס לייכט דורך אַלעמען און קומט פון מויל פון זיין נביא. מיט ציטער אין קול ענטפערט ער:

— זאָל זי קומען פאַר מיר, אָבער איר נפש און דעם נפש פון אירע זין דאַרפן אָפּגעהיטן ווערן!

און ווידער שטייט זי פאַר אים, די שטאָלצע, אין זיך־פאַר־שלאָסענע אלמנה נאָכן געפאַלענעם קעניג. שוין דאָס דריטע מאָל ווי זי קומט פאַר אים, אַ שטאָלצע, אַ מיטן קאָפּ־געהויבענע, פאַר־הילט אין איר טונקעלן אלמנה־שאַל. און ווידער באַגעגנט איר דער מלך מיט זיין קאַלטער, פאַרזיכטיקער ברכה:

— פרידן צו דיר רצפה, די טאָכטער פון איה.

און ווידער ענטפערט זי אים מיט אַ שווייגעניש. און ווידער באַוועגן זיך נישט אירע ליפּן עפּעס צו זאָגן דעם יונגן מלך. און נאָר איר האָרץ פלאַטערט אומגעזען אונטערן שווערן, אלמנהשן טוך. דעם קעניגס רויטע האָר זעען אויס ווי זיי וואָלטן געברענט געוואָרן אין פייער, זיינע אויגן שפּריצן מיט באַהאַלטענעם צאָרן:

— פאַר וואָס טוסטו נישט אויס די קליידער פון אלמנהשאַפט, רצפה די טאָכטער פון איה?

— דאָס זענען מיינע קליידער אין וועלכע איך האָב זיך אויס־געצירט פאַר מיין מאַן, אין זיי וועל איך נידערן אין טאָל פון טויט און זיך באַהעפטן מיט מיין באַשערטן.

איר קול איז איצט רויק. פאַר אירע אויגן גייט אויף דער פאַרשאָלטענער באַרג גלבוע און זי זעט אין אים דאָס בלוט, וואָס האָט אַמאָל געריזלט אין די אָדערן פון איר געליבטן מאַן. ווי די זון, וואָס קוילערט זיך מיט איר פלאַם צו מערב אין ים אַריין, אַזוי וועט זי נידערן אין טאָל פון טויט און זיך באַהעפטן אויף אייביק מיט זיין אָנדענק. וואָס קאָן איר איצט אָפּשרעקן צו נידערן אין טאָל פון טויט?

דעם קעניגס שטים דונערט:

— ווייסטו נישט, אַז לויטן געזעץ געהערסטו צו מיר און אַז נאָר אין מיין חסד איז געווענדט דיין לעבן?

איצט ענטפערט זי שוין גאָרנישט. מיט איר האַרץ איז זי דאָרט, אויפן גלבוע־באַרג, מיט אים, ווען זי האָט אַ מאָל באַגעגנט אויפן באַרג אפרים, אַ צעוואָקסענעם און שוואַר־באַלאָקנטן מיט אַ ברוינעם האָר־קרוין אַרום זיין שטערן. וואָס וויל פון איר אָט דער טונקעלער שאָטן וואָס שוימט מיט צאָרן קעגן איר? אין אָנגעצונדענעם כעס פליקט דער קעניג פון איר דאָס אלמנה־קלייד:

— טו אויס דיין קלייד, דו אומפאַרשעמטע און ווידערשפּעניק נישט דעם ווילן פון גאָט!

איר ווייסע ברוסט טוט אַ פינקל פאַר זיינע אויגן און פילט אויס דעם טונקעלן געצעלט מיט אַ העל ליכט. זי שטייט מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט אַנטקעגן אים, דער שוואַרצער ריס פון איר קלייד הענגט נאָך ווי אַ געבראָכענער פליגל פון אַ פאַרוווּנדעטן פויגל. דער קעניג שוימט מיט איינגעהאַלטענעם כעס:

— ווי אַ צויג וועסטו נאָך קומען צו מיר און זיך לייגן צופוסנס פון מיין געלעגער, ווי אַ צויג!

זי שווייגט. דערנאָך טוליעט זי צו איר נאַקעטער ברוסט דעם גוואַלד־ריס פון איר קלייד, דרייט זיך אויס צום שוימענדיקן מלך מיטן רוקן און גייט אַפּ פאַמעלעך און שטאָלץ פון געצעלט. דער מלך קוקט איר נאָך און עס דאַכט זיך אים, אַז אירע לייכטע טריט זינגען אויס פאַר אים דעם גיפטיקן געזאַנג פון שפּאָט. טרינקט ער פון בעכער געדיכטן וויין און זיין האַרץ ווערט נאָך מער אָנגעצונדן מיטן פייער, וואָס ער קאָן אים נישט לעשן.

ה

אין אַ האַלב־קרייז זיצן די זקנים, אין מיטן פון זיי, אויף אַ געבעטעטער הויכער שטול זיצט דער מלך און אין עק פון קרייז שטייט דער נביא נתן און ברענגט די רייד פון גאָט. דעם נביאס שוואַרצע קורצע באָרד איז געשמירט מיט בשׂמים און מירע און דער הויכער

שטעקן אין זיין איידעלער האַנט זעט אויס ווי אַרויסגעבליט פון דער ערד. זיינע רייד זענען רויקע, געלאַסענע, פאַלן ווי אַ אורטייל פון אַ משפּט:

— אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל: די שטול פון דוד איז ריין און נישט באַפלעקט פון זינד. זיין קעניגרייך איז גרונטגעפעסטיקט פאַר אים און פאַר זיינע קינדער אויף אייביק. די שטראָף קומט פאַר די זינד פון פאַרגאָסענעם בלוט פון מלך שאולס הויז און נאָר דורך אויסראַמען די זינד וועט גאָט אומקערן זיין פּנים צו אונדז!

די זקנים ציטערן אויף: וועגן וועלכן בלוט רעדט דער נביא? האָט ער אַליין נישט געזאָגט, אַז דודס הויז איז שטאַרק און זיין קעניגרייך איז גרונטגעפעסטיקט? אין ציטערניש מורמלען די זקנים:

— זאָל גאָט בענטשן דאָס הויז פון דוד אויף אַלע אייביקייטן.

אין לאַנד איז אַ ברענענדיקע טריקעניש. פון מדבר יהודה און פון די וויסטענישן אַרום ים־סוף טראָגן זיך פייערדיקע ווינטן און טריקענען אויס דאָס חיות פון יעדן געשפּראָץ. איבערן קאָפּ הענגט אַ אַנגעגליטער קופּערנער הימל, ווי אַן אַנגעגליטע שווערד וואָס פאַרלענד דאָס געוויקס און טריקנט דעם גומען ביי מענטש און פי. די טרוקענע ערד איז געשפּאָלטן אין ברייטע שפּאַלטן ווי אין וויסטן מדבר, און שלאַנגען און עקדישן ראַיען זיך אין זיי, מיט פייערדיקע אויגן, אַנגעצונדענע אין שגעון פון דאַרשט. שווער איז די זינד וואָס הויערט אויפן לאַנד און דעריבער איז געקומען אַזאַ שווערע שטראָף.

דער נביא נתן ווישט זיין איידעלן שטערן מיט אַ זיידן טוך און רעדט צום מלך דוד. דוד הערט זיך צו און עס דאַכט זיך אים, אַז נישט ער, דער נביא נתן, ברענגט דורך זיין מויל די רייד פון גאָט, נאָר פון דער טיפעניש פון זיין אייגן האַרץ גייען זיי אויף. און דער נביא רעדט געלאַסן:

— איך בין געווען אין טאָל פון די גבעונים. זייער ערד איז פרוכטבאַר און פעט. זייערע סטאַדעס זענען באַוווסט מיטן שווערן וואָל וואָס אויף די שאָף און מיט זייער פעטן גוטן פלייש. ביי'רט איצט גייען זייערע שאָף אויס פון דאַרשט ווייל זייערע פעלדער

זענען טרוקן און פֿאַרדאַרבן פֿון היץ. זייער אומשולדיק בלוט, פֿאַר־גאָסן דורכן מלך שאול שרייט פֿון דער ערד און פֿאַרמיידט די ברכה פֿון רעגן פֿון הימל. און אַזוי איז גאָטס וואָרט: די זינד פֿון שאול מוז מיט בלוט אָפּגעוואַשן ווערן און נאָר מיט דעם קאָנען מיר קומען צום פּנים פֿון גאָט.

דוד ציטערט אויף:

— ניין, ניין, נאָר נישט דאָס!

ווידער באַמערקט דער קעניג ווי די אויגן ביי זיין נביא שמייכ־לען מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל און ער ווייסט נישט, צי דאָס שמייכלט ער, דער נביא, צי דער דאָזיקער באַהאַלטענער שמייכל קומט אַרויס פֿון זיין האַרץ. מיט אַ שווער האַרץ פֿרעגט ער:

— האָסטו גערעדט מיט די גבעונים? וואָס פֿאַרלאַנגען זיי?

— עס וועט זיין גאָטס ווילן — האָט דער נביא נתן געענט־פֿערט און דער שמייכל פֿון זיינע אויגן איז אָפּגעשטאָרבן. איצט איז זיין בליק געווען קרום און שאַרף ווי אַ חלף.

אַלע זענען געווען פֿאַרזאַמלט אויפֿן פּלאַץ, ווען דער מלך האָט באַגעגנט די זקנים פֿון די גבעונים און אויסגעהערט זייער טענה. קיינער האָט נישט געטאָרט פֿעלן. עס האָט געמוזט בייזיין די לעבנ־געבליבענע טאָכטער פֿון שאול, מיכל מיט אירע פֿינף זין און ער אַליין, נתן דער נביא, האָט געלאָזט צווישן געבן רצפה די טאָכטער פֿון איה, זי זאָל זיך צושטעלן צום מאַרק־פּלאַץ מיט אירע צוויי זין, אויסצוהערן גאָטס וואָרט. מיט אַ רויקע שטים האָט דער מלך זיך געווענדט צו די געצנדינערישע זקנים:

— זאָגט, וואָס פֿאַרלאַנגט איר און די זינד פֿון שאול זאָל אָפּ־געטאָן ווערן פֿון דודס הויז?

— זאָל געשען ווי עס איז געזאָגט געוואָרן צום נביא נתן! — האָבן די זקנים אין איין קול געענטפֿערט.

דעם מלכס בליק איז געפֿאַלן אויפֿן נביא פֿול מיט חדוש און אימה. אָבער דער נביא האָט זיך געפֿעדערט און אויסגערופֿן צו די זקנים מיט אַ שטאַרקע שטים:

— זאָגט און דאָס פאָלק זאָל הערן!

— מיר האָבן נישט קיין מסחר־געשעפטן מיטן הויז פון שאול — האָבן די זקנים שפּאָטיש געענטפערט, קיין גאָלד און זילבער פאַרלאַנגען מיר נישט פון אים. זאָל אונדז געגעבן ווערן זיבן מאַן פון שאולס הויז און מיר וועלן זיי אויפהענגען אויפן שאול־פּלאַץ, אייער ערשטן געזאַלבטן קעניג פון אייער אויסדערוויילטן גאָט...

די געצנדינערישע זקנים האָבן אָפּגערעדט זייערע רייד און אַ בייזער שמייכל האָט זיך געקרימט אויף זייערע אָנצייניקע מיילער. נאָך איידער זייער ווונטש איז מקוים געוואָרן האָבן זיי שוין גענומען זייער נקמה אין פאַרהאַסטן יידישן קעניג און פאַרהאַסטן יידישן גאָט. דוד האָט אויפגעציטערט:

— זיבן? פאַר וואָס דווקא זיבן?

— זיבן — האָט נתן דער נביא אַרויסגעשעפּטשעט פאַרן אויער פון קעניג. זיבן — און די מלחמה צווישן הויז פון שאול און הויז פון דוד וועט שטיל ווערן אויף אייביק...

— איך וועל געבן! — איז געפאַלן דאָס שווערע וואָרט פון קעניג ווי אַ שטיין.

ווען די גבעונים האָבן אַרומגערינגלט די פינף זין פון מיכל, די טאָכטער פון שאול און זיי געבונדן, האָט די ווילד געוואָרענע מוטער זיך געוואָרפן צום קעניג דוד מיט געביילטע פויסטן:

— דו מענטש פון בלוט! רוצח! דאָס בלוט פון מיינע קינדער און מיין הויזגעזינד זאָל פאַלן אויף דיין קאָפּ און זאָל דיך נישט פאַר־מיידן!

מען האָט זי אָפּגעשלעפּט אָן אַ זייט און זי איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטע. דער מלך דוד איז געשטאַנען אַ בלייכער און קיין אָדער אויף זיין פּנים האָט נישט קיין צוק געטאָן. און אַזוי שטייענדיק מיט אַן אָפן פאַרשטאַרטן בליק האָט ער געזען, ווי די גבעונים רינג־לען אַרום די צוויי זין פון רצפה די טאָכטער פון איה און נעמען זיי בינדן. פאַרוויקלט אין איר אלמנה־שאַל איז רצפה געשטאַנען און אויסגעהערט דעם גזר וואָס איז געפאַלן אויפן פּרוכט פון איר לייב.

אויפן לעבעדיקן זכר פון איר גרויסער, אומגליקלעכער ליבע. זי איז געשטאַנען שטאָלץ, ווי אויסגעאָמערט פון שטיין. און ווען די גבעונים זענען צוגעטראָטן בינדן אירע זין, האָט זי זיי לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך:

— מיינע קינדער זענען נישט קיין שאָף, וואָס מען דאַרף זיי בינדן ווען מען ברענגט זיי פאַר אַ קרבן. אַליין וועל איך גיין מיט זיי און זיי פירן צו זייער פאָטער!

און זי האָט אָנגענומען אירע זין פאַר זייערע הענט און אַ שטאָלצע, אַ רויקע אַוועקגעשפּאַנט אין דער ריכטונג פון גבעת שאול. פאַרבייגייענדיק דעם קעניג האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק און געדאַכט האָט זיך אים, דעם מלך דוד, אַז אַ קוואַל פון שפּאָט האָט אויף אים אַ פליית געטאָן און די האָר אויף זיין קאָפּ אָנגעצונדן. און זי איז אַוועק אין די טריט פון די פרעמדע, וואָס דאַרפן טרינקען איר בלוט און איר נידערן אין טאָל פון פיין.

— קינדער פון גרויסן מלך שאול! איר גייט איצט צו אייער פאָטער צו רוען אין זיין געצעלט. אויף אַ פּורפּור־בעט רוט אייער גרויסער פאָטער, דער מלך, און איבער אים שיינען טויזנט זונען מיט זייער שיין. אַ כאָר פון זיסע זינגער מאַכן זיס זיין אייביקן שלאָף און איר וועט קומען צו אים און ווערן איינגעהילט אין זיין רו. גרויס און שיין איז ער, אייער פאָטער און מעכטיקער קעניג, קיינער קאָן זיך צו אים נישט פאַרגלייכן, נישט די אַלע ווילדע, וואָס ווידמענען זיך דאָ, ווי שרצים אויף דער ערד, און נישט דער רויטער אָנמאַכטיקער קעניג וואָס שטייט דאָרט אַ באַנומענער פון פחד. זיין אָרעם איז שטאַרק און מאַכטיק און זיין קאָפּ איז ווי דער צעדער, וואָס דערלאַנגט מיט זיין קרוין צו דער בלויקייט פון די הימלען.

און ווען די גבעונים האָבן אָפּגעטאָן זייער טוונג, און די שטאַרע קערפּערס זענען געבליבן הענגען אויפן בוים ווי געשאָסענע פייגל, האָט רצפה די טאָכטער פון איה איר פנים נישט פאַרגראָבן אין דער ערד און נישט געיאָמערט אויף איר בראָך. מיט אַ ליינענעם זאַק האָט זי איבערגעצויגן אַ באַדעקונג איבער די טייערע גופים און זיי

געהיט פֿאַר דער היץ פֿון דער זון און פֿאַר פֿאַרצוקערישע הונגעריקע פֿייגל. מיטן לעצטן ביסל לעבן פֿון איר פֿאַרשטיינערט האַרץ האָט זי געגערעדט צו אירע טייערע טויטע:

— שרעקט זיך נישט פֿאַר דעם פֿינצטער פֿון דער נאַכט און פֿאַרכט זיך נישט פֿאַר דער ברענענדיקער היץ פֿון טאָג. איך, אייער מאַמע בין מיט אייך. מיט אייך וועל איך זיין ביזן סוף פֿון מיינע טעג, ביז עס וועט קומען דער ים־ווינט, וואָס האָט דעם גרויסן קעניג אייער פֿאָטער, זיין וועג אויסגעקרומט, און וועט מיך צוריק ברענגען צו אים. דעמלט וועלן מיר זיין צוזאַמען, באַשטראַלט מיטן אייביקן ליכט.

און אַזוי איז זי געזעסן די לאַנגע זומער־צייט און געהיט אירע קינדער, ביז דער ערשטער רעגן פֿון שפּעטן האַרבסט איז אַראָפּ אויף דער ערד און מען האָט די געהאַנגענע צו קבֿורה געבראַכט. דעמלט האָט זי דער מלך נאָך אַ מאָל גערופֿן צו זיך. און זי איז צו אים געקומען, געקוקט אין זיינע אויגן און דער שטראָם פֿון שפּאָט האָט דעם קעניג ווידער אַ פּלייץ געטאָן אין פּנים. דעמלט האָט זי זיך אַ שווייגנדיקע אויסגעדרייט און אַ פֿאַרוויקלטע אין איר אלמנה־טוך אַוועקגעשפּאַנט. און אין האַרצן האָט זי געדאַנקט דעם מעכטיקן גאָט וואָס זי קאָן נישט שטאַרבן. אַ פֿאַרהילטע אין איר אלמנה־שאַל איז זי אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד, אַ דערמאָנונג פֿון מלך דודס אַנ־מאַכטיקייט און שאַנד...

דער נס

אין שטעטל שונים, וואָס רוט צופֿוסנס פֿון דעם באַרג גלבוע, האָט געלעבט אַ פּאָרפֿאָלק. זיי האָבן פֿאַרמאָגט פֿעלדער און וויינגערטנער און סטאַדעס שאָף. אויך אייזלען און מוילאייזלען, צום באַאַרבעטן די פֿעלדער און צום עולה רגל זיין קיין ירושלים אויף די שלוש רגלים. קיין קינדער האָט דאָס פּאָרפֿאָלק נישט געהאַט. אָבער זיי האָבן זיך נישט געקימערט: ערשט דאָס דריטע יאָר נאָך דער חתונה, גאָט וועט העלפֿן. פֿון פֿרי ביז נאַכט האָבן זיי געאַרבעט אין פֿעלד, אין וויינגאָרטן, אָדער געפּיטערט די סטאַדע צופֿוסנס פֿון

באַרג. אין אָוונט, ווען די טשערעדע איז שוין געווען פאַרזיכערט הינטערן ריגל און באַשירעמט פון פאַרצוקנדיקע וועלף, האָבן זיי גע־וואַשן די הענט און די פיס, פאַרהייבן זייערע בליקן צו מיזרח־זייט, צו ירושלים, געזאָגט אַ קורצע, שטילע תפילה און זיך געזעצט עסן זייער מאָלצייט. שווייגנדיק און מיט גרויס אָפּשיי האָט די פרוי צוגע־טראָגן צום טיש די פעטע אַליוון, דאָס געבראָטענע שעפּסנפלייש און, מיט דער זעלבער שטילקייט און הכנעה, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דעם ליימענעם קרוג וויין, נאָר וואָס אַרויפגעבראַכט פון קעלטער. זיי האָבן אָפּגעגעסן, גאָט געבענטשט און זיך געלייגט אויפן געלעגער, אָפּרוען פון דער מי פון טאָג. אויך זייערע נעכט זענען געווען רויקע. נאָך דער מי פון דער אַרבעט אין פעלד, ביים אַקערן אָדער שניט, האָט די נאַכטרו אָנגעקרעפטיקט זייער גוף מיט פרישע זאַפטן און זייער שלאָף איז געווען אַ געזונטער שלאָף פון גערעכטע. ערשט ביים סוף פון דער נאַכט, ביי דער דריטער אשמורה, ווען דער האָן קלייבט זיך אָנזאָגן דעם נאָנטן אָנקום פון טאָג, פלעגן זיך זייערע אויגן צע־עפענען און פון זייערע גלידער האָט גענומען אַרויספּיבערן אַ בענק־שאַפט און אַ מענטשלעכע גלוסטעניש. פלעגן זיי ביידע, יעדער ביי זיך אין האַרצן, כאָווען די האָפענונג פון דעם געביין, וואָס וועט אַרויסקומען פון זייערע לענדן און וועט זיי פאַרהיטן פון פאַרשניטן ווערן פון דער וועלט אָן אַ זכר. זייערע לייבער האָבן איינאַנדער אויסגעזוכט אָט די בענקשאַפט און האָפענונג. אָבער גאָט האָט ווי פאַרגעסן צו בענטשן איר טראַכט און קיין קינד איז נישט געקומען.

און אַזוי זענען אַריבער יאָרן, מיט מי אין די טעג און מיט זיך אַלע מאָל מער לעשנדיקע בענקשאַפטן אין די נעכט. ביז די פרוי האָט איינגעזען, אַז פון איר מאַנס לענדן וועט זי שוין מיט קיין גע־דעכעניש נאָך איר נישט געבענטשט ווערן. האָט זי פאַרשלאָסן אין זיך איר צער, ווי אַ באַהאַלטענע ווונד, וואָס מען באַווייזט נישט פאַרן אויג פון פרעמדע.

די ווייבער פון שונים האָבן אויף איר רחמנות געהאַט, איר גע־

פּרווט געבן פֿאַרשיידענע עצות. איינע האָט געבראַכט אַ פֿאַרכּישופֿטן בוימל דאָס לייב צו שמירן, אַן אַנדערע האָט געבראַכט אַ ים־גראָז אויסצוקאָכן אין מילך פֿון אַ ציגעלע צו געבן עס דעם מאַן צו טרינקען. זי האָט די אַלע עצות אויסגעהערט מיט אַ ביטערן און שטאָלצן שמייכל, אָבער קיין איינע פֿון זיי נישט געפֿאָלגט. די נאָענטסטע שכנה אירע, דעם ליימטעפּערס ווייב, וואָס איז געווען די הייבאָס אין שונים, האָט זי איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט אָפּגעוואַרט ווען זי איז פֿון פֿעלד געקומען, זי אָפּגערופֿן אין אַ זייט און אָפֿן צו איר געזאָגט:

— פֿאָלג מיך, צפּורה, לאָז איבער דיין מאַן מיט זיינע פֿעלדער און ווייַנגערטנער און גיי ווער אַ ווייב צו אַן אַנדערן, וועסטו זען ברכה אין דיין לייב. דיין מאַן איז צו אַלט פֿאַר דיר.

אָבער אויך אויף דעם האָט צפּורה גאָרנישט נישט געענטפֿערט. זי האָט, ווי שטענדיק, פֿאַרביסן די ליפּן אין אַ שמייכל פֿון ביטערניש, זיך אָפּגעקערט און אַוועק אַהיים.

פֿון אַ קינד האָט זי אויפֿגעהערט צו טראַכטן. זי איז גערעכט די טעפּערקע: דער מאַן איז אַלט, ווי אַזוי האָט זי ביז איצט פֿאַרגעסן וועגן דעם? ווען זי איז אָנגעקומען קיין שונים, כּדי צו ווערן דאָס ווייב פֿון חליפֿאַ, דעם גביר פֿון שטעטל, האָט זי געזען אין דעם אַ גרויס גליק. זי איז געווען די זעקסטע טאָכטער ביי איר פֿאָטער, דעם אָרעמען פֿויער פֿון גליל און דאָ — פֿעלדער, ווייַנגערטנער און סטאַדעס שאָף! אויך דער מאַן האָט אויסגענומען אין אירע אויגן: אַ הויכער מיט אַ קופּער־רויטער באָרד, מיט בלויז עטלעכע גרויע האָר דורכגעפֿעדעמט: אַ בעל בעמיו. ווי געשווינד ס׳זענען פֿאַרלאָפֿן די יאָרן, ווי גיך ער האָט זיך געעלטערט!

און מיט דעם טאָג, ווען זי האָט איינגעזען, אַז איר מאַן קאָן שוין נישט בענטשן איר לייב, האָט זי דערזען פֿאַר זיך צוויי באַזונדערע וועלטן: איין וועלט פֿון איר מאַן חליפֿאַ, אַ וועלט פֿון פֿעלדער און ווייַנגערטנער, פֿון מי און עשירות און איר אייגענע וועלט, וואָס זי פֿאַרמאָגט נאָך נישט און דאַרף זיך ערשט איינשאַפֿן. האָט זי אויפֿ־

געהערט נאָכצוגיין נאָך די זייערס און שניטערס אין פעלד, נאָך די פּאַסטעכער פון די שאָף און דאָס אַלץ איבערגעלאָזט אויף די פּלייצעס פון איר מאַן. זי איז געוואָרן דער האַר און באַפעלגעבער פון הויז. אָן איר איז אין דער באַלעבאַטישקייט קיין זאַך נישט געטאָן געוואָרן. זי האָט באַשטימט ווען און וועמען מען דאַרף פאַרקויפן די וואָל פון די שאָף, דעם וויין פון די טרויבן און די תבואה פון פעלד. און הגם איר טראָט איז מער נישט געזען געוואָרן אין פעלד, האָט זי איטלעכן אין דער פרי געמאָלדן באַפעלעריש דעם מאַן:

— ווען מען פירט אַרויס די פי אין פעלד, וויל איך פאַר נאָכט זיי זען צוריק אין דער זעלבער צאָל.

דער מאַן האָט הכנעהדיק געבויגן דעם קאָפּ און זיך אונטער־געוואָרפן דער הערשאַפט פון ווייב, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מער שטאָלץ און פאַרשלאָסן אין זיך. זי האָט געוועלטיקט איבער די פּאַסטעכער, נאָכגעציילט יעדער שאָף און אַכטונג געגעבן, מען זאָל נישט אָפּשעכטן אַ געזונטע שאָף צום מאָלצייט, ווען מען קען אָפּקומען מיט אַ פעלערדיקן לאַם. זי האָט אַכטונג געגעבן אויף איר מאַן, אים אַרויסגעוויזן אָפּשיי, געזאָרגט וועגן זיינע הצטרכותן. נאָר דאָס איז געווען אַ זאָרג פון אַ ווירטין פאַר איר אַרבעטסמענטש, וועמען מען דאַרף אָפּהיטן ער זאָל נוצן ברענגען אין דער ווירטשאַפט. חליפא האָט געקוקט אויף זיין ווייב, אויף אירע שווערע ווייצענע צעפּ, אויף איר ביינערדיק פאַרשלאָסן פנים, שטיל אין די נעכט געזיפצט און זיך אונטערגעוואָרפן זיין גורל.

און אַז אויך די ווירטשאַפט־פירעכץ איז איר דערעסן געוואָרן און אין אַרומגעוועלטיקן מיט איר מאַן האָט זי שוין מער קיין טעם נישט געפונען, האָט זי זיך ערשט גענומען צו מעשׂים, צו וועלכע עס נעמט זיך געוויינטלעך אַ נאָך גענוג ענערגישע פרוי, אַן עקרה: צו כלל־טועריי און צדקה־זאַכן. דאָס שטעטל שונים איז געלעגן אין אַ גרינעם געבענטשטן טאָל צופוסנס פון גלבוע, דאָס זיצאָרט פון מלכים און מיליטער־לייט. אַהין־צו פלעגן אָנקומען פון מדבר שטראָפּנדיקע

נביאים. מען האָט זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַ וואַרעם געקעכטס און אַ דאַך איבערן קאָפּ אין די נעכט. זי האָט אַרומגענומען אַרום זיך אַ כאַפּטע ווייבער און צוזאַמען מיט דער הייבאַם, דער טעפּערקע, גענומען טראָגן הילף פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס און פאַר נויטבאַ־דערפטיקע אלמנות.

איין מאָל איז דורך שונים דורכגעגאַנגען אַ גרויסער אָבער זייער בייזער נביא. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט באַגריסט און קיינעם נישט געענטפערט אויף קיין באַגריסונג. די ווייבער האָבן אים אַנטקעגנגעטראָגן ברויט מיט אָליוון און אים פאַרבעטן אויף נאַכט־לעגער. אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און געשפּאַנט ווייטער. ער איז געגאַנגען מיט זיין יונג, דעם משרת, און יענער האָט אים געפירט פאַרן האַנט ווי מען פירט אַ בלינדן. אָבער דער נביא איז נישט געווען קיין בלינדער. ער איז פּונקט געווען אויפן וועג צום קעניג, צו וועמען ער האָט געטראָגן אונטער דער צונג אַ געטלעכע קללה און נישט געוואָלט זיך פאַרהאַלטן אין וועג. דערווייל האָט זיין משרת באַמערקט, ווי איבערן כרמל־באַרג וויקלט זיך אַ קליין טונקל וואָלקנדל, האָט ער מיט פאַרכט זיך אָפּגערופן צו זיין רבין:

— מיין האַר! איך זע אַ וואָלקן וואָס טוט זיך וויקלען אין הימל. עס וועט זיכער זיין אַ רעגן און אפשר טאַקע אַ שטורעם. וואָלטן מיר אפשר דאָ איבערגענעכטיקט און מאָרגן גאַנץ פרי זיך געלאָזט אין וועג?

דער נביא האָט גאָרנישט נישט געענטפערט. ער האָט באַטראַכט זיין האַריקן מאַנטל פון קעמלהאָר, זיין איינציק קלייד אויפן לייב, וואָס נוצט אים אויך צו באַדעקן זיין גוף צום שלאָף, באַשטימט ביי זיך אַז דעם זינדיקן קעניג וועט איבער נאַכט נישט מיידן גאָטס שטראָפנדיק וואָרט און מסכּים געווען איבערצונעכטיקן אין שונים. פון דעמאָלט אָן, איז ער שוין שטענדיק ביי זיין וואַנדערן, געבליבן אויף נאַכט אין שונים, ווו די ווייבער האָבן אים גאַסטפאַרכטיק אויפ־גענומען און באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן.

ציפורהן איז דער נביא געפעלן געוואָרן. עס איז איר געווען צום האַרצן זיין שטרענג און פאַרשלאָסן פנים. אין זיין פאַרשלאָסנקייט האָט זי דערפילט אַ נאָענטקייט צו זיך אַליין, צו איר אָפּגעשלאָסנקייט און העכערקייט פון דעם אַרום. זי האָט דעם נביא מער נישט געלאָזט גיין נעכטיקן אין צופעליק־געפונענע נאַכטלעגערס און געניסן פון צונויפגעטראָגענעם ברויט און ווייַן. זי האָט ביי זיך אין הויז, אויפן צווייטן גאָרן, אויפגעראַמט אַ בוידעמשטיבל, אוועקגעשטעלט אַ גע־לעגער, אַ טיש מיט אַ בענקל, אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט אַן איילעמפל און עס אָפּגעגעבן פאַר אַן אַכסניה דעם נביא. דער נביא איז געווען פאַרטאָן אין הימלזאַכן, קיין מאָל נישט געקוקט אויף די הענט וואָס טראָגן אים אונטער דאָס עסן צום טיש. האָט ער דעריבער נישט געדאַנקט פאַרן הכנסת־אורחים און מיטן טאָג צו גלייך זיך גע־לאָזט מיטן שטעקן אין האַנט און מיט זיין יונג ביי דער זייט אין וועג אַריין. אָבער דער יונגער משרת האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר מיט עפּעס אָפּצודאַנקען דער פרוי, וואָס טוט זיך אַזוי שטאַרק מי׳ען פאַר זיי. ער האָט איר נאָכגעקוקט און געזען אַז אַ באַ־האַלטענער טרויער הויערט אַראָפּ פון איר בליק. זי ווערט געפייניקט פון עפּעס אַ צער און דאַרף אַ טרייסט. איין מאָל האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן אַז איר ברעם האָט געציטערט, ווען זי האָט אַוועקגע־שטעלט די שפּייז אויפן טיש. האָט ער זיך אָנגערופן צום נביא:

— מיין האַר, בענטש די דאָזיקע ווילע פרוי וואָס טוט גוטס מיט אונדז.

דער נביא האָט אויפגעהויבן אויף זיין משרת זיינע געדיכטע ברעמען: וואָס וויל ער? מאָרגן פאַר טאָג גייט ער צום קעניג. זיינע שטראָפרייד ליגן אים אויף דער צונג אויסגעסדרט, ווי לאַנגע שנורן פון אַ בייטש, — און דאָ גאָר איז מען אים מפסיק די רעיונות מיט נאַרישקייטן! אַ בייזער האָט ער זיך אָפּגערופן צום יונג, נישט לייגנ־דיק קיין אַכט אויף דער פרוי וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און זיי באַדינט:

— פרעג זי וואָס זי דאַרף. אפשר וויל זי איך זאָל ריידן וועגן איר צום קעניג, אָדער צום מיליטערישן מושל?

אין זיינע רייד איז געווען איראָניע און צאָרן. זי האָט די באַ־ליידיקונג נישט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט זי תיכף אָפּגעענטפערט:

— איך דאַרף פון קיינעם קיין הילף נישט. איך בין די רייכסטע באַלעבאָסטע פון שונים און קאָן נאָך העלפן אַנדערע.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן און גענומען אַוועקגיין. האָט זי דערהערט די רייד פון משרת:

— מיין האַר, די דאָזיקע פרוי איז אַן עקרה. בענטש זי מיט אַ זון!

— זאָלסט האָבן אַ זון! — האָט דער נביא בייז אַ וואָרף געטאָן זיינע רייד.

איצט האָט זי ביטער געשמייכלט דעם נביא אין פנים אַריין:

— דער נביא קאָן אויך שפּאַסן? כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט. אַ זון אויף די עלטערע יאָרן, און מיט מיין אַלטן מאַן! כאַ־כאַ־כאַ!

און אַן אויפגערייצטע ביז די וואָרצלען פון די האָר האָט זי פאַרלאָזט דאָס בוידעמשטיבל.

אָבער עס איז געשען ווי דער נביא האָט געזאָגט. ער אַליין האָט שוין וועגן דעם פאַרגעסן. גאָטס וואָרט האָט אים געהאַלטן אַ לאַנגע צייט צוגעשמידט צו די הויכקייטן פון כּרמל־באַרג. דאָס שטעטל שונים איז שוין כמעט אַרויס פון זיין געדעכעניש, נאָר די רייכע באַלעבאָסטע פון שונים, צפורה, דאָס ווייב פון חליפאַ, האָט צום יאָר געטראָגן אויף אירע הענט אַ בן־זכר.

ב

דאָס קינד איז געקומען ווי אַ שפּעטהאַרבסטיקע זון, וואָס קאָן שוין נישט ברענגען צוריק דעם זומער. עס האָט נישט באַוויזן אומ־צוקערן צפורהן איר פרי פאַרלוירענע מוטערלעכקייט, צעפּענען אירע פאַרשטשעמעטע ליפּן צו אַ ליכטיקן מאַמישן שמייכל. עס האָט

נאָר אַראָפּגענומען פון איר די עקרה־קללה, נישט מער. זי האָט אפילו נישט געפּרווט שטרעקן צום קינד איר פאַרדאַרטע ברוסט און אים איבערגעלאָזט אויפן באַראָט פון דער הייבאַם, דער טעפּערקע, און פון איר גליקלעך־איבערראַשטן מאַן. ער האָט מיטגענומען דעם זון אין פעלד, געזעצט אים אויפן רוקן פון די אָקעראָקסן און געקאָרמעט אים מיט זאַנגען געטונקען אין עסיקווייַן, צוזאַמען מיט די שניטערס. מיטן זון־אונטערגאַנג, ווען דער פאָטער איז געקומען מיטן זון פון פעלד, האָט צפורה איר זון געוואַשן, אָנגעקאָרמעט און געלייגט שלאָפן. זי האָט דערפילט צו אים איר חוב, ווי צו דער טשערעדע אין שטאַל, ווי צום ווינקעלטער. אין די לאַנגע יאָרן פון אומזיסטער דערוואַרטונג אויף אַ קינד, איז אין איר די בענקשאַפט נאָך מוטער־לעכקייט אויסגעלאָשן געוואָרן. זי איז ווידער געבליבן פאַרשלאָסן און פאַרקלאָמערט אין זיך. אָבער אין שטעטל האָט זי באַקומען מער אָנזען. מען האָט זיך שוין מער נישט געקרימט הינטער אירע פּלייצעס און זי נישט אָנגערופן מיטן ביטערן וואָרט: עקרה. עס האָבן זיך פאַר איר בריט געעפנט די טירן פון די הייזער אין שונים. זי האָט געוווּסט פון איר ווערט און איז געווען שטאָלץ מיט דעם. אָבער קיין מאַמישע לייטזעליקייט אין איר בליק האָט זי נישט געהאַט.

איין מאָל אין אַ מיטן פרילינגדיקן טאָג, ווען די אַרבעט אין פעלד איז געווען אין פולן ברען און אין שונים זענען פאַרבליבן נאָר די קינדער און די קראַנקע זקנים, האָט אַ פאַסטעכיונג געאיילט אין שטאָט אַריין, פירנדיק פאַרן צוים אַ מוילאייזל. דער יונג האָט גיך פאַרקערעוועט די בהמה אויפן הויף פון חליפאַ און זיך געלאָזט לויפן אָנקלאַפּן אין טיר. אויפן רוקן פון אייזל זענען געבליבן זיצן דער באַלעבאָס חליפאַ און אויף זיינע הענט זיין פּלוצלונג קראַנק־געוואָרענער זון. צפורה איז אין הויז נישט געווען. אַ באַשלאָגענער מיט אַנגסטן האָט דער באַלעבאָס באַפוילן דעם יונג:

— לויף געשווינד צו דער טעפּערקע, זי מוז זיין דאָרט!

ווען צפורה איז אָנגעקומען און צוזאַמען מיט איר מאַן אוועק־

געלייגט איר פיבערדיקן זון אויפן געלעגער, האָט ביים קראַנקן קינד שוין גענומען אָפּפאַלן די היץ. אָבער צו גלייך מיט דעם, האָבן די פאַרבן פון זיין פנים גענומען פאַרשווינדן און דער טויט האָט זיך אויף אים געמאָלן מיט ביינערדיקער ווייסקייט. דאָס קינד איז פאַר־ברענט געוואָרן, ווי פאַרברענט שטרוי, וואָס לאָזט נאָך זיך קוים־טליִענדיקן אַש. דער פאַריאושטער טאַטע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. צפורה איז געבליבן פאַרשטיינערט. אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון צאָרן, שאַרף ווי אַ חלף. אַ פאַרגליווערטע איז זי געשטאַנען אויפן אָרט און נישט געהערט, ווי דער פאַסטעכיונג דערציילט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די טרויעריקע געשיכטכע, ווי אַזוי דאָס קינד האָט באַקומען דעם זונענשלאַק אין פעלד און איז פאַר־חלשט געוואָרן. זי האָט זיך פּלוצלונג אַ קער געטאָן צו אים און באַ־פוילן:

— יונג! שפּאַן איין דעם מויל־אייזל!

מיט ווילדן כעס האָט זי געיאָגט די פאַרמאַטערטע בהמה צום כּרמל־באַרג: דאָרט זיצט ער, דער נביא, וואָס האָט געמאַכט ביטערן שפּאַס מיט איר! אַ קינד איר געגעבן אויף דער עלטער, כּדי עס צוצונעמען פון איר און נאָך מער פאַרגרעסערן איר שאַנד! זי וועט אים נישט שווייגן. ביי זיינע צעשויבערטע לאָקן וועט זי אים אַהער־שלעפּן. זאָל ער קומען און זען וואָס ער האָט איר אָפּגעטאָן!

אויפן כּרמל־באַרג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געדיכטער, מיל־כיקער נעפּל. אַ גאַנצן טאָג האָט געגליט די יונגע, פּרילינגדיקע זון. און איצט, פאַר נאַכט־צו, האָט זיך די זון אָפּגעטונקט אין מילכיקן טוי און זיך אויסגעמישט אין אַ מין שאַרער פייכטקייט. עס האָט פאַרטונקלט די שיין און עס האָט זיך אויסגעדעמפט אַ שטיקנדיקער חמסין. דער נביא האָט פון צווישן דעם נעפּל דערקענט די רייטנדיקע צפורה פון שונים:

— וואָס זוכט דאָ די שונימערין? — האָט ער געפרעגט זיין משרת וואָס איז געזעסן לעבן אים אויפן שטיין.

מיט איר פלוצעמדיקן דערשיינען האָט זי דעם נביא אַרויסגע־ריסן פון זיין דמיון־וועלט. שוין יאָרן ווי זיין פוס האָט נישט באַ־טראָטן די ערד פון שונים. אַן אָפּגעזונדערטער זיצט ער אויפן כרמל־באַרג און הערט זיך צו צו גאָטס וואָרט. און דאָס וואָרט פון גאָט איז מוראדיק און בייז. ער זעט־צו די נידערטרעכטיקייט פון קעניג מיט זיין הויזגעזינד. דער זינדיקער קעניג האָט זיך אַריינגעלאָזט אין זנות און געצנדינערייַ. אונטער איטלעכן זאַנפטיקן לינדנבוים האָט ער אויפגעשטעלט אומווערדיקע מזבחות פאַר בעל און עשתרות. צו דעם אַלעם רעדט אים צו זיין ווייב, וואָס פראַוועט אירע אָרגיעס מיט פאַלשע נביאים. גאָטס שטראָף וועט זיי טרעפן ווי אַ דונער פון הימל און וועט זיי פאַרלענדן. ער, דער שטרענגער נביא, דאַרף זיי ברענגען די געטלעכע וואָרענונג. זיין קול דאַרף זיין שאַרף און אָן רחמנות. ער וועט רעגענען אויף זיי מיט קללות און חרמות. דעם קעניג וועט ער אָנרופן אומווערדיקער זינדיקער וואָס מאַכט זינדיקן דאָס פאָלק. זיין אויסגעלאַסן ווייב וועט ער הויך אויפן קול אָנרופן זונה און וועט זי שעלטן זי זאָל נישט קומען צו קבר ישראל, נאָר די הינט זאָלן אויס־לעקן איר אומריין בלוט. מאָרגן דאַרף דער נס געשען! מאָרגן וועט ער זיי ביידן וואָרפן דעם אמת אין פנים אַריין פאַר די אויגן פון פאָלק. און דאָ — די שונימערין! וואָס האָט זי אָנגעטראָגן אַהער? — ווענדט ער זיך נאָך אַ מאָל צו זיין משרת.

דער צעשראָקענער משרת האָט איר געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג. זאָל זי אים זאָגן וואָס זי פאַרלאַנגט. אָבער זי האָט אים אָפּגע־שטויסן פון זיך און האַסטיק זיך געלאָזט גיין אויפן באַרג, צום נביא, מיט אַן אויסגעשריי:

— אָזוי גאָר! שפּעטן האָסטו געטאָן שפּעטן פון מיר! אַ קינד האָסטו מיר געגעבן, כדי דערנאָך מיך אויסצושטעלן אויף לייטיש געלעכטער! דו, דער נביא, דער געטלעכער מאַן?

— פרעג זי וואָס איז געשען מיטן קינד? — האָט דער נביא

זיך אָנגערופן צו זיין משרת. ער איז צעטומלט געוואָרן פון אירע געשרייען און נישט געקאָנט אַריינלאָזן זיך מיט איר אין רייד.

— מיין האַר, איר קינד איז געשטאָרבן...

— אָט דאָס איז עס? — האָט אַ דינער שמייכל זיך באַהאַלטן אונטערן שויבער פון זיין באָרד — אָט דאָס איז עס? איז גיי און מאַך עס לעבעדיק! אָט האָסטו מיין שטעקן, לייג עס דעם קינד צוקאָפּנס, וועט עס לעבעדיק ווערן.

ער האָט אָפּגעזיפצט, דער נביא. ווי קליינלעך מענטשן זענען. מאָרגן וועלן זיך שאָקלען די זיילן פון דער וועלט. מאָרגן וועט גאָטס כבוד זיך אַנטפּלעקן פאַר די אויגן פון פאָלק. גאָט האָט שוין אַרויפ־געלייגט אויף זיין צונג די ריכטיקע שטראָפרייד, מיט וועלכע ער וועט דאַרפן פאַרברענען די זינד פון קעניג, פון זיין אויסגעלאַסן ווייב און די פאַלשע נביאים. און דאָ — דאָס שונימער ווייבל מיט געשרייען וועגן איר קינד!

— גיי — מאַכט ער צום משרת. — זאָלסט זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין געשפּרעך אויפן וועג מיט קיינעם. נעם מיין שטעקן און גיי.

— ניין! האָט זיך צפורה אַ שטעל געטאָן. דו שיק מיר נישט קיין שליחים! אַליין וועסטו גיין מיט מיר! דו האָסט אים אויף דער וועלט געבראַכט און דו וועסט מיר אים אומקערן! דו וועסט נידערן פון באַרג און גיין מיט מיר!

אַ כמאַרע פון צאָרן האָט אים אָנגעצונדן. ער האָט אָנגעשטעלט דאָס פייער פון זיין בליק אויף איר און האָט זי מיט זיין צאָרן גע־וואָלט פאַרברענען. נאָר תיכף איז זיין בליק געוואָרן מילד ווי ביי אַ קינד: אַ מאַמע, זי ליידט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און מיט אַ טיפן זיפץ איז ער אויפגעשטאַנען פון שטיין, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט מיט דער פרוי קיין שונים.

אונטער אַ פאַרריגלטער טיר אויפן בוידעמשטיבל האָט ער אַ לענגערע וויַיל פאַרבראַכט מיטן טויטן קערפּער פון קינד, דערוואַ־רעמט עס מיטן הויך פון זיין אָטעם. און גאָט האָט אויסגעהערט זיינע

תחנונים און אומגעקערט דאָס לעבן אין קליינעם, געשטאָרבענעם גוף. דאָס קינד האָט געעפנט די אויגן, מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט דעם באַוואָקסענעם, פרעמדן מאַן און מיד געשמייכלט. ווען דער נביא האָט דערזען פאַר זיך דאָס קינד אַ לעבעדיקס, האָט זיך צו אים צוריק אומגעקערט דער פריִערדיקער צאָרן: זיך געלאָזט ראַטעווען אַ נפש! און דאָרט? אויפן באַרג, מאָרגן?

— גיי, נעם דיין זון! — האָט ער אויסגערופן צו דער מאַמען. אויפגעפּראַלט די טיר, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק, זיך געלאָזט מיט אייליקע טריט אין וועג אַריין, ווי דער ווינט אַליין וואָלט אים געטראָגן אויף זיינע פליגל.

כהרף עין האָט זיך איבער שונים צעטראָגן די ידיעה וועגן נס, וואָס איז געשען אין הויז פון צפורה.

ג

מען ווייסט נישט צו דערציילן, וואָס איז געשען מיט חליפאַ, דעם פאָטער פון לעבן־געוואָרענעם זון. טייל האַלטן, אַז פון גרויס פרייד און איבערראַשונג פון דעם נס, האָט ער באַקומען אַ האַרצשלאַק און איז געשטאָרבן אויפן אָרט. אַנדערע זאָגן — עס לייגט זיך אויפן שׂכל — אַז דער פרומער עלטערער מענטש האָט, אין אַנבליק פון גאָטס וווּנדער, איבערגעלאָזן זיין ווירטשאַפט, זיין הויזגעזינד און איז אַוועק אין די בערג באַדינען די געפלאָגטע נביאים. קיינער האָט זיך נישט געמיט נאָכצוקוקן די דרכים פון אַלטן טאַטן און אַוודאי עס נישט איבערדערציילן פאַר קינדער און קינדסקינדער. דערפאַר אָבער ווייסט מען צו דערציילן פיל וועגן צפורה און איר זון, דעם לעבע־דיקן נס.

די ברויזנדיקע צייט פון נביא איז שוין לאַנג אַריבער. אמת ער האָט אין יענעם גורלדיקן טאָג געשטורעמט מיט גאָטס וואָרט אין זיין צעפלאַקערט מויל די קעניגלעכע פעסטונג פון זינד. דאָס פאַר־זאַמלטע פאָלק איז געפאַלן אויף די קני און גערופן: ה׳ הוא האלהים,

ווען עס האָט דערהערט דעם פייערדיקן אמת פון נביאס מויל. אָבער באַלד האָט די רשעות ווידער געגומען די אייבערהאַנט. די זינדיקע קעניגין האָט אַרויסגעשיקט אירע רייטערס כאַפן דעם בייזן נביא און אים קעפן אויפן מאַרקפלאַץ פאַר אַלעמען אין די אויגן. קוים מיטן לעבן איז דער נביא אַנטלאָפן אין מדבר און דאָרט געבעטן אויף זיך דעם טויט.

אָבער דער נס פון שונים האָט דער זינדיקער קעניגין נישט געלאָזט רוען. דאָרט אין שטעטל שונים, נישט ווייט פון איר קעניג־לעכן פּאַלאַץ, גייט אַרום אַ לעבעדיקער נס, וואָס זאָגט עדות וועגן דער גרויסקייט און גערעכטיקייט פון נביא. איז ווי קאָן זי, די קע־ניגין, וואָס פּראַוועט אומווערדיקייט פאַר בעל און עשתרות, רויק צוזען, ווי דאָס פאָלק האַלט פאַרהייבן די אויגן צום לעבעדיקן נס?

האָט זי באַשלאָסן אויסצופאָרשן די זאַך און זען עפּעס טאָן.

דאָס יאָר איז געווען אַ יאָר פון גרויס גערעטעניש. די וויינ־שטאָקן זענען געבענטשט געוואָרן מיט שווערע שטענגלען און אין דער פאַרמערונג פון די שאָף איז אַריין אַ ברכה. צפורהס רייכקייט איז געוואַקסן. אירע ווייגען, וואָל און געווירצן האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש קיין צור און צידון. איר נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד און אויך מחוץ די גרענעצן. מען האָט זי גערופן די פרוי מיטן נס. סוחרים האָבן זיך נישט געדונגען ביים קויפן די וואָל, מען האָט געצאָלט וויפל זי האָט געבאָטן. מען האָט מורא געהאַט עפּעס אָפּצודינגען פון פּרייז. עס איז גענוג געווען אַז די פרוי מיטן נס זאָל אויפהייבן אויף אַזאַ סוחר איר שטאָלענעם קאַלטן בליק, אַז ביי יענעם זאָל דאָס האַרץ אַנטפאַלן ווערן פון מורא און ער האָט אָפּגעציילט די שקלים וויפל מען האָט פון אים פאַרלאַנגט. איר נאָמען האָט אָנגע־וואָרפן אַ פאָרכט און ציטער אויף אַלעמען און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט קעגנשטעלן איר רצון.

און זי אַליין, צפורה פון שונים, האָט ווי אַ ניי לעבן אין זיך

באַקומען. די קוים אָנגעקומענע זיקנה איז ווי פאַרשווונדן פון איר. איר פּנים איז געוואָרן קלאָר און גלאַט און איר ברוסט, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרדאַרט ווערן, האָט זיך מיט פרישע זאַפטן אָנגעגאָסן. אירע שווערע ווייצענע צעפּ זענען העלער און שווערער געוואָרן און זיך געוויקלט אויף איר קאָפּ ווי אַ געפלאָכטענע קרוין. דעם וויטן שטרענגן נביא האָט זי שוין פון לאַנג פאַרגעסן. גענוג אַז זי האָט אים געצוווּנגען צו לאָזן איר אין הויז דעם לעבעדיקן נס.

זי האָט איר זון נישט געשיקט אין פעלד צו די שניטערס און נישט מיט די פּאַסטעכער. ווען דער טאָג האָט געגליט און די מענטשן זענען געווען אין פעלד, איז דער זון געזעסן אויפן שוועל און געקוקט אין בלויען הימל אַריין, אָדער אַרומגעשפּאַצירט איבער די געסלעך פון שטאָט. ווייבער האָבן די קעפּ אַרויסגעשטעקט און אים נאָכגע־קוקט מיט נייגער און באַהאַלטענער מורא. זקנות האָבן אים אין פיר־הויז פאַרבעטן און אים מכבד געווען מיט מילך און פרישן ווייצנ־ברויט. ער האָט אָפּגעגעסן און זיך געלאָזט ווייטער אויף זיינע שפּאַ־צירן. אַז דער טאָג איז פאַרגאַנגען איז ער שלאָבעריק און שטיל אָנ־געקומען אַהיים. די מאַמע האָט אים, אַ שלאָפנדיקן, געטראָפן אויפן געלעגער און פאַרצויגן איבער אים דעם פוירהאַנג. מער האָט זי וועגן אים נישט געזאָרגט. דאָס קינד איז געוואָקסן און אַלטע לייט האָבן זיך געוווּנדערט: פאַר וואָס גייט ער נישט אין פעלד און אין וויינ־גאָרטן. נאָר קיינער האָט זיך נישט דערוועגט דער מאַמען אַ וואָרט צו זאָגן. זי, די רייכסטע באַלעבאָסטע פון שונים, מיט וועמען עס איז געשען דער וווּנדערלעכער נס, איז געבליבן טויב צו דער עצה פון די זקנים. די שטאָלצקייט און העכערקייט פון צפורה איבער די מענטשן פון שונים איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. די גרעסטע סוחרים זענען געקומען מיט איר זיך אָן עצה האַלטן און פאָלגן איר וואָרט. נאָר דאָס ניסימדיקע קינד איז געוואָקסן אָן דער השגחה פון אַ מאַמען.

דעמאָלט האָט די קעניגין געשיקט רופן צו זיך צפורהן מיט איר לעבעדיקן נס, דעם זון.

זי איז געגאַנגען צו דער קעניגין אָן דעם מינדסטן פּחד אין איר האַרץ. זי האָט געהערט פון דער קעניגין און געוווּסט וועגן איר שלעכטקייט. ווען עס געפעלט איר עמעצנס פאַרמעגן, לאָזט זי אויס־הרגענען דעם באַלעבאָס מיט זיין הויזגעזינד און נעמט צו דעם פאַר־מעגן ווי אַ קרבן פאַר איר גאָט עשתורת. אין טייכן בלוט שווימט זי אַרום, אָט די אויסגעלאַסענע קעניגין, און גאָטס שטראָף איז נאָך אַלץ נישט געקומען אויף איר. אָבער זי וועט גיין צו איר אָן פּחד. איר, דער מאַמען מיטן לעבעדיקן נס, וועט זי נישט טאָן קיין שלעכטס. האָט זי פאַרזאָרגט אין דער ווירטשאַפט אַלץ וואָס מען דאַרף, גע־הייסן שפּאַנען דעם לייכטפיסיקן ווייסן מוילאייזל און אַן אויסגע־צירטע זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ווען מען האָט זי געבראַכט אין פּאַלאַץ, איז די קעניגין אויף אַ ווייל געבליבן אַן איבערראַשטע. זי האָט דערוואַרט צו זען פאַר זיך אַן אַלטע פרוי, אַן אַלמנה, איבער וועמען דער בייזער גאָט האָט זיך מרחם געווען און געטאָן מיט איר אַ חסד אויף די עלטערע יאָרן. אָבער געזען פאַר זיך האָט זי אַ הויכע, שטאָלצע פרוי, מיט נאָך אַ געַנוג יוגנטלעך פרישן פּנים און אַ געקרוינטן קאָפּ מיט שווערע ווייצענע צעפּ. לעבן איר איז געשטאַנען אַ יונגער דאָרפישער בחור מיט אַ פוסטן אויסגעהוילטן בליק און אָן אויסדרוק אין די אויגן. די קעניגין האָט געשמייכלט:

— אָט דאָס איז ער?

— יאָ —האָט צפּורה זיך לייכט פאַרנייגט פאַר דער קעניגין,
— אָט דאָס איז מיין נס פון גאָט.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, די קעניגין, וואָס מיטביידע צו טאָן. צום בעסטן וואָלט געווען צו קעפּן די מאַמע, אָט די פאַררישענע קליינשטעטלדיקע אַלמנה און דעם זון, דעם נס, אַריינוואַרפן אין קע־לער אויף ברויט און וואַסער. נאָר אַנשטאָט דעם האָט זיך די זינדיקע קעניגין גאָר צעשמייכלט:

— ס׳פרייט מיך דיך צו זען אַזאַ שטאָלצע און לעבנסלוסטיקע...

צפורה האָט אַ שמייכל געטאָן. עס איז איר געפעלן געוואָרן דער קעניגינס רייד. עפּעס בשותפותדיקס איז געווען אין אָט די צווי פרויען. ביידע הערשערישע, ביידע דאַרשטיקע אויף כבוד און ביידע מיטן זעלבן פלאַמפייערל אין די אויגן. אין אַ ווילע אַרום זענען שוין ביידע פרויען געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער, דער קעניגינס האַנט אַרומגענומען צפורהס טאַליע. אַ שמייכלענדיקע האָט די קעניגין גערעדט:

— כ׳בין גליקלעך דיך צו האָבן ביי מיר פאַר אַ גאַסט, צפורה פון שונים. וועסט ביי מיר פאַרברענגען פריילעכע עטלעכע טעג, דו און דיין זון. און זי האָט אַ רוף געטאָן דעם דינער:

— פיר אָפּ דעם בחור אין זיין געצעלט און זע עס זאָל אים גאָרנישט נישט פעלן.

און ווען דער דינער האָט אָנגענומען דעם בחור פאַרן האַנט אים אָפּצופירן אין זיין געצעלט, איז דער בחור נאָכגעגאַנגען דעם דינער, זיך נישט אומקוקנדיק אויף קיינעם. די קעניגין מיט צפורה פון שונים האָבן זיך געזעצט אויפן ווייכן הסב־בעט און באַלד פאַר־פירט אַ האַרציקן שמועס. און וואָס האָט אַלץ די קעניגין נישט דער־ציילט פאַר איר גאַסט? זי האָט נישט אויסגעפרעגט, נאָר דערציילט און דערציילט. די יונגע שיינע נביאים, מיט די געבוימלטע אַסירישע בערד און גילדענע גאַרטלען, זאָרגן ווי צו פאַרזיסן דאָס לעבן פון די איינוווינערס פון פּאַלאַץ. ביי די מזבחות פון בעל און עשתרות, אונטער די זאַפטיקע לינדנביימער קומען פאָר פריילעכע פאַרוויילונ־גען, מיט פרויען־טענצערינס און מענער וואָס ווייזן זייער גבורה. זי, צפורה, זעט זי, איז נאָך געגוג יונג דאָס צו פילן. איר נאַטירלעכע שיינקייט און דער גלאַנץ פון אירע אויגן וואָלט נישט איין מאָן גע־קאָנט פאַרשאַפן גליק און פרייד אין לעבן. וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז עס מיט דעם לאַנגווייל פון שונים? זי וועט קומען היינט אויף דער נאַכט אויף דער פאַרוויילונג, וועט זי עס זען מיר אירע אויגן...

און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי די יונגע הויף־נביאים מיט די געקעכלטע אַסירישע בערד און גילדענע גאַרטלען אויף די לענדן, האָבן דערזען אַ נייע, באַפּעלערישע געשטאַלט אין קעניגלעכן הויף: אַ לעבנסלוסטיקע פרוי מיט צוויי שווערע ווייצענע צעפּ און נישט געשטילטן פייער אין בליק, גייט אַרום איבערן הויף און באַ־פעלט די דינער צוצוגרייטן די פריילעכע פּאַרוויילונגען און פייערונ־גען לכבוד בעל און עשתורת. אירע בלויע אויגן זענען אָנגעגאָסן מיט דער קאַלטקייט און שאַרפקייט פון שטאָל. אירע פולע זינלעכע ליפּן זענען קוים צעעפנט און די בלאַנקע ווייסקייט פון אירע ציין שיינען מיט דערוואַכטן יונגפרויִשן באַגער. זי האָט אַרומגעשוועבט צווישן די גוט־געפּיטערטע מיט מירע באַשפּריצטע הויף־נביאים, ווי אַ הונ־געריקע זשומענדיקע בין, וואָס זוכט אין תאווה־געפּלאַטער אויסצונאָגן זאַפטן פון גאַנצן אַרומיקן געבלי. איר רונדער גוף, אַ דערוואַכטער און אָנגערייצטער אָפּצונעמען פאַרלאַרענע און פון לאַנג דערשטיקטע תאוות, האָט געצונדן אַרום זיך פייערדיקן גלי. דער ציטער פון אירע נאָזלעפלען האָט געצונדן פייער אין מענערישן בלוט. אין די קעמער־לעך פון איר האַרץ האָט נישט אויפגעבליט דער זיסער ווייטיק פון אויפגעוואַכטער פרויִשקייט, וואָס מאַכט מילד און פאַרנעפּלט דעם בליק און גיסט אים אָן מיט בענקשאַפט פון באַגער נאָך אָן אויסדער־ווילטן מאַן. זי איז געוואָרן דער קנין פון די נביאים. זי האָט גע־הערט צו זיי אַלעמען און צו קיין איינעם נישט פון זיי. זי איז געוואָרן די געטרייע דינערין פון בעל און עשתורת און תאווהדיק געפּיבערט פאַרן געצנדינערישן מזבח. נאָר זי גופא האָט איר דאָרשט נישט געקאָנט שטילן.

זי האָט בטל געמאַכט די בויכטענץ פון די האַלב־נאַקעטע קדשות און האָט זיי פאַרביטן אויף פייערלעכע פראָצעסיעס, בראש פון וועלכע עס זענען געגאַנגען יונגע קינדער, זכרים, באַקרוינטע מיט בלומענקרענץ און אויסגעפּעצטע מיט בוימל, כדי דער פייער־דיקער גאָט מולך זאָל זיך קוויקן מיט זייער טעם.

און אין דער זעלבער צייט איז איר זון, דער לעבעדיקער נס, אַרומגעקראָכן אַ פֿאַרהפּקרטער צווישן די פֿערדשטאַלן אין הויף און געלעבט פֿון אונטערגעוואָרפֿענע שטיקלעך ברויט פֿון די דינערס. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אַרומגעקוקט.

און אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט זי זיך דערמאָנט אין אים.

זי האָט אים אָפּגעגנומען פֿון די פֿערדשטאַלן און געלאָזט באָדן זיין לייב אין פֿרישן שאָפֿנמילך. דערנאָך האָט זי זיין גוף אויסגעשמירט מיט שמעקנדיקן בוימל און אויף זיין קאָפּ האָט זי אָנגעטאָן אַ קרוין פֿון פֿעלדבלומען און מירעבלעטער. זי האָט אים געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער פּראָצעסיע. דער ערשטער אין דער ריי יונגע קינדער, פֿרישע קרבנות פֿאַרן פֿייערדיקן מאָכטיקן גאָט. זי האָט געשפּאַנט לעבן אים, די נאָזפֿליגל צעפֿלאַטערט און די זינלעכע ליפּן צעעפֿנט. אַ פֿאַרשטיקטע ברומעניש האָט זיך געהערט פֿון די צווי רייען אויסגעשטעלטע נביאים פֿון דאַרשטיקן גאָט. פּאַמעלעך האָט געשפּאַנט די פּראָצעסיע, מיט דער שווייגנדיקער, אין שטאָלקייט־פֿאַרגליווערטער מאַמען און איר זון, דעם לעבעדיקן נס, וועמען זי ברענגט איצט פֿאַר אַ קרבן.

און ער איז געגאַנגען פֿאַרויס און האָט נישט געזען דאָס פֿייער. ער האָט נישט געהערט די ברומעניש פֿון די פּריסטערס און נישט געפֿילט לעבן זיך דעם טראָט פֿון זיין מאַמען. שטילשווייגנדיק האָט ער געשפּאַנט אַנטקעגן דעם צעפֿלאַקערטן פּיסק פֿונעם פֿייערדיקן גאָט און האָט אים, דעם ברענענדיקן מולך נישט געזען. און אַזוי, נישט זעענדיק אים, האָט ער זיך צו אים דערנענטערט.

און דעמאָלט איז געשען דער וווּנדער. ער האָט זיך דערנענטערט און איז אים פֿאַרבייגעגאַנגען. דאָס פֿייער האָט זיך אויסגעלאָשן און אַ בלויער, דינער רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן צום הימל. אַ שטילשווייגן האָט אַרומגעכאַפּט די נביאים און פֿאַרגליווערט אויפֿן אָרט זענען געבליבן די קדשות. אין די אויגן פֿון די קינדער־קרבנות

האָט אויפגעלויכטן אַ שטראַל פון דער אונטערגייענדיקער זון און באַלויכטן זייערע בלומענקרוינען מיט גאָלד פון דער שקיעה. אין גרויס שרעק זענען די פאַלשע נביאים געפאַלן אויף זייערע פנימער. און זי, די מאַמע פון לעבעדיקן נס, האָט געקוקט און געזען: פון אונטער דעם לינדנבוים שפאַנט אַוועק איר זון, גייט אַרויף אויף דער הויכקייט פון כּרמל־באַרג און בלייבט שטיין אַ ווייל אויף זיין שפּיץ. דערנאָך נידערט ער אַראָפּ פון באַרג און ווערט פאַרשווּנדן פון דער זעונג פון אויג.

וועגן דעם נביא האָט מען שוין געהאַט פאַרגעסן. מען דער־ציילט, אַז איין מאָל אין אַ נאַכט, ווען ער איז געלעגן אין מדבר אין אַ הייל, אַ פאַרטיפטער אין חזיונות, האָבן זיך פאַר זיינע אויגן מאָדנע בילדער געענומען ווייזן. פייערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט אין דער לופט און עמעצנס הענט האָבן דאָרט לעבעדיקע מענטשן געוואָרפן. ער האָט געוואָלט פון גרויס צער אויסשרייען און די זיילן פון דער וועלט מאַכן אויפציטערן. נאָר ער האָט עס נישט געקענט טאָן. עמע־צער איז פון דער זייט אָנגעקומען, זיין האַנט אויפן נביאס מויל אַרויפגעלייגט און דאָס וואָרט פונעם מויל פאַרהאַלטן. דער דער־שראָקענער נביא האָט זיינע אויגן אויפגעהויבן און דערזען אים, דעם נס, ווּעמען ער האָט פון טויט אָפּגעראַטעוועט און צוריק צום לעבן געבראַכט. האָט ער צאַרט יענעמס האַנט פון זיין מויל אַראָפּגענומען, אים מיט ליבשאַפט און טרויער אין די אויגן געקוקט און איז פאַר־גאַנגען אין אַ טיפער שווייגעניש. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, זיין האָריקן מאַנטל פון קעמלהאָר אויסגעטאָן און אים פאַרוואָרפן אויף די נאַקעטע אָקסלען פון דעם געקומענעם. ער האָט אויפגעהויבן זיינע בייניקע הענט איבער יענעמס קאָפּ און שטומערהייט אים גע־בענטשט. אין דער חשכות פון דער מדבר־נאַכט האָט זיך אין הימל אַ פלאַמפייער באַוויזן און דער געקומענער האָט פאַרן פייערבלענד זיינע אויגן פאַרמאַכט, זיך אויפן מדבר־שטיין געזעצט און זיין קאָפּ אויף דער ברוסט געניגערט.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז דער נביא אויפגעגאַנגען אויף אַ פייער־וואָגן אין הימל אַריין...

דער
פֿאַרשווּנדענער נביא

דאָס איז געווען פֿאַר דער ערד־ציטערניש, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס דאָרף דבליים. די ערד האָט איינגעשלונגען אין איר אינגעווייד די מערסטע מענטשן פֿון דאָרף, די שאָף און די רינדער, די קליינע ליימענע הייזקעס און די זומערדיקע סאָד־ביידלעך צום היטן די פּלוצערן אויפֿן פֿעלד. און דאָס וואָס איז געבליבן פֿון דעם רייכן, פֿעטן דאָרף, געבענטשטן מיט טוי און רעגן פֿון פּרוכפּערדיקן צפֿון, האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ שרעקלעכער מלחמה, אין וועלכער דער מדברישער שונא פֿליט אָן אויף זיינע פֿלינקע פֿערד, פֿאַרלענדט ווייב און קינד, פֿאַרטרייבט די מאַנצבילן מיט זיך און לאָזט אַוועק דאָס דאָרף מיטן פֿייער. איינצלנע מענטשן, געראַטעוועטע פֿונעם בראָך, זענען מיט שטאַרע אויגן אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער די חורבות, שטומערהייט געבליקט אויפֿן חרובן דאָרף און צעפּירנדיק זייערע הענט אין יאוש, געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ברענענדיקער ערד און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ הוילן, חיהשן געהויל.

דאָס קול פון די נביאים האָט זיך אין יענער צייט געלאָזט הערן שאַרף און דראָענדיק. אַנגעטראָגענע פון טרוקענעם מדבר, פלעגן זיי אָנקומען אין מילדן צפון, דאָס אייביקע זיך־אַרט פון די צעלאָזענע מלכים און פאַרויסזאָגן זייער שוואַרצע נביאות, וואָס וועט מקוים ווערן אין דונערן און בליצן, אין ערד־ציטערנישן און מלחמות, פאַר די גרויסע זינד פון די צעלאָזענע הערשער. אויך איצט ,צוויי יאָר פאַר דער ערד־ציטערניש אין דבליים, האָט די נביאישע דראָונג זיך געטראָגן מיט איר שאַרפקייט איבערן לאַנד. אָבער געווען איז עס ווי אַלע מאָל: דער קעניגלעכער הויף האָט זיך ווייטער געטונקען אין זנות און זינד און דאָס פאָלק האָט געפאַרכט די פאַרכט פון גאָט און געציטערט פאַר זיין שטראָפנדיקער האַנט און צוזאַמען מיט דעם, נישט פאַרפעלט צושטעלן די צאָל שאָף און רינדער, תבואות און ווייַנען, זין און טעכטער, פאַרן צעהוליעטן קעניגלעכן הויף.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין דבליים איינער אַ פּויער מיטן נאָמען חנן און זיינע צוויי זין, מלכיאל און יהושפט. קורץ נאָך דעם, ווי זיין ווייב, נעמי, האָט אים געבוירן זיין צווייטן זון, יהושפט, איז זי אים אָפּגעשטאָרבן און אים געלאָזט אַליין, מיט זיין שטיקל פעלד און צוויי מוילאייזלען, מיט זיינע צוויי זין, דעם פופצן־יאָריקן מלכיאל און דריי־יאָריקן יהושפט. סיי דער מאַן, חנן, סיי די מענטשן אין דאָרף, האָבן ערלעך און אויפריכטיק באַוויינט דעם פלוצימדיקן און פריצייטיקן טויט פון נעמי. אַלטע ווייבער האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז איר געקומען פון דעם שפּעטן שוואַנגער מיט איר צווייטן זון. חנן האָט אָפּגעטרויערט נאָך זיין ווייב זיבן טעג, געדרויכערט שמע־קנדיקע געווירצן אויף איר פרישן קבר און זיך געלאָזט טרייסטן פון די שכנים מיט דער אייביקער מענטשלעכער טרייסט: גאָט האָט גע־געבן און גאָט האָט צוגענומען. אָפּטרויערנדיק נאָך זיין ווייב, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין באַלעבאַטישקייט, וואָס איז נישט געווען גרויס, אָבער האָט געקאָנט באַשפּייזן זיין קליין געזינד פון שווערער, ערלעכער מי. ערשט איצט האָט ער גענומען טראַכטן וועגן זיין עלטסטן זון, מלכיאל.

דער בחור גייט שוין אַריבער דאָס פופצנטע יאָר. זיינע גלידער זענען געזונט און מאַנצביליש צוואָקסן. ווען ער גייט מיטן אַקער אין פעלד שפּאַרט פון אים מיט יונגער, מענלעכער גבורה. ס׳טרעפט אָבער, אַז דער בחור זאָל זיך נעמען פּאַרקוקן אויף די שניטערקעס און זאַנגען־קלויבערינס אין פעלד, מיט אַ לאַנגן, אומעטיקן קוק. דער־מאָלט קומט ער אַהיים אַ צעטראָגענער, עסט אָן חשק די אָרעמע וועטשערע און נעמט קוקן מינוטן־לאַנג אין איין פונקט. האָלטנדיק אין ווינקל מויל אַ נישט איינגעביסענעם אָליוו. „נישט גוט” טראַכט דער טאַטע. די מענערישע קראַפט, ווען זי דערוואַכט, טאָר נישט גיין פאַרלאָרן. זי מוז באַפרוכפּערן אַ ווייב, ווען נישט, גייט זי אין ניוועץ, און דאָס איז אַ זינד פאַר גאָט. מען דאַרף דעם יונג געבן אַ ווייב. אין עטלעכע טעג אַרום האָט חנן געלאָזט צוּווּיסן געבן זיין ווייטן שכן צדוק, אַז ער וויל אים זען און וויל מיט אים רעדן וועגן זיין טאָכטער גומר.

צדוק איז געקומען אין הויז פון חנן צוזאַמען מיט זיין טאָכטער. עס איז געווען אַן אומגעריכטע פרייד פאַרן אָרעמען פויער צדוק, ווען ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט קאָנען פאַרקויפן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב אין אַזאַ שטיל אָרנטלעך הויז ווי ביים פויער חנן, זיין שכן. עס וועט זיין גוט פאַר ביידן. פאַר דעם כלה־געצאָלטס, פאַר דעם מוהר, וואָס ער וועט באַקומען פון חנן, וועט ער קאָנען זיך איינשאַפן אַ חמור צו דער אַרבעט אין פעלד, און אויך זי, גומר, זיין טאָכטער, וועט אַריינפאַלן אין גוטע שטילע הענט. אַ צופרידענער איז ער געזעסן אין הויז פון חנן, מיט זיין טאָכטער ביי זיין זייט, און געלויבט אירע מעלות אויפן קול:

— זי שיינט ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן אין הימל! איר לייב איז קלאָר און אָן איין פּגימה און איר געזיכט איז מלא חן ווי ביי אַן אינד אין פעלד. זי קאָן געפינען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן אַפילו ביי אַן עלטערן מאַן און אים אומקערן צוריק זיין יוגנט־לעכקייט. מיט איר שטילקייט און גוטסקייט אין באַנעמען זיך איז זי באַוווסט אין גאַנצן דאָרף!

ער האָט נישט געוווּסט, דער טאַטע צדוק, ווען וועמען עס גייט דאָ די רייד. געמיינט האָט ער, אַז דער אַלטער חנן האָט באַשלאָסן זיך צו קויפן אַ יונג ווייב, נאָך זיין געשטאָרבענער נעמי. ער איז געווען צופרידן, צדוק. דער אַלטער וועט גוט באַצאָלן פאַר זיין טאָכטער. אָבער חנן האָט אים איבערגעריסן אין מיטן רעדן:

— שקר החן! איך דאַרף האָבן אַ ווייב פאַר מיין זון מלכיאל, וואָס זאָל אים זיין אַ ווייב צום געלעגער ביי נאַכט און אַ הילף אין פעלד ביי טאָג. שטעל אויס דעם פרייז און איך וועל באַצאָלן.

פאַר דער צייט ווען ביידע טאַטעס האָבן אונטערהאַנדלט, איז גומר געזעסן נעבן פאָטער אַ שווייגנדיקע און מיט אַ שפּיץ טוך פאַרדעקט איר געזיכט ביז אונטער די אויגן. מלכיאל איז געזעסן מיטן בליק צו זיינע דאָרפישע סאַנדאַלן און דאָס האַרץ האָט אים מאָדנע אומרויק געקלאַפּט. צדוק האָט פאַרהייבן די טוך פון גומרס געזיכט:

— זע וואָס פאַראַ געזיכט! ברוינער, צייטיקער מאַנדל!

אין אַ וואָך אַרום איז געווען זייער חתונה. דאָרפישע ווייבער האָבן געטאַנצט פאַר דער כלה מיט מירטן־בלעטער אין די הענט, געזונגען כלה נאה וחסודה, אויסגעבעטן איר כלה־געלעגער מיט דאַרפישן, פינקלדיקן לייוונט און זיידענעם צוקאָפּנס און באַווירצט מיט הימיש־געמאַכטע בשמים. שפּעט אין דער נאַכט האָט מען צו דער צעשראָקענער כלה געבראַכט איר חתן, מלכיאל, אין זיין נייעם לייוונטענעם בגד און מיט אַ קראַנץ פון פעלדבלומען אויפן קאָפּ. ביים שיין פון דער לבנה האָט מלכיאל צום ערשטן מאָל דערזען גומרס ברייט־צעעפנטע ברוינע אויגן און עס איז אים באַפאַלן אַן אוממעכטיקע אָפּהענטיקייט. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט צו איר געלעגער און איז אַזוי געבליבן זיצן ביז צום סוף פון דער נאַכט. גומר איז געלעגן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אין איר פאַרמאַכט מויל איינגעהאַלטן די פאַרטייעטע שרעק פון איר האַרץ.

ב

באַלד אויפן צווייטן חודש נאָך זייער חתונה איז געשען דאָס

אומגליק. אין דעם דאָזיקן זומערדיקן נאָכמיטאָג איז גומר געווען אין פעלד און צוגעפגעקליבן די זאַנגען פון אונטער די טריט פון די שניטערס און זיי געבונדן אין גאַרבן. ביים צווייטן רעדעריקן וואָגן איז געשטאַנען דער מוילאייזל און זומערדיק-פויל געקייט דעם טרוקענעם שטרוי. ביי דער זייט פון וואָגן, אין שאָטן פון אַן איבערגעצויגענער שעפּסן-פעל איז געלעגן דער קליינער יהושפט און זיך געשפּילט מיט אַ קליינעם, צאַפּלדיקן פעלד-זשוקל. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט פון צווישן די שניטערס אַ הויך האַרצרייסנדיק געשריי. די שניטערס זענען זיך תיכף צונויפגעלאָפן און אין אַ ווײַלע אַרום, האָבן זיי גע־בראַכט צו טראָגן אויף זייערע הענט אַ פאַרחלשטן דעם יונגן פּויער מלכיאל, וואָס איז געביסן געוואָרן אין זיין רעכטן פוס פון אַ גיפטי־קער קאָברע-שלאַנג. זיי האָבן אים אַוועקגעלייגט אין שאָטן פון דער שעפּסן-פעל, אַ פאַרטראָגענעם אין יסורים, קאָרטשענדיק זיך אין קאָנוווּלסיעס. אַ ווייסער שוים האָט געזעצט פון זיין מויל און זיינע אויגן פאַרגאָסן מיט אַ טויטער ווייסקייט. די שניטערס האָבן אים אַרומגעבונדן דעם געביסענעם אָרט מיט אַ שטאַרקן רימען, אַנגע־גליט אַן אײַזן און מיט אים געבערענט די קליינע, אויפגעלאָפענע ווונד. מלכיאלס ווייטיקלעכע קרעכצן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל שוואַכער, ביז ער איז געבליבן ליגן אַ פאַרשטייפטער, מיט אָפענע אויגן צום הימל און טויטער פאַרשוואַרצטקייט אויפן נאַקעטן גוף. גומר איז אַ פאַרשטיינערטע געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, וואָס עס ווערט געטאָן צו איר מאַן. ווי זי וואָלט נישט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר פאַר אירע אויגן, האָט זי זיך צוגעקוקט צו זיינע קראַמפּן, געזען זיינע אַרויסגעזעצטע, אין יסורים פאַרגלייזטע אויגן, די טויטלעכע קאָנ־ווּלסיעס פון זיין גוף און איר מוח האָט נישט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט ווען פאַר איר שטאַרן בליק איז מלכיאל געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכער, מיט ברוינעם, פאַרגיפטיקטן גוף און אָפענע טויטע בליקן צום הימל, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן, הויכן גע־שריי און זיך געלאָזט לויפן אין דער ווייטקייט פון פעלד. דאָס קינד יהושפט איז אַרויס מיט אַ יאָמערלעך צעשראָקן געוויין.

נאָך דער לוויה איז נאָכגעגאַנגען דער אַלטער טאַטע חנן. ווען די פּויערים האָבן געטראָגן צו זיין אייביקער רו דעם געשטאָרבענעם מלכיאל, איז גומר געלעגן אין געצעלט אַ באַנומענע, מיט אַן אָפּגע־שטאָרבן האַרץ. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס האָט ער, מלכיאל, געטאָן נאָר צו איר, צו גומרן, וואָס ער איז אַוועק פון די לעבעדיקע און וועט זיך קיין מאָל מער נישט אומקערן.

אויסגעוויזן האָט זיך איר, אַז ער האָט געטריבן פון איר שפּאַס און האָט אויפגעשפּילט אין איר לייב הייסע בענקשאַפטן און זיסע נאָגענישן און איר געלאָזט מיט איר אָנגעגליט לייב ליגן אַליין, אויף אייביק, אין אַט דעם פינצטערן חדר. פאַר וואָס האָט ער אויפגערייצט איר לייב, ווען ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ געשטראָפטער פון גאָט? זי האָט אַליין נישט געוווסט, אַז דאָס האָט דער כעס צונויפ־געדריקט די אָדערן פון איר האַלדז און נישט דורכגעלאָזט צו אירע אויפגעריסענע אויגן די דערלייזערישע טרער. ווען דער אַלטער חנן האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים פון דער לוויה, האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דער ליגנדיקער און אין שווייגן פאַרטראָגענער שנור און זיך נישט אָפּגערופן צו איר מיט קיין וואָרט. און אַזוי שווייגנדיק זענען אַריבער די זיבן טעג נאָכן טרויער איבערן מת.

באַלד נאָך דער שבעה האָט דער אַלטער חנן צוגערופן צו זיך זיין שנור און איר געזאָגט:

— טאָכטער מיינע, גאָטס שטראָף האָט דיך געטראָפן און האָט צוגענומען ביי דיר דיין האַר און געביטער. נעם צו, טאָכטער מיינע, די שטראָף פון גאָט, פאַרדעק דיין געזיכט און זעץ זיך וואַרטן, ביז עס וועט אויפוואַקסן מיין זון יהושפט און וועט דיך אויסלייזן פון דיין אלמנהשאַפט, ווי דער דין איז. דורך אים וועסטו געהאָלפן ווערן און וועסט אויפשטעלן אַ נאָמען נאָך דיין מאַן, מיין פאַרשניטענעם זון.

גומר האָט אויפגעציטערט. זי האָט געקוקט אויף דעם דריי־יאָריקן יהושפט, וועלכער האָט בעת־מעשה געפּויזעט אויף דער ערד און זיך געשפּילט מיט אַ שערבל פון אַ ליימענעם טאָפּ. אויף אים וועט זי דאַרפן וואַרטן?! זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַן עקל צו

דעם קינד, צו זיין אָפּגעדעקטן, אויפגעלאָפן בייכל און קרומע, ראַכי־טישע פּיסלעך. אָט דאָס באַשעפעניש וועט דאַרפן איר אויסלייזן אין איר פּיין? און ווען?

זי איז אַרויס מיט אַ געיאָמער פון שטוב און זיך געלאָזט אויף די פעלדער באַקלאָגן איר פאַרלוירענע יוגנט. ביזן אונטערגיין פון דער זון האָט זי זיך נישט אומגעקערט אַהיים. ערשט ווען די נאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דבלים, האָט זי זיך אַריינגעשליכט אַ מידע און אַ גלייכגילטיקע אין געצעלט און זיך געלייגט אויף איר געלעגער. אין דער פרי איז זי אַרויס מיט די שניטערס אין פעלד, אַ פאַרהוילענע מיט אלמנהשן טרויער־שאַל און אַ געזונקענע מיטן בליק צו דער ערד. אין איר האַרץ האָט שוין גאָרנישט נישט געוויינט. זי איז געוואָרן פאַרשטיינערט אין איר פּילן און האָט נישט געטראַכט וועגן פאַרלוירענער לוסט, וואָס וועט שוין צו איר מער נישט קומען.

זי איז געגאַנגען מיט די שניטערס אין פעלד, ווי עס גייט דער מוילאייזל מיטן זעלבן וועג אָנגעפירט פון רצון פון זיין אָנטרייבער. איר האַרץ האָט נישט געפילט קיין פרייד און קיין טרויער. עס איז געווען, ווי זי וואָלט אויסגעהוילט געוואָרן פון אַלע אינערלעכע שפּירונגען פון איר לייב, נאָר געבליבן ביים אלמנהשן טרויער־שאַל, וואָס פאַרדעקט אירע אויגן, איר געזיכט, און וויזט איר די אַרומיקע וועלט אַן אייביק־דעמערנדיקע און פון זון פאַרלאָשענע. אויך די מענטשן האָבן זיך באַוועגט פאַר אירע פאַרטונקלטע בליקן ווי גרויע ווילנלאָזע באַשעפענישן, באַנומענע פון גרויען גלייכגילט און אויסגעלאָשענע פון טאָגיקן ליכט. זי האָט געקוקט צו די שניטער־יונגען אין פעלד, געזען דעם אויפשפּיל פון זייערע געזונטע הענט ביים שניידן די תבואה און זייער יונגער אויפברויז האָט קיין אָפּקלאַנג אין איר האַרץ נישט געפונען.

די פריילעכע שניטער ביים טונקען דעם ברויט אין עסיק־ווייַן בעת דעם איבעררייס אין דער אַרבעט, האָבן קיין שמייכל אויף איר פאַרדעקט געזיכט נישט אַרויסגערופן. און ווען איינער אַזאַ יונג האָט

זיך געלאָזט איבערן פעלד, וועלנדיק, אין שפּאַס, כאַפּן אַ שניטערקע, וועלכע איז אַנטלאָפן פון אים מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער, האָט זי, חוץ אַ שאַרפע שאָדן־פרייד און אַ צו־להכעיס גאַרנישט נישט גע־פילט. זי איז גלייכגילטיק געוואָרן צום מאַנצבילישן גוף און לסוף האָט זי אים פּײַנט באַקומען. אירע טעג האָט זי פאַרבראַכט אין פעלד ביי דער אַרבעט אין זומער און ווינטער, ווען דער עסיקער רעגן האָט פאַרמאַכט פאַרן מענטש דעם אַרויסגאַנג פון שטוב — ביים שפּינען דעם שאָפּענעם וואָל. זי האָט געלעבט אין איר שוויַיגנדיקער, טויטער וועלט, אַ געדעקטע אונטערן שוואַרצן אלמנה־שאַל. נאָר טייל מאָל, אין די נעכט, ווען זי האָט דערהערט דאָס געוויין פון קליינעם יהו־שפּט, פלעגט זי אויפציטערן, זיך איבערדעקן קאָפּ מיט דער שווערער שעפּסן־פעל און געפּילט, ווי אונטערן האַרצן פאַרגייט איר אַ זיסלעכער איבל. אין דער טיפער פינצטערניש האָט זיך פאַר איר דמיון באַוויזן דעם קינדס ראַכיטישע שמוציקע פיסלעך, זיין אויפ־געלאָפן בייכל און אין איר אַנמאַכטיקן צאָרן האָט זי געבעטן אויפן קליינעם נפש דעם טויט.

אין איינעם אַ טאָג איז ער געקומען.

זי איז געווען אין פעלד און געגאַרבט תבואה. עס איז געווען אַ מיט־זומערדיקער נאָכמיטאָג און אין דער לופט איז געהאָנגען אַ שווערע דעמפּיקייט, ווי פאַר אַ רעגן. דער שוויס איז גערונען פון לייב און דער אָטעם איז געווען שווער, ווי פון דער לופט וואָלט זיך געטראָגן שיטערער, אַנגעגליטער אייזן. ווייט פון די שניטערס איז געשטאַנען גומר און זיך געבויגן איבער אַ געבונדענעם גאַרב. זי האָט דערפילט ווי דער אָטעם ווערט ביי איר איבערגעהאַקט און אירע נאָזלעכער צינדן זיך אָן מיט טרוקענעם פייער. האָט זי זיך אויפגע־שטעלט, מיטן רוקן צו דער פאַרגייענדיקער זון, וועלכע איז איצט געווען פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן שטויביקן נעפּל.

דורך איר אַנגעגליטן בליק האָט זי פּלוצלינג דערזען אַן אוי־סערגעוויינלעך מאָדנעם בילד: ערגעץ ווייט, אויף דעם קרוין־שפּיץ פון באַרג תבור, קנוילט זיך אַ געדיכטער וואָלקן, אַ שוואַר־פינצטע־

רער אין זיין מיט, און אַ באַזוימטער פון דער פרי־אונטערגייענדי־קער זון מיט אַ זוים פון פייער. דער וואָלקן האָט זיך וואָס אַ מאָל נידעריקער געלייגט אויפן תבור ביז ער האָט אים אין גאַנצן פאַרדעקט. אויך די זון האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ שווערן וואָלקן און אַ געדיכטע פינצטערניש האָט באַדעקט די ערד. די מענטשן אויפן פעלד זענען שטיין געבליבן אין פאַרווונדערונג פון דעם נישט גע־ווייגלעכן געשען. די גרויע, דריקנדיקע טונקלקייט האָט אָנגעגאָסן אַ שיכרות אין די גלידער און צוגעשפּאַנט די שניטערס צום אָרט. מיט אָפענע מיילער און צעשפּרייטע נאָזלעכער האָבן די שניטערס געטרונקען, ווי אין דולן דורשט, די געדיכטע פינצטער־טרוקענע לופט.

פּלוצלינג איז אַ טעמפּער גערויש דורכגעלאָפן דורך אַלעמענס לייבער. עס האָט אויסגעזען, ווי די ערד וואָלט זיך אַ וואָקל געטאָן און אויפגעוויגט אַלץ וואָס אויף איר. גומר איז געשטאַנען און צוגלייך מיט די שניטערס זיך איינגעהערט פאַרטייעט אין דעם בייז־ווונדער. דער קאָפּ האָט זיך ווי אין שיכרות ביי איר אַ וואָקל געטאָן און איר גוף האָט זיך אַ וויג געגעבן, ווי אַ ווינט וואָלט אים אַריינגענומען אין זיין ווירבל. עס האָבן זיך דערהערט פאַרשטיקטע קולות פון אַ ווייטן דונערן. אָבער נישט פון אויבן, פון הימל־געוועלב, זענען גע־קומען די קולות. עפּעס ווי די ערד אַליין וואָלט אויפגעזאָטן מיטן געזיד פון שווערע הייסע פעלזן, וועלכע שטויסן זיך אָן איינער אין אַנדערן און קוילערן זיך אַראָפּ פון באַרג אין טיפן טאָל אַריין. גומר איז געשטאַנען צוגלייך מיט אַלע אַ דערשראָקענע פון דער דראָענ־דיקער מראה, ביז זי איז, צוגלייך מיט אַלע אומגעפאַלן פון אירע פיס, אַ געשליידערטע אויף דער ערד מיטן כוח פון אַ מעכטיקן, פאַרגליווערטן, טויטן ווינט.

ווען צו אירע אויערן זענען דערגאַנגען די ווילדע געשרייען פון די שניטערס אין פעלד, איז זי נאָך אַלץ געלעגן אַ דערשראָקענע מיט געשלאָסענע אויגן. ווען זי האָט אין אַ ווייל אָרום געעפנט די אויגן, האָט זי שוין אויפן פעלד קיינעם פון די שניטערס נישט גע־

זען. יענע זענען אין טויטשרעק אַנטלאָפֿן פֿון פֿעלד צו זייערע היימען און זי געלאָזט אין וויסטן פֿעלד אַליין. זי האָט זיך געלאָזט לויפֿן. זי איז געלאָפֿן אין דער ריכטונג צו איר געצעלט, ווו זי האָט געוווינט מיטן שווער און איר צוקונפֿטיקן מאַן, דעם דריי־יאָריקן יהושפֿט. מיט אַ האַרץ איבערפֿולט מיט דערוואַרטונג האָט זי געיאָגט צום גע־צעלט. נישט קיין שרעק האָט זי געפֿילט, נייערט עפּעס אַ הייס געבעט אויף אַ שטאַרקן שינוי, וואָס זאָל קומען, אין אָט דעם אויסטערלישן נאָכמיטאָג, און זאָל איר אַרויסרייסן פֿון איר טויטן גליוועך. לויפֿנ־דיק האָט זיך אָפּגעדעקט אין ווינט איר טרויער־שאַל און דער אַנגע־פֿוישטער הימל האָט איר אויסגעזען העלער און לופֿטיקער. צום האַרץ האָבן אַ שפּאַר געטאָן הייסע פֿאַרלאַנגען, ווי ביי אַ רייף־געוואָרענער יונגפֿרוי, ווען זי גייט זיך באַגעגענען מיט דער שטורעמדיקער קראַפֿט פֿון אַ מאַן. אַזוי איז זי געלאָפֿן מיט אַ צעפּלאָנטערט קלייד אין דער לופֿט און ברענענדיקע ליפּן פֿון אַנגעצונדענעם גאַר, ביז זי איז גע־בליבן שטיין, פֿאַרן סאַמע דאָרף, אַ דערשטוינטע און דערשראָקענע פֿון דעם, וואָס אירע אויגן האָבן געזען. זיילן שטיקנדיקע נעפּל האָבן זיך געהויבן צום הימל, ווי געלער רויך פֿון טליִענדיק פֿייכט האָלץ און אָנשטאָט הייזער — צעוואַלגערטע חורבות אַרום וועלכע עס לויפֿן אַרום הינט און עטלעכע אַלטע ווייבער, וועלכע רייסן זיך מיט די נעגל די באַקן און גרויע האָר־פּאַסמעס פֿון זייער שיטער־געבליבע־נעם האָר־שויבער. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איז געבליבן פֿון דעם דאָרף דבליים.

גומר איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, נישט ווייט פֿון דעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען אַמאָל דאָס הויז פֿון איר שווער חנן, געקוקט אויפֿן צעוואַלגערטן אָנגעהויפֿטן באַרג, אונטער וועלכן עס איז גע־לעגן אַלץ, וואָס האָט איר געבונדן מיט אָט דעם אָרט און האָט נישט געפֿונען אין זיך קיין איין טרער פֿון צער, פֿאַר דעם נאַר וואָס צו שטאַנד געקומענעם חורבן. דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן דאָס דאָרף, די ערדציטערניש, וועלכע האָט באַגראָבן אונטער זיך איר איינציקע נעסט, האָט אויך אָפּגעווישט פֿון דער ערד איר אַלטן שווער

און דעם וואָס האָט געדאַרפט ווערן איר מאַן, יהושפט, וועמענס קינדהייט איז געווען פאַר איר ווי שטריק, וואָס בינדן זי צו צו אַ פעלז. דאָס אומגליק איז אויפגעגאַנגען פאַר איר מיט דער שאַרפ־קייט פון אַ חלף, וועלכער האָט איבערגעשניטן די שווערע שטריק פון איר געפאַנגענשאַפט און זי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. זי האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ הויכן, שאַרפן געשריי, ענלעך צו דעם גע־שריי, וועלכע עס לאָזן הערן פון זיך רויב־פויגל, ווען זיי פאַרהויבן זיך צום פליִען, און זיך שנעל אויסדרייענדיק, גענומען לויפן צוריק צום פעלד. אויפן וועג האָט זי געריסן פון זיך איר טרויער־שאַל, אים געוואָרפן הינטער זיך און דער ווילדער ווינט, וואָס האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן, האָט אים געריסן פון אירע לאַנגע שווערע האָר. דערנאָך איז זי געפאַלן אויפן פעלד אַ מידע און טרערן האָבן אָפּגעשווענקט פון איר האַרץ די לעצטע שרעק און דעם לעצטן טראָפּן צער.

ג

ווייט פון דעם דאָרף דבליים, באַוואַקסן מיט ווייכן ווילדגראָז און אַן איינציקן, צעוואַקסענעם לינדנבוים, איז געשטאַנען אַ שמאָל, טונקל געצעלט צונויפגענייט פון טרוקענעם שעפּסן־פעל און פאַר־פעסטיקט מיט עטלעכע גראָבע שטריק אַרום טרוקענע, שפּיציקע דרענגלעך. דער דאַך באַדעקט מיט בלעטער־צווייגן און באַשאָטנט פון ברייט צעוואַקסענעם בוים. דאָס אָרעמע, לייכטע געצעלט האָט אויסגעזען ווי אַ זומער־סוכה פאַר פלוצערן־היטער, צום באַהאַלטן זיך אין שאָטן קעגן דער ברענענדיקער היץ. אָבער קיין געוויקסן זענען אין דער געגנט נישט געזייט געוואָרן. דאָס דאָרף דבליים איז געלעגן חרוב און די לעבנגעבליבענע נאָך דער ערדציטערניש האָבן עס אין שרעק פאַרלאָזן און זיך געצויגן נענטער צום כרמל און צום טאָל פון יזרעאל, אויפצובויען אויף די פייכטע פעלדער זייער נייע היים.

אין דעם פאַרלאָזטן געצעלט האָט געוווינט גומר פון דבליים.

אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט. פּאַסטעכער האָבן אין שרעק אויסגעמיטן אָט די, פון גאָט געשטראָפטע געגנט און געמאַכט אַ גרויסן אומוועג אַרום חרובן דאָרף צו זייער וועג אַהיים. זי האָט געוווינט אין געצעלט, ווי אַ פאַרגעסענע שטוב־חיה, וועלכע איז מיטן חוש צוגעבונדן צום אָרט און פון איר געדעכעניש איז שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן די ווייטע אַנונג פון וואַלד, איר היים. אין שאָטן פון לינד־בוים איז זי געזעסן פאַרן געצעלט און געשפּינט דעם שעפּסענעם וואָל, וועלכן זי האָט צונויפגעקליבן ביי די ווייטע פּאַסטעכער אין די פעל־דער [illegible]עתן שערן די סטאַדעס. איר לעבן אין נויט האָט איר נישט געקימערט, ווייל אויסגעלאָשן איז געוווען איר האַרץ פון אַלע מענטש־לעכע פאַרלאַנגען.

עס פלעגט טרעפן און אַ פאַרבלאָנדזשעטער פּאַסטעך פלעגט דורכגיין דעם וועג און אַרויפקוקן צו איר געצעלט און צו דער זיצנ־דיקער פרוי ביים אַריינגאַנג. אַ פאַרשייטער שמייכל האָט זיך גע־שפּרייט איבער זיינע פאַרברענטע ליפּן. אַ יידישע פרוי טאָר נישט זיצן און שפּינען אין דרויסן פאַר דער טיר — האָט ער געטראַכט, געוויס האָט די דאָזיקע פאַרלאָזן די וועגן פון ווייבלעכער צניעות. גומר האָט נישט געוווּסט פון אָט דעם מנהג, אָבער ווען זי ווייסט אַפילו, וואָלט עס איר אויך נישט געקימערט. אויף דער גאַנצער פּרעמדער וועלט איז נישט געוווען קיין איינער, צו וועמענס רצון איר האַרץ וואָלט זיך געקאָנט בויגן. זי איז געוווען איינע אַליין און איר אַליינקייט איז איר אויסגעקומען מוראדיק פאַרשטענדלעך, ווי פאַר־שטענדלעך און נישט אָפּצופרעגן עס פאַלט אַ גזר־דין. זי האָט וועגן זיך נישט געקימערט. ווען די זון וואָלט פאַרגעסן אויפצוגיין וואָלט זי געבליבן ליגן אין דעם חושך, מיט צוגעשלאָסענע אויגן, פּונקט אַזוי פאַרשטענדלעך און רויק, ווי רויק זי האָט געזען איר איינזאַמ־קייט און אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשלעכן געביין. זי האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם פאָדעם פון שייכות פון איר מיט דעם אַרום.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אַ באַגאָסענעם פון רויטע פלאַמען פון

דער אָנגעקומענער שקיעה, איז אַ פּאַסטעך פֿאַרביי איר געצעלט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געקוקט אויף דער יונגער פֿרוי נעבן געצעלט און פֿאַרלעגן געשמייכלט. מיטן זעלבן שמייכל האָט ער זי געפֿרעגט, צי זי קאָן לעשן זיין דורשט מיט וואַסער. זי האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג צום קוואַל און נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן, ווידער געשפּינט איר געשפּין. ווען דער פּאַסטעך האָט געבראָכן זיין דאָרשט האָט ער זיך צו איר צוריקגעקערט און זיך אָפּגערופֿן צו איר:

— צי ווייסטו נישט, אַז אַ פֿרוי דאַרף נישט זיצן און שפּינען פֿאַר איר געצעלט? זי האָט אים נישט געענטפֿערט און ווייטער געשפּונען. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר יונג, אָפּגעברענט געזיכט, אויף איר שמאָלן כמעט קינדערישן גוף און אַ הייסער מאַנצבילישער פֿאַרלאַנג האָט זיך אַ קנויל געטאָן אין זיין האַרץ. ער האָט איר געפֿרעגט:

— ביסטו אַליין? אָן אַ מאַן?

— אַליין — האָט זי געענטפֿערט.

— דיין גוף שמעקט ווי גוטע בשׂמים — האָט ער איר געלויבט מיטן פּראָסטן לויב פֿון אַ פּאַסטעך־יונג, — אפֿשר וואָלסטו נישט פֿאַרמיטן פֿון מיר דיין געלעגער היינטיקע נאַכט?

זי האָט אויפֿגעהויבן אויף אים איר בליק פֿול מיט קאַלטער גלייכגילטיקייט און חוזק. וואָס מיינט ער, אָט דער פּאַסטעך־יונג? ער וויל געפֿינען פֿרייד אין איר לייב, וואָס איז שוין אויף אייביק אָפּגעשטאָרבן. איר שויס איז אויסגעברענט און טרוקן, ווי אַ מדבר־פֿעלד. וואָס זוכט ער, דער דאָרשטיקער פּאַסטעך־יונג, ביים אויסגעברענטן, אויסגעטריקנטן קוואַל?

אַ מאָדנער צו־להכעיס איז איר באַפֿאַלן. זאָל ער שטרעקן זיינע דאָרשטיקע ליפּן צו איר טרוקענעם קוואַל. זאָל ער ברענען אין זיין פֿייער און קיין פֿאַרלעשונג נישט געפֿינען. זאָל ער זיך אָנטרינקען מיטן גלייזקן פּיין אָנשטאָט מיט זאַפֿטן פֿון ליבע. זאָל ער קומען און נעמען דאָס, וואָס זי האָט אים נישט צו געבן.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים פול מיט שפּאָט, אויפגעשטאַ־
נען און זיך געלאָזט גיין צום אַריינגאַנג פון געצעלט. אַן אָנגעשפּאַנ־
טער איז ער איר נאָכגעגאַנגען און פאַרשווונדן מיט איר אונטערן
שאָטן פון די שעפּסענע יריעות.

ווען זי איז צוריק אַרויס פון געצעלט, האָט די זון שוין גענידערט אונטערן באַרג און קילע, לייכטע שאָטנס האָבן זיך צעשפּרייט אַרום געצעלט. אַ רויקע, ווי פריִער, האָט זי זיך געזעצט צונויפקלייבן דאָס געשפּין אַרום איר. זי האָט נישט געפילט אַז מיט איר איז עפּעס געטאָן געוואָרן און זיך געוווּנדערט, וואָס נעבן איר זיצט נאָך אַלץ דער פּאַסטעך־יונג. קאַלט און שטיל האָט זי אים געזאָגט:

— גיי אַהיים צו דיין הויזגעזינד, ווייל אָט איז שוין צוגעפאַלן דער שאָטן פון דער נאַכט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שפּיציקן טרוקענעם שאָפן־קעז און געלייגט צו אירע פיס. באַלעבאַטיש קלוג האָט ער איר געראָטן:

— דו דאַרפסט זיצן פאַר דיין געצעלט מיט אַ רעכטער, אָפּגעדעקטער ברוסט, וועלן די פאַרבייגייער וויסן אַז דו ביסט אַ קדשה און וועלן קומען צו דיר. דו קאָנסט פאַרשאַפן פרייד צו די פּאַסטעכער אין וועג און זיי וועלן נישט שפּאָרן פון זייער גאָב פאַר דיר.

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הוילן קאַלטן געלעכטער. דער פּאַסטעך האָט געניִדערט פון בערגל און זיך געלאָזט מיטן שמאָלן, פעלדישן וועג. און אין זיינע אויערן האָט געקלונגען דער אָפּענער, קאַלטער געלעכטער פון דער יונגער, נאַרישער זונה.

פון דעמאָלט אָן האָט זי אויפגעהערט נאָכצוגיין די סטאַדעס ביים וואַל־שערן און קלייבן דעם וואַל־אָפּפאַל. יונגע און עלטערע פּאַסטעכער, מיט דעם שטויב פון די וועגן אויף זייערע קליידער און צעברענטע געזיכטער פון זון און זאַמד, זענען געקומען צו איר געצעלט און זיך געזעטיקט פון איר אָפענעם קוואַל. זי איז געזעסן פאַר איר געצעלט מיט אַן אָפּגעדעקטער ברוסט און געטיילט איר געלעגער יעדן וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן. זי איז געלעגן מיט זיי אַ פאַרשטיינערטע, אַ נישט־דאַיִקע, נישט פילנדיק קיין ווייטיק פון פרעמדן, באַ־

צאָלטן באַריר פון איר לייב. איר האַרץ האָט נישט אויפגעציטערט ביים מעגלעכן אָנגעשטורעם אויף איר גוף און איר ברוסט איז גע־בליבן קאָלט און טויט אין די גראָבע דלאָניעס פון די פּאַסטעכער, צעשפּאָלטענע פון פעלדישן געבראַנד. זיי האָבן געטרונקען פון איר גוף און זיך נישט געזעטיקט, און נישט געזעטיקט זענען זיי ווידער געקומען זיך איינבייסן אין חסד פון איר לייב. און זי האָט זיי גע־לאָזט נעמען אַלץ, נישט געבנדיק גאָרנישט פון דעם, מיט וואָס אַ צעשטראַלט האַרץ פון אַ ווייב איז געבענטשט. דערנאָך האָט זי גע־נידערט צום קוואַל, אָפּגעוואַשן פון איר גוף דעם אָנגעטראָגענעם שטויב און געגעסן איר מאָלצייט פון געשענקטן ברויט און ווייַן. קייענדיק פון טרוקענעם שעפּסן־קעז זענען פאַר איר דמיון געקומען די פּאַסטעכער, וואָס האָבן געטראָטן מיט זייער גוף איר געלעגער אין משך פון טאָג. און אויסגעזען האָבן זיי אין אירע אויגן ווי די שטומע, טעמפּע שאָף, פון וועמענס וואָל דער מענטש מאַכט זיך אַ קלייד און זייער פליש און מילך פאַרטרייבט זיין הונגער. זי האָט נישט געפילט צו זיי קיין פאַרדרוס און מיטלייד. זיי זענען געווען פאַר איר דער שטויביקער וואָל, פון וועלכן דער שפּינער ציט זיין אָרעמע חיונה. ווען עס האָט זיך געמאַכט און די נאַכט איז געווען אַ פרייע, און אויף איר געלעגער איז זי געווען איינע אַליין, איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן צום שיטערן באַדעקנס פון געצעלט און אַרויפגעקוקט צו די איינצלנע גרינע שטערן, וועלכע האָבן אַריינגע־שיינט צווישן דעם געבלעטער. זי האָט געוווסט, אַז די שטערן דאָס זענען די אויגן פון גאָט, מיט וועלכע ער קוקט אַראָפּ אויף דער וועלט. האָט זי אָפּגעדעקט פאַר די שטערן איר לייב, און געלאַכט איר גע־לעכטער אַן אָנגעשפּיצטן מיט שאַרפן שאָדן־פרייד: אָט אַזאַ בין איך, אַ קדשה, קומט און נעמט מיך, איר אויך, אויב איר ווילט... דערנאָך איז זי איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן טרוקענעם שלאָף אָן חלומות. אָבער דאָס איז געווען נאָר אין די זעלטענע, פרייע נעכט. ביי טאָג איז זי געזעסן אונטערן שאָטן פון צעצווייגטן לינדנבוים, מיט אָפּ־געדעקטער ברוסט, וואָס האָט מיט איר טרויבן־פולקייט גערופן צו

לוסט. אין דער גאַנצער געגנט האָט מען זי געקענט. פֿאַסטעכער האָבן דערציילט וועגן איר ווונדער. מען האָט גערעדט וועגן איר רונדן גוף, וואָס פֿאַרשיכורט און זעטיקט נישט אָן. דער פֿאַסטעך טרינקט פֿון איר חסד־בעכער און מוז מאָרגן ווידער קומען. איר נאָמען איז זיך צעגאַנגען איבער דער געגנט מיט דער פֿאַרטייעטער פֿאַרכטיקייט פֿון פֿאַרבאָטענעם כּישוף. די פֿאַסטעכער האָבן זיך געצויגן צו איר מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם דראַנג פֿון ווערן דערגיין איר טיפֿן סוד. זיי זענען אַוועק פֿון איר צערייצטע און אַנגעשפּאַנטע און צו די וואָרצלען פֿון איר סוד זיך נישט דערשלאָגן. איר נאָמען איז נישט אַראָפּ פֿון זייערע ליפּן, נישט ביי טאָג אין פֿעלד און אפֿילו אין זייערע שווערע פֿאַרהאָרעוועטע חלומות. אַ סוד־גלי האָט זיי אַרומגענומען: גומר, די זונה פֿון דבליים.

און זי האָט געלעבט איר טעמפּ, אָפּגעשטאָרבן לעבן. די זון־אויפֿגאַנגען האָבן זי נישט דערפֿרייט און איר אונטערגאַנג האָט איר נישט געמאַכט טרויעריק. איר וועלט איז איינגעשרומפּן געוואָרן צווישן צעטיילטן פֿרעמד־צעטראָטענעם געלעגער און דעם רויקן קוואַל וואָס ריזלט פֿון יענער זייט בערגל. דאָרט האָט זי געוואַשן דעם שטויב פֿון איר לייב און זיך אומגעקערט צו איר געצעלט, ווי אַ נע־ונדע חיה אין איר נאָרע. זי האָט געלעבט מיט דעם שטומען, פֿאַרטייעטן לעבן פֿון דעם לינדנבוים וואָס ביי איר געצעלט, אין וועמענס אָדערן עס קוועלן זאַפֿטן, אָבער זיי זענען פֿאַרבאָרגן, סיי פֿאַרן מענטשלעכן אויג און סיי פֿאַר זיך אַליין. איר ווייבלעכער באַגער איז אָפּגעשטאָרבן און איז געוואָרן צו דומם. אירע יונגע רונדע גלידער, אויפֿגעגאַנגענע פֿון טייך מיט צעפֿינקלטער זוניקער ברוינקייט, איז פֿאַר איר אַליין געווען ווי אַ פֿרעמדער ווייטער ווונדער.

איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט, איז זי געזעסן ביים ברעג טייך. די אונטערגייענדיקע זון האָט באַדעקט דעם וואַסער־פֿלאַך מיט אַ רויט גאָלדיקן פֿלאַם. זי האָט געטונקט אירע באָרוועסע פֿיס אינעם קילן וואַסער. קליינע, פֿלינקע פֿישעלעך האָבן געשטיפֿט אַרום אירע פֿיס און זי איז קינדיש מיטגעריסן געוואָרן פֿון זייער פֿלינקן געלויף. זי

האָט געוואָרפן ברעקלעך אין וואַסער און נאָכגעקוקט די פישעלעך אין זייער גיכן, פלינקן קרייזן. אַרום איז געווען אַ פריש־קילע שטיל־קייט פון אַ סוף־זומערדיקן טאָג. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם זאָרגלאָזן אַרומגעלויף פון די קליינע ברואים אין וואַסער און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט אָט, ווערט זי אַליין פאַרוואַנדלט אין איינס פון זיי, טוקט זיך אַפּ אין שטראָמיקן טייכל און לאָזט זיך מיט די פישעלעך אין ווירבלדיקן קרייז. פּלוצלינג האָט זי אויפגעציטערט, ווי עפּעס אַן אומגעזעענער כוח וואָלט זי געפּאַנגען און באַצווונגען. זי האָט אויפגעהויבן איר בליק און דערזען נעבן זיך שטיין אַ מאַן, מיט אַ ברייטן אָפענעם בליק. זי האָט געוואָלט אויסשרייען, נאָר עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם, ווי דאָס געשריי־וואָרט וואָלט שטעקן גע־בליבן אין איר קעל. איז זי געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקע און ווידער אַראָפּגעלאָזט איר בליק צום שקיעה־פאַרפלאָמטן וואַסער־שפּיגל. אויך דער געקומענער איז אַ ווייל געשטאַנען שטיל און געקוקט דאָ אויף איר און דאָ אויפן צעשפּילטן טייך. דערנאָך האָט ער זי באַגריסט:

— פרידן צו דיר, טאָכטער פון באַרג און טאָל.

אין זיין קול איז געווען געזאַנג און געבעט. און געדאַכט האָט זיך איר, אַז דאָס קול קומט פון ערגעץ וייט, ווי אַ ווידערקול פון ווייטע הויכע בערג. אַ פאַרשעמטע איז זי אויפגעשטאַנען פון אָרט, און מיט די סאַנדאַלן אין די הענט, זיך געלאָזט גיין צו איר געצעלט, פילנדיק די נאָענטקייט פון דעם פרעמדן נעבן זיך, ווי דעם קילן שאָטן פון אַנקומענדיקן אָוונט.

ער איז געווען הויך און שלאַנק. זיין ווייס, ליינען קלייד איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן גאַרטל, אַ געפלאָכטענעם פון קעמל־האָר. ברוינע שווערע לאָקן זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויף זיינע אַקסלען, אויף זיין ווייסן בגד, און זיך געווינטיקט אין פאַרנאַכטיקן ווינט ווי לעבעדיקע, טונקעלע טויבן. זיין געזיכט איז געווען לענג־לעך און בלאַס, ווי איידעלער געשניץ אין ביין. נאָר זיינע ברייטע, ברוינע אויגן האָבן געלויכטן אין דעם בין־השמשות ווי צוויי טונ־קעלע פאַרטייעטע ליכטער, מיט זיסן גלאַנץ פון מאַנדלען. ער איז

געגאַנגען נעבן איר געלאָסן און זיך געשפּילט מיטן געפלאָכטענעם ברעג פון זיין ברייטן גאַרטל. און אַזוי שווייגנדיק זענען זיי צוגע־קומען פאַר איר געצעלט.

ער איז געבליבן שטיין און אַ קוים באַמערקבאַרער אומרו האָט אַ שפּיל געטאָן אין זיין בליק. זי איז אַריין אין געצעלט, באַלד צוריק אַרויס און אים אָנגעקוקט מיט אַ שטומען בליק אין די אויגן. עס איז קענטיק געווען, אַז זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס האָט געדויערט נאָר אָן אויגנבליק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אויסגעבעטן שטיין וואָס פאַר דער טיר פון געצעלט. פולע ברוסטן ווי רייפע ברוין־גאָלדיקע מילגרוימען האָבן אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו זיינע טריט און אַ לייכטע רויטקייט האָט באַדעקט זיין בלאַס געזיכט. ער האָט אַרויס־געפּליסטערט:

— אַ קדשה?

— אַ זונה — האָט זי אָפּגעענטפערט נישט הויך און אַ ציטער געטאָן פאַר איר אייגן שטיל קול.

דער פרעמדער האָט זיך באַהערשט. קוקנדיק ערגעץ אין דער ווייט, דאָרט ווו די זון איז נאָר וואָס געהאַט אונטערגעגאַנגען, האָט ער גערעדט:

— שטיל און פּאַרכטיק זענען די וועגן פון אונדזער לאַנד נאָכן אונטערגיין פון דער זון. אין אַזאַ שעה הערסטו ווי די מלאכים גייען אין הימל, צינדן אָן די ליכטיקע שטערן, צו באַלייכטן דעם מענטש זיין נאַכטיקן אומעט.

זי האָט נישט געוווסט צו וועמען ער רעדט. אויסגעוויזן האָט זיך איר, אַז אַ חוץ זיי ביידן, געפינט זיך דאָ נאָך ערגעץ אַ דריטער. ער געפינט זיך דאָרט, ווו עס איז איצט געווענדעט דער בליק פונעם פרעמדן. צו אים רעדט ער די דאָזיקע זינגענדיקע רייד. האָט אויך זי געקוקט אין יענער ריכטונג, ווו די זון איז אַוועקגעפאַלן און זיך איינגעהערט אין זיינע רייד, ווי אין אַ ווידערקול פון אַ ווייט געזאַנג. ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב גערן צו שפּאַצירן אין דער פּאַרנאַכטיקער שטיל־קייט. דער שטויב פאַלט אָפּ צו דער ערד און די לופט ווערט גע־לייטערטער, טונקעלער דורכזיכטיקער זילבער. אַ שטילע שירה פון בוים און פעלד גיסט זיך דיר אין האַרץ און דעמאָלט דערפילסטו דעם חסד פון גאָט.

דערנאָך האָט ער צוריקגעווענדעט זיין געזיכט צו איר און מיט אַ ווייכער שטים געזאָגט:

— פאַרדעק דיין ברוסט, טאָכטער. די שיינקייט פון אַ פרוי איז אין איר צניעות.

זי האָט אויפגעציטערט. וועגן וועלכער צניעות רעדט דער פרעמדער? זי האָט פאַרדעקט איר אַנטבלויזטע ברוסט און געפילט ווי די נאַכט פאַלט אַראָפּ אויף אירע אַקסלען ווי אַ געוואַנד. די נאַכטיקע פינצטערניש האָט זיי ביידן איינגעהילט אין איר טונקל־קלייד און זיי האָבן קוים זיך געזען. בלויז זייערע אויגן האָבן געגליט קעגן זיך, ווי גלי־פלאַטערלעך, וועלכע באַלייכטן זיך אַליין מיט זייער פאַספאָר־ליכט. זי האָט נישט געפורכט פאַר דעם מאַן. די נאַכט איז אַ שטילע און אַ פינצטערע, זי וועט נישט אַוועקנעמען פון איר דעם פרעמדן, וועלכער איז אַזוי פאַרשטענדלעך און אומפאַרשטענדלעך צוזאַמען, רעדט צו איר רייד, ווי געדעמפטער ריח פון פעלדבלומען און זיין קול איז ווי העלער געזאַנג אין דער דאָזיקער נאַכט.

דער פרעמדער איז געזעסן און געשוויגן, גאָרנישט געפרעגט און גאָרנישט פאַרלאַנגט. ער האָט זיך געשפּילט מיט אַ טרוקן צווייגל צווישן זיינע לאַנגע פינגער. פּלוצים איז ער אויפגעשטאַנען, געקוקט אויף דעם ווייבלעכן שאָטן און געזאָגט:

— פרידן צו דיר, טאָכטער פון באַרג און טאָל. גיי רוען אויף דיין געלעגער און זאָלן די שטערן דיר ברענגען די געבענטשטע רו, וועלכע גאָט שיקט אין זיין חסד, צום מידן מענטש אויף דער ערד.

מיט אַ לייכטן גלייכן טראָט האָט ער זיך געלאָזט פון בערגל אַראָפּ מיטן שמאָלן שטעג און ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן אין ווייטן, טונקעלן פלאַכלאַנד.

גומר האָט אים נאָכגעקוקט, שטייענדיק ביים אַריינגאַנג צו איר געצעלט מיטן בליק אין ווייטן חושך, ווי זי וואָלט אים נאָך געזען אין דער ווייט. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען זיינע רייד, ווי פון אַ לאַנג געהערטע און פּלוצלינג צוריק אויפגעוואַכטע נגינה. מיט מידע טריט האָט זי אַריינגעשלייכט אין געצעלט און זיך געלייגט אויף איר געלעגער.

זי האָט שטיל געוויינט. די טרערן זענען איר אַראָפּגעפלאָסן און זי האָט זיי נישט אָפּגעווישט. זי האָט געפילט, אַז דאָס זענען ריינע דערלייזערישע טרערן, וואָס שווענקען אָפּ איר געזונקען, הפקרדיק לעבן. זי וועט זיך רייניקן אין זיי, ביי די שטומע עדות פון די גרינ־ציטערדיקע שטערן און וואַרטן אויף אים, אויף דעם פרעמדן, וואָס וועט צו איר קומען און איר דערהויבן פון איר פּיין.

ער איז געקומען. ס'איז געקומען אַ מאָרגנדיקער טאָג און אַ סך אַזעלכע טעג און ער איז געקומען צו איר, מיט זיין פינקלדיק ווייס קלייד און ברוינע, פלאַטערנדיקע לאָקן, געגעסן מיט איר זיין ברויט און וויין ביים ברעג פון פליסנדיקן טייכל און געשמייכלט צו איר מיט זיין וואַרעמען שמייכל פון חסד און רו. ווי אַ יונגע בלום אין דער לייטזעליקער זון איז זי אויפגעלויכטן אונטער זיינע רייד. אַ קינדערישע צעשפּילטקייט האָט געריזלט פון אירע אויגן און די ליכטיקע שיין פון טאָג איז פאַר איר אויפגעקומען ווי אַ גרויסער חסד פון גאָט. זי האָט פאַרטריבן די גראָבע פאַסטעכער פון זיך, אַרויסגעשליידערט פון געצעלט זייערע אָנגעטראָגענע גאָבן און פאַר־שלאָסן פאַר זיי דעם צוטריט צו איר אויפגעוואַכט, באַנייט לייב. איצט איז זי געזעסן ביים ברעג פון טייך מיט אים, מיט דעם, ווע־מענס ברוינע ברייטע בליקן שטראָמען אויס פון זיך אַ קוואַל פון גוטסקייט און וועמעס רייד זענען לויטערע שירה. און ער האָט גע־גלעט איר קאָפּ מיט גרויס ליבשאַפט און גערעדט:

— אַ חסד האָט געטאָן מיטן מענטש דער האַר און באַשעפער פון דער וועלט. ער האָט אים געגעבן אַ נשמה, וואָס קען מיט שמו־ציקע וואַסערן נישט פאַרפלייצט און פאַראומרייניקט ווערן. עס איז

געגוג נאָר אויסצוטאָן פון זיך די טעגלעכע בגדים פון זינד און שוין זעסטו דעם מענטשנס נשמה לייכטן מיט דער קלאָרקייט פון מאָרגנ־שטערן.

איין מאָל זענען זיי געזעסן ביים ברעג פונעם טייכל און גע־טונקען זייערע באָרוועסע פיס אין קלאָרן, קילן וואַסער. זי האָט צוגויפגעלייגט אירע דלאָניעס און אָנגעשעפּט אַ הויפן וואַסער און געוואָלט עס צוטראָגן צום מויל. פּלוצלינג האָט זי דערזען אַ קליין פישעלע זיך ראַנגלען אינעם וואַסער־הויפן פון אירע צוגויפגעלייגטע הענט. מיט קינדערישער פרייד האָט זי אים צוגעטראָגן די הענט האַרט פאַר זיין פּנים:

— זע, ווי שיין און פלינק עס שפּרינגט אין מיין האַנט.

דאָס פישעלע האָט געמאַכט אַ לייכטן שפּרונג. זי האָט געלאַכט. פּלוצלינג איז איר געלעכטער פאַרשטאַרט געוואָרן. אויסשטרעקנדיק זיינע הענט, האָט ער אירע הענט אָנגענומען אין זיינע און קוקנדיק אַ ווייל אויף אירע פינגער, צוגעטראָגן אירע הענט צו זיינע ליפּן. זי האָט אויפגעציטערט:

— ניין, ניין! מען טאָרף נישט!

און עס איז געווען ווי אַ לייכטער וואָלקן וואָלט זיך פאַרצויגן איבער זיין בלאַס געזיכט. זיינע ליפּן האָבן זיך עטוואָס צעעפנט און זיין בליק איז געוואָרן פאַרטונקלט, ווי איבער אים וואָלט אַדורך אַ לייכטער, פאַרביישוועבנדיקער וואָלקן. ער האָט איר אַרומגענומען אין זיינע צעוואַקסענע, מענערישע אָרעמס און אויסגעשטרעקט זיינע דורשטיקע ליפּן צו אירע דערשראָקענע ליפּן. זי האָט געפילט ווי די כוחות פאַרלאָזן איר און אָט באַלד ווערט זי געשליידערט אין אַ תהום פון חושך. אָן אויפגעשטורעמטע האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און זיך געלאָזט צו איר געצעלט. דאָרט איז זי אָוועקגעפאַלן אויף איר געלעגער און געיאָמערט. ער איז נאָכגעקומען, זיך גע־שטעלט איבער איר און געפליסטערט:

— גומר, וואָס איז די שרעק וואָס טוט נעסטיקן אין דיין האַרץ?

— גיי אַוועק — האָט זי זיך געבעטן אין טרערן. דו ביסט נישט גלייך מיט יענע, דו ביסט אַן אַנדערער, דו ביסט אַ ריינער און נישט פאַר דיר איז אָנגעברייט מיין טמא לייב...

און זאָגנדיק דאָס, איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט זיך אויפ־געזעצט אויפן בעט און אים אָנגעקוקט מיט אירע טונקעלע, צעשראָ־קענע אויגן. ערשט איצט איז איר אויפן זינען געקומען, אַז זי קאָן אים ווייניק, ווייסט נישט ווער ער איז און פון וואַנען ער איז צו איר געקומען. האָט זי מיט אַ ציטערניש אין האַרץ געפרעגט:

— זאָג מיר, ווער ביסטו, פון וואַנען ביסטו געקומען צו מיר?

און ווידער איז ער געשטאַנען איבער איר און געשמייכלט:

— ווער איך בין? צי ווייס איך ווער איך בין? איך גיי נאָכן אַקער אין פעלד און נאָכן זונשטראַל אין הימל. קוק זיך צו צו די פריידן און פּיינען פון פאָלק ישראל און זוך דעם שורש פון גוטס און שלעכטס. טייל מאָל ברויזט אויף מיין האַרץ מיט הייסער ליב־שאַפט און טייל מאָל מיט אָנמאַכטיקן פאַרדאַרבנדיקן צאָרן. איך זוך דאָס ליכט דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין ליכט און וויל דערטרינקען דעם חושך מיטן בלוט פון מיין האַרץ. צי ווייס איך ווער איך בין?

— אַ נביא! — האָט זי אויסגערופן און געבליבן זיצן אין שרעק אַ פאַרשטאַרטע. אַ נביא?

— איך ווייס נישט. נאָר גוט וועט זיין, ווען עס וועלן מקוים ווערן די ווונטשן פון מיין האַרץ.

זי האָט דערפילט ווי אונטער איר האַרץ פאַרגייט אַ שניידנ־דיקע שוואַכקייט און פאַרשטייפט אירע גלידער. איז איר באַפאַלן אַ שרעק צו זיין אין געצעלט מיטן געטלעכן מאַן. אין האַלדז האָט איר געשטיקט אַ געשריי. טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון אירע אויגן און איר דעם אָטעם פאַרשלאָגן. דורך טרערן האָט זי זיך געבעטן:

— גיי אַוועק, געטלעכער מאַן, גיי אַוועק, עס איז צו פיל ליכט פאַר דיין אָרעמער, זינדיקער דינסט.

אַ קניִענדיקע אויפן ראַנד פון איר געלעגער, האָט זי פאַר־גראָבן דאָס פּנים אין די הענט און ביטער געוויינט.

ד

ער איז געשטאַנען אויפן דאַך פון זיין קליינעם שטיבל און גע־קוקט צו די שטערן. אין זייער קאַלט גרין ליכט, אין זייער געדאַכ־טער אומבאַוועגלעכקייט האָט ער געלעכצט צו געפינען דעם פאַר־באָרגענעם פאָדים, וואָס בינדט דעם וועלטלעכן באַשטאַנד אין איין שלימות. ער האָט געטראַכט: „ווי פאַרהוילן זענען די וועגן פון לעבן, אויף וועלכע עס טרעט דער מענטש. אָט טוט ער זיינע טוונגען מיט שׂכל און מחשבה און עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן לויט זיין רצון און מענטשלעכער באַשטימונג. דער מענטש, ווי דער פויגל איז, הייסט עס, פריי צו טאָן וואָס ער וויל. אויך די שטערן זענען פרייע ליכטער אין הימלישן געוועלב, לייכטן מיט זייער קילער געזעצמעסיקייט שטיל און שטרענג. אָבער צי איז עס אַזוי? צי איז דער פויגל פריי אין זיין פליִען? אין זיין טעגלעכער שירה? איז עס נישט די סיבה פון אַלע סיבות, וואָס באַפעלט די שטערן צו לייכטן און דעם פויגל צום זינגען זיין געזאַנג? און דער מענטש, אָט די געטלעכע קרוין פון זיין יצירה, צי געפינט ער זיך נישט אין זיין געהיימען סיבוב, אין זיין פאַרפּישופּטן קרייז און אין אים באַוועגט ער זיך לויטן ווילן פון דער זעלבער געהיימער סיבה?

אַ געוואַלדיק־שטאַרקער כוח שפּראַצט פון אים, פון מענטש, ער איז בכוח צו בויען וועלטן און זיי צעשטערן. אויפלעבן דעם דומם און צום לעבן רופן דעם צומח, ער איז דער הערשער פון דער חיה אין וואַלד און פון דער ווידמונג אין ים. אָבער צי קען ער הערשן איבער זיין אייגן האַרץ, איבער זיין אייגן בלוט, וואָס רופט אים פון אירע געהיימנישן אַרויס און הייסט אים טאָן מעשׂים, קעגן מחשבה און פאַרשטאַנד? ווי גרויס דאַרפן זיין די רחמים פון גאָט, אין וועלכע עס נויטיקט זיך די קרוין פון זיין באַשאַף — דער מענטש!

ער קוקט אויף די שטערן און פאַר זיין דמיון שווימט אויף זי, דאָס מיידל גומר, פון דעם חרוב געוואָרענעם דאָרף דבליים. ער זעט זי און אַ גרויס רחמנות גייט אויף אין זיין האַרץ צו איר. גאָטס

שטראָפנדיקע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר דאָרף און חרוב געמאַכט איר היים. ווער האָט דאָס דאָזיקע מיידל, נאָך אַ קינד כמעט, פֿאַרטריבן צום אָפּגרונט פֿון זנות, אויב נישט יענע אומגע־זעענע סיבה, אין וועלכע עס איז געפֿאַנגען דער גאַנצער מענטשלע־כער באַשאַף? און אירע שוואַרצע רויקע אויגן זענען דאָך אַזוי אומ־שולדיק און ריין פֿון זינד! איר קינדערישע נישט אויסגעלעבטע פֿרייד איז נאָך געבליבן אין דער שאָל און נאָך נישט אַרויס צום שיין פֿון דער וועלט. וואָס איז דער כוח, וואָס האָט פֿאַרלאָשן דאָס ליכט אײדער עס האָט אויפֿגעלויכטן?

און זי איז ווי אַ יונגער אינד, אַ דורשטיקער ביי אַ קוואַליק וואַסער. איר קליינער קאָפּ אונטער דער האָר־קרוין פֿון די פֿאַרפֿלאַכ־טענע צעפּ שמעקט מיט פֿעלדבלום און קילן פֿאַרנאַכט. איר שמאָלער, רונדער גוף איז ווי די ווערבע ביים טייך, וואָס שאָטנט אַרום זיך מיט וואַרעמען שאָטן און שטילן דממה־דקה־געזאַנג. ווי אַ בלום אין פֿרימאָרגן זענען אירע קליינע פֿולע ליפּן צעעפֿנט מיט קינדערישן גלויבן און וואַרעמען גלעטנדיקן חסד. נישט שוין זשע קאָן פֿאַר־טונקלט ווערן אָט די פֿראַכטיקע יצירה פֿון גאָט?

און פּלוצלונג האָט ער דערפֿילט אַ ווייטיקלעכע בענקשאַפֿט צום ווייטן מיידל, צו אירע קליינע הענט, צו אירע נאַקעטע פֿיס אין טייך און צו איר שמאָלן, מיידלשן גוף. ער האָט זי דערזען ווי אַ קליינע פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף, אויף אַ וויסט פֿעלד. ער וואָלט זי צוגעטוליעט צו זיך, אַרונטערגענומען אונטער זיין בגד צו דער שוץ קעגן די וויסטענישן. זיינע פּילונגען האָבן אים דערשראָקן: נישט שוין זשע האָב איך זי ליב באַקומען, אָט דאָס הפקר־מיידל פֿון לינדנ־בוים־געצעלט ביי דבליים?

אַ סך נעכט זענען פֿאַרביי זינט ער האָט זי צום לעצטן מאָל געזען און זיך מער נישט צוריקגעקערט צו איר. אירע טרערן האָבן מיט זייער צער זיין האַרץ צעריסן און ער האָט נישט געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן איר. „גיי אַוועק, דו געטלעכער מאַן" — האָט זי אים געזאָגט. און ער איז אַוועק און מיטגענומען מיט זיך זיין אומרו.

אָבער אין די אַלע לאַנגע נעכט האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן איר. פון אונטער אַלע זיינע דמיונות איז זי אים אָפּערגעקומען מיט איר יונג־פרוילעכער וואַרעמקייט אין די גלידער און אומשול־דיקער פרייד אין אירע אויגן.

ווו הייבט זיך אָן דער וועג, וואָס פירט צום אָרעמען, ליידנדיקן מענטש און וועלכע איז די טרייסט, וואָס מען דאַרף אים ברענגען? ער הייבט זיך אָן, דער וועג, ביי זיך אין האַרץ, פון דאָרט דאַרף מען זיך אָנגעמען מיט ליכט און חסד און גיין עס טראָגן אויף די הענט, ווי די איינציקע מתנה פון גאָט. פאַרהוילן זענען די וועגן פון גאָט און פאַרבאָרגן זענען די פעדים אין וועלכע ער האָט פאַרשפּונען דעם מענטש, אויפצופלאַטערן אָדער אַראָפּצוזינקען אין נעץ פון פאַרבאָר־גענעם געוועב. די שענסטע בריאה פון גאָט, דער מענטש, איז גע־פאַנגען פון גורל, וואָס פירט מיט אים, מאַכט אים זינגען זיין שירה און וועקט אויף אין אים דעם חיהשן געברום. ווי קאָן מען דערוועקן אין אָט דעם געשטאַלט דאָס שיינע און חסדימדיקע; דערשטיקן אין אים דאָס אייטעלע און נידעריקע אויב נישט מיטן ליכט און פלאַם פון אייגן אויפגעלויכטן האַרץ? און דעמאָלט קאָן דאָך דאָס ווונדער געשען: דער וואָס האָט אויערן וועט דערהערן און דער וואָס האָט אַ האַרץ וועט דערפילן. ער וועט דערזען די יצירה פון גאָט אין איר פאַרגאַנצקייט, אין איר אויפגעלויכטענער שלימות, ער וועט זיך אַליין דערזען ווי אַ ליכטזייל. און אַ פרייד וועט אין אים אויפגיין. אַ פרייד פון דערזען דאָס גרויסע ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון אים אַליין, און אַ ציטערניש וועט אין אים אויפגיין, דאָס ליכט זאָל נישט ווערן גע־מינערט צוליב זיין יחידישער פגימה. און דעמאָלט, דעמאָלט וועט דער מענטש אויפגיין צו דער מדרגה פון איבערשיינען און פאַרטונק־לען מיט זיך דאָס ליכט פון די מלאכים אין הימל.

ער קוקט אין די קילע שטערן און טראַכט: שווער איז דער וועג צום פאַרבאָרגענעם ליכט און נאָך שווערער איז דערטראָגן אים צו דער פינצטערניש פון מענטשלעכן געצעלט. אָט גייט ער, דער נביא, צווישן פאָלק און וויל עפענען פאַר אים זיין האַרץ. אָבער וואָס

קומט אַרויס דערפון? ער זעט דעם אָרעמען מענטש אין זיין מי און זיין האַרץ ווערט פאַרקלעמט פון יסורים. די צעהוליעטע קעניגין־משפחה אויפן כרמל־באַרג זינקט אין מענטשלעכער געפאַלנקייט און אין בלוט. וואָס פאַר אַ נביא איז ער, וואָס קאָן נישט קומען צו אַלע־מען גלייך מיטן וואָרט פון חסד און רחמים, פון הייסער באַפרייערי־שער שירה און טיפער ליבשאַפט פון האַרצן אויס? פאַר וואָס מוז ער זיין צעשפּאָלטן אויף צווייען, אַ צוזאַמענשטעל פון ליבשאַפט און האַס, פון רו און אויפברויז, פון חסד און שטראָף! איז עס מעגלעך, אַז אויך ער, דער נביא, איז נאָך אַלע זיינע יסורים נישט אַרויף אויפן וועג פון שלימות? צי איז עס אַמאָל נישט דער שקר, וואָס שיקט אים אויפצוגיין צום פאָלק און רופן אים צום וועג פון נחמה, בעת ער אַליין האָט נאָך זיין טרייסט נישט געפונען — און זיין האַרץ איז אַ געשפּאָלטענער קרוג, וואָס קאָן נישט אויפהאַלטן זיין ווייַן?

די מחשבות פילן אים אָן מיט פּחד. ער זעט זיך אַ פאַרלאָרע־נער אין דער נאַכט, אַ פאַרטרונקענער פינצטערער פּונקט אין דער אַרומיקער פינצטערניש. צי נידער איך נישט אַמאָל אין דעם טאָל פון טויט? — ציטערט ער אויף אין פּחד.

און דאָ גייט אויף פאַר אים דאָס געדעכעניש וועגן מיידל פון דבליים. אַ גרויס ליכט גייט אויף אין זיין האַרץ און דערהויבט אים איבער דער פינצטערניש. ער וועט קומען צו איר, זי אַוועקטראָגן אויף זיינע הענט צו זיך אין הויז, זי וועט זיין פאַר אים דאָס זונליכט, אין וועלכן ער וועט זיך לייטערן און די געטלעכע כלי-נגינה אויסצו־שפּילן זיין ליכטיקן ניגון פאַר דער וועלט. פון איר געפאַלנקייט וועט ער זי דערהויבן און דערטראָגן זי צום גרויסן שיין פון טאָג, ווי מען טראָגט אַ טייערן אוצר, אַ געראַטעוועטן פון די טיפענישן פון ים. נישטאָ קיין געפאַלנקייט אין מענטשלעכן זיין — וועט ער אויסרופן. עס איז נאָר פאַראַן אַ פינצטערניש, וועלכע פאַרגייט און פאַרשווינדט ביים אָנקום פון ערשטן שטראַל ליכט. און ער וועט דאָס דאָזיקע ליכט אָנצינדן. ווען ער איז אַראָפּ פון דאַך, האָבן איינציקווייז זיך שוין גענומען לעשן די שטערן. דער מזרח־ראַנד פון הימל האָט גע־

נומען שיינען מיט אַ בלאַס, מילכיקן שיין. באַלד האָט זיך די בלאַסע שיין געביטן אין אַ ראָז־פּיאָלעטן קליינעם פלאַם און כהרף־עין האָט די פאַרבאַרגענע זון אַרויסגעשאָסן צום ברעג הימל אַ שאַרפן העלן שיין. אַ האַלבער הימל איז פאַרפּליצט געוואָרן מיט שאַרפן זונליכט, ווייל אין דעם לאַנד כנען קומט אָן דער טאָג מיט פּלוצלינגדיקער אַנגעשטורעמטער גבורה. ער איז אַראָפּ צום שמאָלן וועג הינטער זיין הויז און זיך געלאָזט גיין צום קוואַל. אַ געטובלטער אין קילן פרי־מאָרגן־וואַסער האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן בערגלדיקן וועג צו דעם געצעלט אונטערן לינדנבוים, צו דעם מיידל פון דבליים. ער איז געגאַנגען געלאַסן, מיט אַ רויקער פרייד אין האַרצן און די זון איז אים אַלץ מער אויפגעגאַנגען אַנטקעגן.

זי האָט אים דערזען פון דער ווייטן, אַרויפגייענדיק אויפן בערגלדיקן שטעג. האָט זי געמאַכט עטלעכע שפּאַן קעגן אים און גע־בליבן שטיין. און ווען ער האָט זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי געבויגן פאַר אים דעם קאָפּ מיט יענער זיסער הכנעה, וואָס אַ קינד בייגט זיין קאָפּ אונטערן צערטל פון מאַמענס האַנט. ער האָט זי אַנגענומען פאַרן האַנט און מיט איר, שווייגנדיק אַוועקגעשפּאַנט אין דער ריכטונג פון זיין געצעלט, איבערלאָזנדיק איר לינדנבוים־ביידל אויף הפקר, צום צעטראָגן ווערן פון ווינט. נישט ער און נישט זי האָבן זיך אומגעקוקט אויף צוריק און נאָר געשפּאַנט, פאַרויס מיטן בליק צום ליכט וואָס איז אויפגעגאַנגען אין זייערביידנס האַרץ. ווען זיי זענען אַנגעקומען פאַר זיין געצעלט האָט ער איר געזאָגט: גומר, פון היינט אָן פאַרקנס איך דיר צו זיך אויף שטענדיק און וועסט זיין מיין ווייב. זי האָט געטוליעט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און צוגע־שלאָסן די אויגן, עלעהיי זי וואָלט מורא געהאַט נישט פאַרבלענדט צו ווערן פון דעם ליכט, וואָס איז אין איר אויפגעגאַנגען.

ה

ער איז געגאַנגען צווישן די פּאַסטעכער אין פעלד, צווישן די

ליים־טעפּערס אין שטאָט, צווישן די מיליטערישע מושלים און דינער פון קעניג און האָט זיי געטראָגן זיין טרייסט. ער האָט צו זיי געזאָגט:

— נישטאָ קיין זינד אויף דער ערד וואָס זאָל קאָנען אָפּגעוואַשן ווערן מיט דער האַרבער שטראָף פון גאָט. אייביק וועט בלייבן די זינד און די שטראָף וועט נאָך פאַרגרעסערן די פּיין. נאָר דאָס ליכט פונעם האַרץ קאָן פאַרטרייבן די שאָטנס פון זינד און עפענען אייערע אויגן צום דערזען די שיינקייט פון געטלעכן באַשאַף. עפנט אייערע הערצער פאַר דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס דאַרף קומען און אייך דערהויבן. נישט מיט קיין שטראָפנדיקע רייד קום איך צו אייך, ווייל די שטראָף וועט אייך נאָר ווי טאָן, ווי עס טוט ווי דעם קנעכט, ווען זיין האַר בייטשט אים מיט זיין קנוט. און דער מענטשלעכער באַשאַף איז נישט קיין קנעכט. ער איז די שענסטע יצירה פון גאָט, באַשאַפן אויסצוזינגען זיין גרויסע שירה. אַז ווייל איז צו דעם, וואָס דערהערט די שירה פון ליבשאַפט ריזלען אין זיין האַרץ. דער דאָזיקער שיינט מיט דער ריינקייט פון מאָרגנשטערן און גייט אויף מיט זיין ליכט איבער די מלאכים. וויי, וויי איז דעם האַרץ, וואָס פאַרשליסט זיינע טויערן פאַר דער גרויסער ליבשאַפט, די געטלעכע מתנה פאַרן מענטש. ער וועט שוין קיין מאָל נישט זען דאָס ליכט און נישט דערהערן דאָס געזאַנג. גאָט אַליין האָט זיך געמיט און אויסגעפורעמט דעם מענטש אין זיין געשטאַלט. אַ האַרץ האָט ער אים געגעבן צו פילן און ליב האָבן, אויגן האָט ער אים געגעבן צו זען דעם פּראַכט פון באַשאַף. לאָמיר אָפּהיטן די ריינקייט פונעם האַרץ און די שיינקייטן פאַרן מענטשלעכן אויג. לאָמיר זינגען אַ גרויסע שירה צו די טייערע מתנות פון גאָט.

אַ גרויס, הייליק ליכט איז אויפגעגאַנגען מיט זיין שיין. ער איז געווען ווי דער גילדענער בעכער, אָן אָנגעפולטער מיט דערקוויקנדיקן ווייַן, וועלכער קומט און דערפרייט דאָס האַרץ יעדן, וואָס דערנענטערט אים צו זיין ליפּן. די מענטשן האָבן זיך אָנגעצונדן פון זיין ליכט, לויטערער געוואָרן און ער, אַ באַנייטער, האָט מיט יעדן טאָג אויפגעשיינט מיט אַ באַנייט שיין. ער פלעגט קומען פון זיינע טאָגיקע

וואַנדערונגען, פון זיין פאַרזאַמלען זיך מיט פויערים און פּאַסטעכער, און זיך געלאָזט גיין צום ריזלדיקן קוואַל, זיך צו טובלען פון שטויב פון וועג. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אים זי, גומר, וואָס האָט מיט איר שטילקייט און הכנעה אויפגעוועקט אין אים אַלע שיינ־קייטן און צוזאַמען מיט אים געשטיגן צו די הויכקייטן פון נשמה־דיקער לייטערונג. ער האָט זי געטראָגן אויף זיינע הענט צום גע־צעלט, ווי אַ שטילע ריינע שאָף אין די רחמנותדיקע הענט פון פּאַס־טעך און ביידע האָבן געטרונקען פון לויטערן, הימלישן קוואַל. פון זייערע הערצער איז אויפגעגאַנגען די גרויסע שירה פון ליבע אָן גרענעצן, וואָס מאַכט בטל די פּילונגען פון אַלע איבעריקע חושים, נאָר גייט אויף אין געזאַנג און דערנענטערט דעם מענטש צו דער מדרגה פון גאָט. ווי אַ פרישער ריזלדיקער קוואַל איז זי פאַר אים געווען. פון דאָרט האָט ער געשעפּט די גרויסע טרייסט פאַר זיין מענטשלעכן זיין, און אַ דערהויבענער, געגאַנגען צום פאָלק און גע־טראָגן דערהויבנקייט. זיין האַרץ איז געוואָרן אַן איבערגעפּולטער בעכער פון גליק, אַן אויפגעשיינטער אין ליכט פון דער זון. ער האָט געקוקט אין אירע אויגן, געגלעט איר שוואַרצע, שווערע האָר, און אַ גרויס לויב איז אויפגעגאַנגען אין זיין האַרץ, פאַר דער געט־לעכער מתנה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן. אין די וואַנדערנדיקע טעג איז זי אים געשטאַנען פאַר די אויגן, מיט איר קינדיש פול גע־זיכט, מיט איר שמאָלן רונדן גוף און אָפענעם קינדערישן בליק, און אין די נעכט איז אויפגעגאַנגען זייער שירה צום הימל און די מלאכים האָבן מיטגעזונגען זייער געזאַנג.

און זי איז אויפגעגאַנגען אין אירע אויגן ווי אַ ניי־געבוירענע, ווי אַן ערשט אויפגעקומענע אין דעם שיין פון טאָג. זי האָט זיך גע־טוליעט צו די פאַלדן פון זיין קלייד, ווי אַ זונשטראַל צום אויפגע־בליטן בוים. אַלץ וואָס איז געשען מיט איר פריִער איז פון איר פאַר־שוווּנדן, איר הפקר־לעבן אין זנות איז פון איר אָפּגעשטאָרבן, ווי עס שטאַרבט אָפּ און פאַלט אַוועק אַ קראַנקער צווייג אויף אַ גע־זונט־פאַרוואָרצלטן בוים. די געדעכעניש פון איר פריִערדיק לעבן

איז פון איר אַוועק. און אַ ריינע, אַ געלייטערטע אין חסד פון איר גרויסער ליבע צו אים, צו דעם נביא, האָט אויפגעזונגען דאָס גרויסע ליבע-געזאַנג אין איר האַרץ. זי האָט אים אָנגעפולט מיט איר חסד אויף אַלע זיינע וועגן. מידע גאָטספאַרכטיקע פויערים, וואַנדערנדיקע פּאַסטעכער, האָבן מיט גרויס דורשט געטרונקען די זיסע רייד פון זייער גוטן נביא, וועלכער שעלט נישט, שטראָפט נישט מיטן פייער־דיקן רוט פון גאָטס ברענענדיק וואָרט. זיי האָבן געהויבן צו אים זייערע שאָפענע אויגן און געבענטשט אים אין זייער פשוט, געטרייסט האַרץ. דער צעהוליעטער קעניגלעכער הויף, די מיליטערישע מוש־לים, האָבן ביישטיין נישט געקאָנט פאַר דער גרויסער גוטסקייט און ליכטיקייט פון נביאס רייד. האָבן זיי פאַרמאַכט פאַר אים טיר און טויער און פאַרשטאָפּט זייערע אויערן נישט צו הערן זיין וואָרט פון נחמה. ווייל שטאַרקער פון שטראָף־רייד איז געווען דאָס ליכט וואָס ער האָט זיי געבראַכט, און מעכטיקער פון דראָענדיקער קללה איז געווען זיין ליבע־געזאַנג, וועלכע ער האָט אויסגעזונגען פאַר די מענטשן, וועלכע באַקערן זיך צו גאָטס געלייטערטן חסד. האָט ער געשטורעמט די פעסטונג פון זנות מיט שטראַלן פון ליבשאַפט און געגלויבט, אַז ער וועט זיי בייקומען. ווייל שטאַרקער פון אַלץ איז דער גרויסער כוח פון ליבע, וואָס קיין פייער קאָן אים נישט פאַרברע־נען און טייכן קאָנען אים נישט פאַרפלייצן, ווייל דאָס איז דער כוח, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער לויטערקייט פון דער שכינה.

און ווען ער איז איין מאָל אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז אים באַשערט געווען צו זען, ווי די פרייד פון זיין האַרץ טוט אַ שפּאַר איבער די ברעגן און פאַרשיכורט אים מיט איר מאַכט. גומר איז געשטאַנען נעבן אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. ער האָט איר געגלעט איבער איר קליינעם קאָפּ און געשמייכלט צו איר ווי אַ יונגער, צעוואָקסענער פאָטער צו זיין צעשפּילט קינד. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים, ווי שטענדיק, ווען ער האָט זי גע־זעגנט ביים אַוועקגיין. אַ שווייגנדיקע איז זי געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק צו אירע פיס. פּלוצלונג האָט זי אויפ־

געהויבן צו אים אירע טיף־שוואַרצע, רויקע אויגן און אַרויסגע־שטאַמלט:

— איך טראָג אַ בשורה אין מיין האַרץ, פאַר דיר מיין מאַן און געביטער.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר די הענט, אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און געפליסטערט:

— גומר, ליכט פון מיינע אויגן אויף די וועגן צום מענטש.

האָט זי צוגעשלאָסן אירע וויִעס און אַרויסגעשעפטשעט:

— דער גוטער גאָט האָט געשיקט זיין ברכה אין מיין לייב, מאַן מיינער, האַר און געביטער. און זי האָט באַהאַלטן איר געזיכט אין זיין וויס, געפאַלדעוועט קלייד.

ער האָט אָוועקגעטראָגן די בשורה מיט זיך ווי אַ ליכטיקן פאַקל איבער די וועגן. אין יענעם טאָג האָבן די פאַסטעכער אין פעלד גע־טרונקען זיינע רייד און ווי פאַרשיכּורטע זיך דערהויבן אין אַ וועלט פון בלויז חסד און שיין. זייער טרייסט איז אויפגעגאַנגען אין די ליכ־טיקע רייד פון נביא, ווי אַ דערפרייענדיקע, געטלעכע בשורה.

ו

איבערן גאַנצן צפון־טייל פון לאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער אָפּגעהיטענער נביא האָט איינגעזאַמלט אין זיין הויז די באַוווּסטע זונה גומר פון דבליים און האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. אין די ווינקלען פון די שטאָטישע געמאַרקן און אין די געצעלטן פון ווייגערטנער־היטער האָט זיך צעטראָגן אַ שאַרפע תרועמת קעגן געטלעכן מאַן, וועלכער פאַראומרייניקט זיין געצעלט מיט אַן אומ־ריינער פרוי, אַ קדשה. פאַסטעכער פון סטאַדעס, וועלכע האָבן זיך פריִער געהאַט געקוויקט מיטן פרישן גוף פון דער יונגער זונה, האָבן הויך גענומען רעדן וועגן נביא, ווי וועגן אַ פאַרדאַרבענעם, וואָס גיט אַ שלעכטן ביישפּיל פאַרן פאָלק. אויפגעבערענט האָט אין זיי אַ באַ־האַלטענער צאָרן קעגן יענער, וואָס האָט נישט פאַרמיטן איר גע־לעגער פאַר יעדערן פון זיי און איצט איז געקומען ער, דער נביא,

און האָט אויף שטענדיק פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי איר חסד. זיי האָבן אויפֿגעהערט זיך צוצוהערן צו דעם נביאס רייד מיט גלויבן און צוטרוי. אָנגעפּוישטע פֿון כּעס, ווי שווערע כּמאַרעס, זענען זיי געשטאַנען און געשוויגן און אין זייערע הערצער האָט געפֿינצטערט דער שווערער צאָרן. זיי האָבן אויפֿגעהערט בענטשן זייער נביא ביי זיין קומען און אים נישט נאָכגעשיקט זייער ברכה ביי זיין אַוועקגיין. ער איז געוואָרן צו זיי ווי אַ פֿרעמדער, וואָס קומט און רייסט זיך אַריין אין יענעמס נחלה און טוט מעשׂים קעגן ווילן פֿון באַלעבאָס. זייער פֿריִערדיקע ליבע צום נביא איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן האַס, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין אַ כּעס, וואָס אָט אָט וועט ער אויפֿפֿלאַמען מיט דראָענדיקן פֿלאַם צום הימל.

און אַ וואָלקן האָט זיך געלייגט אויפֿן נביאס געמיט. ער האָט פֿאַרלאָרן דעם וועג צו זיין פֿאָלק און מער נישט געטראָפֿן צום שטעג פֿון זיין האַרץ. די שווייגנדיקע שטרענגע פּנימער האָבן אים אָנגעפֿולט מיט גרויס אומעט, וואָס האָט פֿאַרטונקלט אין אים זיין אינערלעך ליכט. אַ מידער, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ האָט ער זיך געקערט צו זיין געצעלט, אַרויף אויף זיין בוידעם־שטיבל און געשפּרייט זיין ביטערע טענה צו די פֿינקלדיקע שטערן:

— נישט שוין זשע איז פֿאַרלאָשן דאָס ליכט אין מענטשנס האַרץ און געגעכטיקט האָט דאָרט די בייזע פֿינצטערניש? ווער האָט פֿאַרמאַכט זייערע אויגן פֿון צו זען דאָס ליכט, און אָנשטאָט דעם אָנגעצונדן זייער בליק מיט ווילדן גרימצאָרן פֿון דער פֿאַרצוקעריישער חיה אין וואַלד? צי איז זיי ליבער די רוט פֿון דעם שטראָפֿער ווי די גלעטנדיקע האַנט פֿון דעם, וואָס ברענגט די טרייסט? פֿאַר וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון זיי דער חסד פֿון גאָטס שטראַלנדיקער נחמה?

ביז אין גרויען פֿאַרטאָג איז ער געזעסן אין זיין איינזאַמקייט, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צו זיינע קני און זיין האַרץ איז פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿון אַ ים מיט צער. ווער בין איך — האָט ער זיך געפֿרעגט, וואָס קאָן נישט אויפֿהאַלטן דיין געטלעכן צלם פֿאַר זייער צעטומלטן

בליק? מיטן אויפגיין פון טאָג האָט ער זיך געלאָזט גיין. ער איז אָנגעקומען צו אַ געזעמל פון שניטערס און איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, אויך ביי די ווייַנגערטנער זיך נישט אָפּגעשטעלט. אויף אַ בערגל, באַוואָקסן מיט ווילע קאַקטוסן און ווילדגראָזן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און, מיט געזונקענעם קאָפּ פאַרגאַנגען אין שווערע רעיונות. אַ גאַנצן טאָג איז ער אָפּגעזעסן אין זיין פאַרטראָגענער פאַרטראַכטקייט, אַ געפּאַנגענער פון שטורעם, וואָס האָט געברויזט אין זיין האַרץ. אַזוי איז אַ מאָל געזעסן זיין לערער, דער גרויסער נביא, וועלכער איז אַנטלאָפן אין דער מדבר און דאָרט געבעטן אויף זיך דעם טויט.

פלוצלונג האָט ער געהערט אַ גערויש אַרום זיך. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען אַרום זיך אַ מחנה פאַסטעכער מיט שוואַרץ-צעווינטיקטע בערד און שטאַרקע, לאַכנדיקע ציינער. אַרום איז אויפגעגאַנגען דער רויטער פלאַם פון זון-אונטערגאַנג, און די ווילדע פאַסטעכער האָבן אין שקיעה-פלאַם אויסגעזען ווי אַנקומענדיקע, בערדיקע שדים, שליחים פון דער נאַכט-פינצטערניש. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם נביא מיט הויכע, הילכיקע געלעכטערס און באַנומענע קולות:

— וואָס גייסטו נישט אין דיין געצעלט, געטלעכער מאַן, דיין זונה, די מויד פון דבלים קאָן זיך שוין אויף דיר נישט דערוואַרטן!

ווי די שדים האָבן זיי געטאַנצט אַרום אים. זייערע געלעכטערס און געשרייען האָבן זיך צעשאָטן ווייט אַרום, ווי דער גיהנום וואָלט זיך געעפנט און די טומאה וואָלט אויפגעשפּילט מיט איר פינצטערער מאַכט. ער איז געזעסן אַ פאַרשעמטער, אַ געשענדעטער, זיך געוויקלט אין זיין קלייד ווי אין אַ שוץ קעגן שמייסנדיקן רעגן. און זיי האָבן געווילדעוועט, געשריגן און געלאַכט:

— גיי צו איר, נביא, ווייל דו קאָנסט נאָך פאַרשפּעטיקן!

ווי אַ געיאָגטער פון וועלף איז ער געלאָפן פאַרויס מיט אויגן אויפגעריסענע פון שרעק. פון די בערג האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ שניידנדיקער ווינט און געריסן די פאָלעס פון זיין קלייד, געפליקט די לאָקן פון זיין קאָפּ. ער איז געלאָפן צו זיין היים, ווי מען לויפט

ראַטעווען דעם לעצטן פֿאַרמעג פֿון אַ בושעווענדיקע שריפֿה. עס זע־נען געלאָפֿן מיט אים און אים איבערגעיאָגט די ווילד־געוואָרענע פֿאַסטעך־יונגען. זייערע געשרייען און געלעכטערס האָבן אין אים זיין האַרץ פֿאַרקילט, ביז זיי זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון זיינע אויגן. און נאָר דער ווידערקול פֿון זייערע געוואַלדן, פֿון זייערע כאָרכלענדיקע שווייסיקע שטימען האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי דער געוואָי פֿון הונגעריקע וועלף. און ווען ער איז אָנגעקומען צו דעם שמאָלן וועג פֿון זיין געצעלט, איז ער געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער, ווי דאָס בלוט פֿון אים וואָלט מיט אַ מאָל אויסגערונען און נאָר זיין הויט און ביין איז אים געבליבן, פֿאַרקראַמפּט אין שטייפֿקייט און טויט.

פֿאַרן הויז איז געשטאַנען גומר, אָנגעשפּאַרט אָן ביישטידל פֿון געצעלט, ווי אַ פֿאַרמאַטערטע חיה, וועלכע איז געפֿאַנגען געוואָרן אין נעץ פֿון יעגער. קעגן איר זענען געשטאַנען אַ מחנה פֿאַסטעכער און פֿעלד־יונגען, מיט ווילדן פֿייער אין די אויגן און ווייסן בלאַנק אין די ציין, ווי ביי פֿאַרצוקערישע וועלף. זיי האָבן גערופֿן צו איר מיט גראָבע, אומפֿאַרשעמטע רייד. אייניקע האָבן געלאַכט ווי באַנו־מענע און געמאַכט צו איר אויסגעלאַסענע הועיות. אַן עלטערער פֿאַסטעך, מיט אַ שיטער־אויסגעקראַכענע באָרד און שלעכטע שיטערע ציין, האָט פֿאַרהויבן זיין גרויען פֿעלד־בגד און איר געוויזן די נאַקעט־קייט פֿון זיין מאַנצבילישקייט, אויסרופֿנדיק צו איר:

— פֿאַרמייד נישט דיין געלעגער פֿון מיר, הויך־געאַכפּערטע זונה, איך האָב גענוג שאָפֿן־קעז מיט וואָס דיר צו באַצאָלן!

אַ שטורעם־ווינט האָט אַ וואָקל געטאָן דעם נביא פֿון זיינע פֿיס. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און זיך געלאָזט צום געצעלט צו פֿאַרהיטן מיט זיין גוף די אין טויטשרעק פֿאַרגליווערטע גומר. אָבער די ווילדע פֿאַסטעכער האָבן אים דעם וועג פֿאַרשטעלט, אים פֿאַר זיין קלייד פֿאַרהאַלטן און צו זיין הויז נישט צוגעלאָזט. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעקוקט, ווי דער אַלטער פֿאַסטעך מיטן גרויען פֿעלד־מלבוש און שלעכטע ציין, וואַרפֿט אום די דערשראָקענע גומר אויף דער ערד, רייסט פֿון איר דאָס קלייד אַראָפּ און שלאָגט איר מיט זיין ברייטע

פויסט צווישן אירע אויגן. זיי האָבן פאַרטייעט זייער אָטעם און זיך צוגעקוקט צו דעם געראַנגל. דערנאָך האָט זיך אַ ווילד געשריי אַרויס־געריסן פון זייערע מיילער: פאַר די אויגן פון דער צעווילדעוועטער סטאַדע מענטשן־וועלף האָט דער אַלטער פאַסטעך באַמאַנט די גע־חלשטע גומר.

דער נביא איז געלעגן אויף דער ערד, זיין ווייסער בגד אויס־געוואַלגערט אין שטויב און זיינע לאָקן פאַרגראָבן אין דער ערד. אַ פינצטערניש האָט אים באַהערשט, ווי עס וואָלט זיך מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן אויף דער וועלט דאָס ליכט פון גאָט.

ז

...ווער זענען אָט די מענטשן, וואָס רעדן מיט מיין שפּראַך, אָטעמען מיט מיין לופט און לעבן מיט מיר אויף איין ערד? וועלכער שׂטן האָט זיי אויסגעטראַכט אַהער, צום פאַרשוועכן דאָס ליכט פון טאָג און אויספילן מיט ווילדן, חיהשן געהייל די שטילקייט פון דער נאַכט? וועלכער גאָט האַלט זיי אויף אויף דער ערד מיט זיין באַרעמ־האַרציקייט און לאַנגן אָטעם פון מחילה? ווו איז דער פאָדעם וואָס האָט מיך געבונדן מיט זיי, מיט די אויסגעלאַסענע און פאַרדאַרבענע, מיט די פאַרשוועכער פון גאָטס ליכט אויף דער ערד?

איך וועל קומען צו זיי און זיי ברענגען די ברענענדיקע קללה פון גאָט. איך וועל פאַרביטערן זייערע הפקרע טעג און זייערע אויס־געלאַסענע נעכט. פייער און שוועבל וועל איך שיטן אויף זיי און דעם צאָרן פון גיהנום וועל איך אויף זיי אָנרייצן.

פוסט און וויסט וועט ווערן זייער געצעלט און זייערע צעווע־רימטע גופים וועלן בלייבן אַ שפּייז פאַר די חיות אין פעלד. די נידעריקע ברואים, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גרויסן חסד פון גאָטס ליבע, וועלן טרינקען דעם בעכער פון גיפט, וואָס איך וועל זיי אין זייער איינגעווייד אַריינגיסן, ביז זיי וועלן פאַרשווינדן פון אונטער גאָטס ריינע הימלען.

ער איז געבליבן אויפן האַרטן געלעגער אויף זיין בוידעם־שטיבל און זיינע אויגן האָבן געברענט מיט פייער פון וואַנזיניקן צאָרן. געזען האָט ער דעם צעהוליעטן קעניגלעכן הויף, די אַריסטאָ־קראַטישע קעניגין־זונה, די מיליטערישע מושלים, די וויין־קרעמערס און שאַפּן־הענדלער, אַלע פּאַרטרונקענע אין זנות און רציחה. חיהשער געהייל איז זייער געדייד און טיגערישע רציחה איז זייער טוונג. זיי טרינקען דאָס בלוט פון דעם יתום און נידערן צו דער ערד דעם גוף פון דער אלמנה. אָ פרעמדער, ווילדער הייזעריק, אַן אַנגעלאָפע־נער פון מדבר, וואָס קומט פאַרדאַרבן און פאַרלענדן. ניין, דאָס איז נישט מיין פאָלק! דאָס האָט נאָר די פּרוווערישע האַנט פון גאָט מיך צונויפגעפּירט מיט זיי אויף איין ערד, געלערנט זיי רעדן מיטן זעלבן לשון וואָס מיינער, אָבער זיי זענען נישט איך; זיי זענען נישט קיין גליד פון מיין גליד, זיי זענען די אומריינקייט, די פאַרשוועכער פון דער שיינקייט אויף דער ערד.

מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון אַנגעצונדענעם שגעון איז ער געלאָפן צו די צעפּראַלטע פענצטער פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, צו די צעהוליעטע כוהנים ביי די צעיושעטע מזבחות, צו די פרעכע מיליטע־רישע מושלים, צו די פאַרגרעבטע פאַסטעכער אין פעלד, און זיין צונג האָט געפלאַמט מיטן בייזן, פאַרצוקנדיקן פלאַם.

— אָ, איר דערדריקער פון אלמנות און מערדער פון יתומים! הערט אויס די רייד פון גאָט און ווערט פאַרגליווערט פון שרעק. אָט קומען טעג, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, און אייער געביין וועט פאַרשווינדן פון דאַזיקן לאַנד. אין אייער שאַנד און שמוץ וועט ער אייך אָ וואַלגער טאָן און איר וועט ווערן די שפּייז פון די ווילדע חיות אין פעלד. איר, וואָס האָט נישט געקאַנט אויפנעמען גאָטס ליכט, וועט פאַרטרונקען ווערן אין חושך און די פינצטערניש וועט אייך אַרומנעמען. איר, די זונות פון קעניגלעכן הויף, די אויסגעלאַסענע מיליטערישע מושלים, די פרעכע גנבים פון די אַנפירער פון די שטעט און די גראָבע בהמה־פאַסטעכער פון דאָרף און פעלד. אָ, איר אומ־ווירדיקע! אָ פאָלק איז אַרויס פון מצרים און איז צוליב אייך אומ־

געקומען אין מדבר. זייער בלוט און פלייש האָבן זיי געבראַכט פאַר אַ קרבן פאַר גאָט, כדי איר און אייערע קינדער זאָלן קאָנען אַרבן זייער ירושה, וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט צו זען מיט זייערע אויגן. און איר האָט פאַרשוועכט זייער קרבן! געאַרבט זייער אַרבונג און עס פאַרוואַנדלט אין אַ גאָב פון זנות און אַ באַצאָלונג פאַר אַ הונט! איר, וועלכע שטעלן אַרויס זייער אויסגעלאַסנקייט פאַר די אויגן פון דער זון — פאַרכט אייך! אָט קומט אָן אַ טאָג, זאָגט דער האַר פון דער וועלט און איך וועל אָפּקערן מיין פּנים פון מיין פאָלק און זאָגן ניין, דאָס איז נישט מיין פאָלק, צו זיין זון וועט ער זאָגן, דאָס איז נישט מיין זון. אַ פייער וועט קומען אויף אייער לאַנד און וועט אייך פאַרצערן ביזן וואָרצל, ביז איר וועט אָפּגעמעקט ווערן פון אונטער די הימלען פון גאָט!

פחד און גרויל האָט דער נביא געוואָרפן מיט זיין בייזער נביאות. די מיליטערישע מושלים און די אָנפירער פון שטעט האָבן גערופן דאָס פאָלק נישט צוצוהערן זיך צו די רייד פון נביא און דער קעניגלעכער הויף האָט געטראַכט דעם נביא צו טויטן. און ער איז אָן פאַרכט אין האַרצן, נאָר מיטן ביטערן פלאָם אין זיינע אויגן, אומגעגאַנגען, און אויסגעשריגן זיין ביטערע קללה. ער איז מער נישט געקומען אין זיין געצעלט, פאַרלאָזט זיין בוידעם־שטיבל און גענעכטיקט אין לעכער פון די בערג און גריבער אין פעלד. זיינע שווערע ברוינע לאָקן האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן מיטן ווילדן געוויקס פון זיין באָרד. און ווען ער איז אַרויס פון זיין אויפנהאַלט אין פעלד און באַרג, איז ער אויפגעקומען ווי אַ ווילדער פויגל פון אַ ווייטן קאַנט, וואָס וואַרפט זיך אויפן מענטש און פליקט אים אויס די אויגן. מענטשן האָבן אים אין שרעק אויסגעמיטן, און ער איז געגאַנגען פון אָרט צו אָרט און געזייט די פייערדיקע געטלעכע קללה אויפן וועג.

און איין מאָל, אין אַ פריִען פאַרנאַכט, איז ער אָנגעקומען צו זיין געצעלט. ער איז צוגעגאַנגען און פאַרהויבן דעם לייוונט פון אַריינגאַנג און געבליבן שטיין. אויף דער ערד, אויף אַ אויסגעשפּרייטע ציגנפעל איז געלעגן גומר און געבן איר איר ניי־געבוירן קינד. דאָס

קינד האָט זיך געשפּילט מיט איר ברוסט און זי איז געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן צום באַדעקנס פון געצעלט.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַוועק. ער איז געגאַנגען גלייך און געלאַסן, ווי אַמאָל, ווען די שכינה פון גוטסקייט און חסד האָט אויף אים גערוט. גומר איז געשטאַנען ביי דער שוועל און האָט אים נאָכגעקוקט. דערנאָך, ווען ער האָט זיך דערווייטערט, האָט זי געמאַכט אַ צענדליק איילִיקע טריט פאָרויס און ווידער געבליבן שטיין. דעמאָלט האָט זי געזען: די אונטערגייענדיקע זון פאַלט קרום און שאַרף אויף זיין קאָפּ, צינדט אָן דעם שויבער פון זיינע ווילד־צעוואָקסענע האָר אין פייער־קופּער און אַ שווערער פאַרנאַכטיקער שאָטן פאַלט אויף זיין קלייד. זיין טראָט ווערט שווערער און שווערער, ביז זי זעט אים, אַ געבויגענעם אויפשטייגן אויפן באַרג. ווען ער איז אָנגעקומען אויפן שפּיץ פון באַרג איז ער שטיין געבליבן, אויסגע־שטרעקט זיינע הענט צו דרום, דאָרט ווו עס שפּרייט זיך דער וויס־טער מדבר און אויפן בלוי־פּיאָלעטן שיין פון האָריזאָנט האָט זיך זיין מויל צעעפנט ווי ביי אַ דורשטיקן פויגל. דערנאָך האָט ער פאַר־לייגט זיינע צעוואָקסענע הענט אויפן קאָפּ און גענידערט, מיט אַ געבויגענעם רוקן, אויף יענער זייט באַרג.

זי איז געשטאַנען און געקוקט ווי די אונטערגייענדיקע זון ברענט אויס די לעצטע רעשטלעך פון איר פאַרשווונדענעם חלום...

ביכער פון זעלבן מחבר:

פונקען אין אש — לידער. 1947
אין שיין פון ברענענדיקן דארן. לידער. 1958
א קרוג מיט ווייַן. לידער. 1962
באשר הוא אדם. ספורים. 1966
וואנדערשטאק אין בלי. לידער. 1970

אינהאלט:

אנוש	5
צעבראכענע לוחות	35
דאס שפעלע	53
דער באזיגטער קעניג	77
דער נס	97
דער פארשווונדענער נביא	117